דער מענטש דאגהט וועגן זיינע טעג וואָס ווערן פאַרלאָרן (פון זיך אַליין), און ער דאגהט ניט וועגן די טעג וואָס ער ברענגט אום (מיט די אייגענע הענט).

170

הַרְבֵּה דּוֹאֲגִים לוֹ לַחְסַר
דְּאָגָה,
לְסַפֵּק לוֹ דְאָגָה...

אַ סך זאָרגער געפינען זיך איין פאַרן זאָרגלאָזן, צוצושטעלן אים זאָרג...

171 ד ב ר.

דְּבַר חָק, בְּפִי אֱוִיל,
אוֹ מְעוֹרֵר צְחוֹק, אוֹ חִיל...

דער געזעץ אין אַ נאַרס מויל, דערוועקט אָדער געלעכטער אָדער גרויל.

172 ד ב ר.

בְּאָזְנֵי חָכָם דַּבֵּר מְעַט,
וּפֶתִי גַּם אֶל זֶה אָזְנוֹ לֹא יַט...

אין די אויערן פון אַ חכם רייד ווייני-קער; דער נאַר וועט אָט דאָס אויך ניט הערן...

173

בְּאָזְנֵי חָכָם קָשֶׁה לְדַבֵּר,
וּבְאָזְנֵי כְסִיל אִי-אֶפְשָׁר
לְדַבֵּר...

פאַר אַ חכם איז שווער צו ריידן, פאַר אַ נאַר קען מען ניט ריידן.

---

1) «אבדת ימים» במשמע כשהימים אובדים וחולפים מאליהם, «אבוד ימים» — כשהאדם מאבד אותם בידיו, במעשיו המקוקלים... וזוהי נוסחא אחת בין שאר הפתגמים בענין הדאגה המתיחסים לאבן-עזרא, כעין «אדם דואג לאבוד דמיו ואינו דואג לאבוד ימיו»; «אך שוא דאג לאבדה, אם אינה כבר בהשבת אבדה» ועוד.

174

אִם בְּאָזְנֶיךָ יְדַבֵּר אִישׁ רַע בְּרֵעֵהוּ,
מַה דִּבֵּר בְּאָזְנָיו בָּךְ — שְׁאָלֵהוּ...

רעדט איינער פאַר דיר שלעכטעס אויף דיין חבר, פרעג אים, וואָס האט ער גערעדט אויף דיר פאַרן חבר.

ד ב ר י ם.

175

דִּבְרֵי חֲכָמִים, בְּעֵינֵי קְטַנִּים יַקְטִינוּהוּ,
בְּעֵינֵי גְדוֹלִים יַגְדִּילוּהוּ.

דעם חכמ'ס ווערטער, אין די אויגן פון קליינע מאַכן אים קליין, אין די אויגן פון גרויסע — גרויס.

176

יִהְיוּ דְבָרֶיךָ יִלְדֵי מַחְשְׁבוֹתֶיךָ,
וְאַל יִוָּלְדוּ בְּשִׂפְתוֹתֶיךָ.

זאָלן דיינע ווערטער געבוירן ווערן אין דיין מחשבה, און ניט אין דיין מויל.

ד ע ה.

177

הַדֵּעָה וְהַמַּיִם דּוֹמִים:—
לֹא יַחֲזִיקוּ מַעֲמָד בִּמְרוֹמִים.

וויסנשאַפט און וואַסער זיינען ביידע גלייך, זיי האַלטן זיך ניט אויף אינדער-הויך...

178

דֵּעָה מְיֻשֶּׁבֶת וְרָצוֹן כַּבִּיר,
מוֹלִידִים כֹּחַ אַבִּיר...

אַ מיושבדיקע דעה (מיינונג) און אַ שטאַרקער ווילן געווינען אַ פעסטן כח.

179

דֵּעָה מִדֵּעָה נִפְרֶדֶת,
בֵּין שְׁתֵּיהֶן הָאֱמֶת נוֹלֶדֶת...

צווישן צוויי פאַרשיידענע מיינונגען ווערט דער אמת געבוירן.

180

אִם הִ רְ גַּ שְׁ תָּ דֵעוֹ,
בַּ נְ תָּ לְרֵעוֹ... [1]

פילסטו די זאַך, פאַרשטייסטו די זאַך.

---

1) ההטעמה כאן על המלה «הרגשת», ור"ל, בל תאמר להבין ה כ ל, די לך כשתרגישם... את נפש המשורר, למשל, עלינו להרגיש, ואל נהרוס לבוא דוקא אל נבכי חביון נפשו ולחשוב לחשוף משם מה שהוא גופו לא אבה ולא יכול לגלות לנו...

181

לְדֵעָה מִתְנַגְּדֶיהָ,
הֵם מְפַרְסְמֶיהָ.

וואָס מערער קעגנער אַ מיינונג האָט' אַלץ פּאָפּולערער ווערט זי.

182

מְעַטִּים בַּעֲלֵי דֵעָה,
רַבִּים עַבְדֵי דֵעָה...

ווייניק זיינען די, וועלכע זיינען בעלי-בתים איבער דער דעה, אַ סך זיינען די, וועלכע זיינען קנעכט פון דער דעה. (פון דער מיינונג איבער וואָס).

183 ד ע ו ת.

דֵעוֹת הַנִּקְבָּרוֹת בַּלֵּב,
מְקַרְקְרוֹת הַלֵּב.

דעות (אָנשויאונגען) וועלכע ווערן באַגראָבן אין האַרצן, צולעכערן דאָס האַרץ.

184 ד ע ת ה ק ה ל.

דַּעַת הַקָּהָל—עַיִן חוֹדֶרֶת,
וֶאֱמוּנָתוֹ—עִוֶּרֶת...

דער דעת-הקהל איז אַ דורכדרינגלעכע אויג, די אמונה זיינע (דעם קהל'ס) איז בלינד...

185

דַּעַת הַקָּהָל בְּאֶבֶן לֹא תִסָּקֵל,
אֲבָל לְזַיְּפָהּ בְּקַל...

דעם דעת-הקהל קען מען מיט שטיינער ניט פאַרוואַרפן, אָבער מזייף זיין עס (פאַלש אויסטייטשן) איז לייכט...

186

עַל דְּבָרִים שֶׁבְּצִנְעָא,
אֵין דַּעַת הַקָּהָל דָּנָה דִינָהּ.

אויף זאַכן וואָס ווערן אָפּגעטאָן בצנעא (פאַרבאָרגענערהייט) איז דער דעת-הקהל קיין באַלעבאָס ניט...

187 ד ק ד ק.

מִמִּצְוָה שֶׁאָדָם מְדַקְדֵּק
בָּהּ עִקָּר—הוּא נִכָּר...

פון דער מצוה, אויף וועלכע דער מענטש לייגט בעיקרשט זיין אַכט, ווערט ער דערקענט...

188

דִקְדוּקֵי עֲשִׁירוּת–עֲנִיוּת,
דִקְדוּקֵי עֲנִיוּת–עֲנִיוּת
שֶׁבָּעֲנִיוּת...

דקדוקי עשירות (די אלע קליינלעכע ניטוויכטיקע קאַפּריזן פון גביר) — איז אָרימקייט; דקדוקי עניות — איז אָרימקייט שבאָרימקייט...

189

לֶחֶם וּבֶגֶד–עֲשִׁירוּת,
בָּשָׂר וָיַיִן–דִקְדוּקֵי עֲשִׁירוּת.

ברויט און אַ בגד — רייכקייט; פליייש און וויין— רייכקייט-קאַפּריזן.

190 דרך החיים.

כַּךְ דַרְכָּם שֶׁל הַחַיִּים:
אוֹ רֹכֵב אוֹ הֶרְכֵּב,
אוֹ סֹחֵב אוֹ הִסָּחֵב...

אַזוי פירט זיך שוין דאָס לעבן: אָדער רייט אויף אַ צווייטן, אָדער לאָז רייטן אַ צווייטן אויף דיר; אָדער שלעפּ, אָדער ווער געשלעפּט...

191 דת.

בִּפְרוֹץ רִיב בֵּין מוֹרֵי הַדָּת,
יִרְבּוּ הַפְּרָצִים בְּחוֹמַת הַדָּת..

ברעכט אויס אַ קריג צווישן די מורי הדת (רעליגיע-לערער), ווערט שטאַרק צובראָכן דער חומת הדת. (רעליגיע-מויער).

מפי העם.

192 ד א ג.

הַכֹּל דּוֹאֲגִין:
הָאַחַת עַל מְעוּט
מַרְגָּלִיּוֹתֶיהָ עַל צַוָּארָהּ,
וְהַשְּׁנִיָּה עַל מְעוּט גְּרִיסֶיהָ
בַּקְּעָרָה...

פאַרשיידענע דאגות: איינע דאגהט וואָס אירע פערל זיינען צו שיטער, אַ צווייטע דאגהט וואָס אירע גרויפּן זיינען צו שיטער.

193

כְּשֶׁהָאָדָם בָּרִיא,
לִדְאָגוֹתָיו אֵי-מִדָּה?
וּבַחֲלוֹתוֹ—דְּאָגָה לוֹ רַק
יְחִידָה... [1]

אַז אַ מענטש איז געזונט, זיינען די דאגות זיינע אָן אַ ברעג; אַז ער איז קראַנק, האָט ער איין איינציקע דאגה (וואָס גיכער געזונט צו ווערן).

194 ד ב ר-א ח ר.

רַק אֶצְבַּע הֶרְאֵיתָ
לְ"דָבָר-אַחֵר",
לְבַקֵּשׁ יַד כַּלָּה לֹא יְאַחֵר... [2]

ווייז אַ «דבר-אחר» אַ פינגער, כאַפּט ער די גאַנצע האַנט...

195 ד ב ש נ י ו ת.

דְּבַשָׁנִיּוֹת הַרְבּוֹת בַּאֲכִילָה,
גַּם מֵהֶן אַתָּה בָּא לִידֵי
בְּחִילָה...

פירעשקעס עסן, ווערט אויך צוגעגעסן.

196 ד ג ה.

הַדָּגָה בְּזוֹל קָנִיתָהּ,
שְׁפוֹךְ מְרָקָהּ עַד לֹא שָׁתִיתָ...

פון ביליגע פיש גיס אויס די יויך, איי-דער דו זופּסט נאָך.

---

1) הדאגה להתרפא ולהבריא במהרה. 2) יש מנסחים: כאן: «רק אצבע הראית ליהודי וכו'»...

197 ד ה י נ א.

מַפְלִיאָה לַעֲשׂוֹת מַטְעַמִּים
אֲחוֹתֵנוּ, דִינָה,
כְּשֶׁהִיא מְצוּיָה אֵצֶל
דְּהִינָא... [1])

אויף אַ פולע סקרינע (פויליש: אַ שפייז-עלמערל) איז יעדע איינע אַ גאָספּאָדינע. (אַ באַלעבאָסטע).

198 ד ו ן.

אַל תָּדוּן אֶת חֲבֵרְךָ עַל-פִּי
הַכּוֹבַע לְקָדְקֳדוֹ,
שֶׁמָּא גְּנֵבָה הִיא בְּיָדוֹ...

אורטייל ניט דיין חבר לויט זיין היטעלע אויפן קאָפּ, ס'איז מעגליך, אַז דאָס איז אַ געגנבעטע...

199 ד י.

„דֵי לְחַכִּימָא בְּרְמִיזָא",
לְשַׁטְיָא לֹא מְהַנְיָא גַּם
כּוּרְמִיזָא...

אַ קלוגן העלפט אַ ווונק, דעם שוטה וועט קיין שטעקן אויך ניט העלפן.

200 ד מ ע ה.

דִּמְעָה דְלוּהָ הַבָּצָל וְהַחֲזֶרֶת,
לְבַב אִישׁ אֵין הִיא מְעוֹרֶרֶת.

טרערן דורך ציבעלע און כריין, דער-וועקן ניט דעם מענטשנס האַרצן.

201

בְּשֶׁל דִּמְעוֹת שָׁוְא נִשְׁפָּכוֹת,
גַּם הַדְּמָעוֹת הַנֶּאֱמָנוֹת
נִשְׁכָּחוֹת...

צוליב די פאַלשע טרערן, הערט מען ניט די אמתע טרערן.

202 ד ע ה.

הַב מֵאָה, וְחַו דֵּעָה... [2])

גיסטו די מאה, זאָגסטו די דעה.

203 ד ע ו ת.

הָאֲלָפִים וְהַמֵּאוֹת,
מַחֲלִיפִים הַדֵּעוֹת.

די מאות, בייטן די דעות.

---

1) דהינא-קדרה מלאה שומן. 2) כי «ממון», כידוע, בגמטריא «קול»...

204

הַדֵעוֹת, אֵינָן קִנְיַן הַמֵאוֹת.

די דעות זיינען ניט דאָס אייגנטום פון די מאות.

205 ד ע ת.

לוּ לְמִמְכַּר דַעַת חֲנוּת נִפְתָּחָה,
רֶגֶל כְּסִיל בָּהּ לֹא דָרְכָה...

ווען מען וואָלט האָבן אַ קראָם געעפנט, חכמה צו פאַרקויפן, וואָלט דער נאַר איר שוועל ניט אַריבערגעטראָטן.

ממדרש עם.

ד א ג ה.

206

„דְאָגָה בְלֶב אִיש יַשְׁחֶנָּה,"
וּלְבַב „לֹא-אִיש" לֹא
יֵדָעֶנָּה... [1]

«האָט אַ «מ ע נ ט ש» אַ דאגה, פאַר-
טרויט ער עס אַ צווייטן», אַ א ו מ-
מ ע נ ט ש האָט בכלל קיין דאגה ניט...

207

אִם מַרְבֶּה דְאָגָה גַּם הֶעוֹנִי,
אַחַת אֲבַקֶּשְׁךָ, רִבּוֹנִי,—
חֶלְקִי תָּשִׂים,
בֵּין דוֹאֲגֵי דַאֲגַת
„הַמַּרְבֶּה נְכָסִים"... [2]

אויב אויך אָרעמקייט פאַרמערט דאגה,
בעט איך דיר, גאָטעניו, גיב מיין חלק
צווישן די, וועלכע האָבן די דאגה פון
«המרבה נכסים»... (זע בּאַמערקונג)'

208

„בָּרוּךְ ה' יוֹם יוֹם"—
אַל תִּדְאַג דַאֲגַת מָחָר הַיּוֹם,
דַּי לְךָ בְּשֶׁל הַיּוֹם... [3]

«ברוך ה' יום יום» (געלויבט איז ג' פאַר
יעדן טאָג).— זאָרג ניט היינט די זאָרג
פון מאָרגן, ווייל ס'קלעקט דיר די
זאָרג פון היינט...

ד ב ר.

209

אִתְּמַר: הָאָדָם בְּקַטְנוּתוֹ
אֵינוֹ יָכוֹל לְדַבֵּר,
בְּגָדְלוֹ, אֵין מַנִּיחִים לוֹ לְדַבֵּר,
וּלְעֵת זִקְנוּתוֹ, אָסוּר לוֹ
לְדַבֵּר...

אַ מענטש קליינערהייט — קען ניט ריידן;
גרויסערהייט — לאָזט מען אים ניט
ריידן, און צום עלטער— טאָר ניט ריידן.

---

1) כי אין שוטה מרגיש כלל... 2) התנא ב«פרקי אבות» הולך ומונה הרבה מיני «כל המרבה» לריעותא, שאחד מהם «מרבה נכסים מרבה דאגה», והיהודי דנן טוען כאן: אם מרבה דאגה גם העוני, ודאגה נגזרה עלי מן השמים, תהא דאגה זו דאגת «המרבה נכסים». 3) מעין «דיה לצרה בשעתה». ויש גורסין כאן «ברוך וכו' אם לא תדאג למחר, וכשלת גם היום»...

210

ד ב ר.

„דִבְרֵי חֲכָמִים בְּנַחַת נִשְׁמָעִים",
עַל כֵּן אֵין שׁוֹמְעִים לָהֶם נִמְצָאִים... [1]

דעם «חכמ'ס ווערטער הערן זיך געלאָסן», דעריבער הערט מען זיי טאָקע ניט...

211

ד ב ש.

„דְבַשׁ וְחָלָב תַּחַת לְשׁוֹנוֹ" — אֵין לוֹ בַּמֶּה לְלַפֵּת פִּתּוֹ בִּמְעוֹנוֹ...

דער פסוק זאָגט: «האָניג און מילך אונטער זיין צונג», און מיט וואָס צו באַשמירן זיין ברויט האָט ער ניט...

212

ד ו ד.

„אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר תְּיַסְּרֶנּוּ יָהּ" — בְּדוֹד עָשִׁיר בָּאָרֶץ, שֶׁאַמֵרִיקָה שְׁמָהּ... [2]

«אַ פסוק זאָגט: גליקליך איז דער, וועמען דו שטראָפסט, גאָט!» (אָנשטאָט, לאָמיר זאָגן, אַ בייזע שוויגער...) מיט אַ רייכן פעטער אין אַמעריקע... (זע באַמערקונג).

213

ד ו ר.

„פְּנֵי" הַדּוֹר, לְפִי הַדּוֹר...

די «פני» פון דור איז לויטן דור...

214

דּוֹר, מֶה-רָמוּ עֵינָיו,
וּמַה בַּז לִקְטַנּוֹת,
וַיְהִי תֹאַר „הָרַב הַגּ"
אֶחָד מִמִּסְכֵּנָיו,
וּמִסְפַּר „רַשְׁכַּבַּ"הְגָ'ין"
נִלְאָה מִכַּנּוֹת... [3]

אַ דור איצט פון גאָר גרויסע השגות: דער טיטל «הרב הג'» איז שוין גאָר אַ קלייניקייט; מיר האָבן שוין אַפילו «רשכ"בהג'ן» — «רבן של כל בני הגולה» («דער רבי פון גאַנצן גלות...») אָן אַ צאָל...

---

1) מאמר זה ב«פרקי אבות» יש מפרשים ג"כ: «דברי חכמים בנחת (אם הם נאמרים בנחת, מבלי הטלת מורא ומרה) נשמעים»... 2) «דוד עשיר באמיריקה» תופס לע"ע, כידוע, מקום מאד חשוב בחיינו הצבוריים... ההלצה היהודית מדייקת ג"כ בפסוק «כי טובו דודיך מיין» — זהו הדוד מאמריקה... משנות המאה הי"ח, להפך, נשארו לנו רשמי בטויים המעידים על התיחסותו השלישית של היהודי אל המהגרים הראשונים לאמיריקה, למשל: «בחור, בחור, תן עיניך במשפחה, מעולם לא היה בה לא חיל, לא אמיריקאי ולא בעל מלאכה»... שכל שלשת אלה נחשבו בימים ההם לפסול במשפחה... 3) האידנא, בעולמנו השפל הזה, בע"ה, מי הוא זה שאינו מוכתר בתואר כבוד כזה?... כל הרוצה בא ונוטל לו השם...

215

דּוֹר דּוֹר וְדוֹרְשָׁיו:
דּוֹר שֶׁסַּנְדְּלָרָיו הִלְכוֹת
שִׁיר פּוֹסְקִים,
וּמְשׁוֹרְרָיו בְּתְפִירַת
נְעָלַיִם עוֹסְקִים.

יעדער דור מיט זיינע פֿאַכלייט: אַ דור ווען שוסטער מאַכן לידער, און ווען דיכטער נייען שיך...

ד ו ר ו ת.

216

„צַדִּיק אָבַד וגו'" – אָמְרוּ
הַדּוֹרוֹת הָרִאשׁוֹנִים,
„אִישׁ אָבַד וגו'" – אוֹמְרִים
הַדּוֹרוֹת הָאַחֲרוֹנִים...

«צדיק אבד» א. א. וו... (אַ צדיק אַוועק פון דער וועלט) — אַזוי האָט מען אַ מאָל געזאָגט; «איש אבד» א. א. וו. (אַ מענטש איז אַוועק) — אַזוי זאָגט מען היינט...

ד ח ה.

217

„סְטָפַּי" דְּסוֹלְדַטָא,
לְכוּלֵי עָלְמָא דָּחֵי שַׁבַּתָּא.[1]

אַ יוואָנישער «סטופּאַי» («גיי אַוועק פונ-דאַנען») איז לויט אַלעמען דוחה שבת... (ז' באַמערקונג).

ד ח ק.

218

יֵשׁ לְתָרֵץ בְּדֹחַק,
אֲבָל אֵין לְהַקְשׁוֹת בְּדֹחַק...

מען קען געבן אַ ת י ר ו ץ אײַנגעק-וועטשטערהייט, אָבער ניט פרעגן אַ ק ש י א אײַנגעקוועטשטערהייט.

219

אָמַר מַר...
מֵעוֹלָם לֹא שָׁמַעְתִּי גֶּבֶר
חַי – אוֹמֵר: דַּי,
וּבְמוֹת הַמֵּת – אוֹמֵר: עֵת...

איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געהערט אַ לעבעדיקן מענטשן זאָגן «גענוג», און אַן אָפּשטאַרבנדיקן — «ס'איז שוין צייט»...

1) פתגם מזמן שלטון ה«צארים»ברוסיא, ואנשי הצבא, כידוע, במסעיהם וחניותיהם בעירות תחום המושב היו מוצאים דירת הארעי שלהם בבתי היהודים, ועל היהודים בעל כרחם היתה פרנסתם של החיילים הללו באותה שעה. ואיש הצבא כשהיה קורא בקול «סטופאי» (גיי אַוועק) היה מוכרח כבר היהודי לעשות בשבילו אפילו אותם הדברים האסורים בשבת...

220 ד י ן.

אֶת הַטִּפֵּשׁ יָדוּן,
הוּא עַצְמוֹ נָדוֹן...

דער וואָס מִשפט זיך מיט אַ טִפּש, מִשפּט זיך אַליין.

221 ד ע.

דַע מַה שֶׁתָּשִׁיב, בִּשְׁאָל!
וְיוֹתֵר מִזֶּה, דַע מַה שֶׁתִּשְׁאָל... [1]

«דו, געפרעגטער, זיי וויסן וואָס צו ענטפערן», מערער אָבער, זיי וויסן וואָס צו פרעגן...

222 ד ע ת.

יוֹסִיף דַּעַת—יוֹסִיף לְמוֹד,
וְיוֹסִיף לְמוֹד—יוֹסִיף הַדַּעַת,
שֶׁמְּאוּם לֹא לָמַד עוֹד...

דער וואָס מערט וויסן — מערט לערנען, און דער וואָס מערט לערנען — מערט דאָס וויסן, אַז ער האָט זיך נאָך גאָרניט אויסגעלערנט...

223 ד ע ת ו.

אִשָּׁה נָאָה מַרְחֶבֶת דַּעְתּוֹ
שֶׁל אָדָם,
וּמַחֲרֶבֶת דַּעְתּוֹ שֶׁל אָדָם...

אַ שיינע פרוי פאַרשאַפט דעם מענטשן רחבות, זי מאַכט אים אויך חרוב.

224 ד פ ל ו מ ט.

דִּפְלוֹמַט תָּמִים וְצוֹעֲנִי
נְקִי כַּפַּיִם,
תְּאוֹמִים יָרְדוּ מִשָּׁמַיִם...

אַ דיפּלאָמאַט אַ נאַאיווער, אַ ציגיינער אַ נקי-כפּים (ניט קיין גנב) זיינען, אַלס צווילינג אַראָפּ פון הימל... (כשם ווי ס׳קען ניט זיין אַ ציגיינער ניט קיין גנב, אזוי קען אויך ניט זיין אַ דיפּלאָמאַט אַ נאַאיווער).

225 ד ר כ ו ש ל כ ל א ח ד.

הָרוֹמָאִי—יַחְגּוֹר חֶרֶב,
הַיְּוָנִי—חָכְמָה יֶרֶב,
הַיְּהוּדִי—נְשָׁמָה בַּקֶּרֶב
וְאִשָּׁה—כָּל חָכְמָתָהּ בַּגֶּרֶב. [2]

יעדערער לויט זיין אַרט און שטייגער: דער רוימער מיט אַ שווערד, דער גריך—חכמה מערט, דעם אידן — אַ נשמה באַשערט. און אַ פרוי — איר גאַנצע חכמה אין זאָק...

---

1) ואמר החכם: «השאלה אם הפתרון»... 2) כך היתה התיחסות הסביבה אל האשה... בפתגם הזה בכללו הביע אומרו, א. מ. דיק, כי כל עם ועם יוצר עפ״י רוחו את המתוס שלו: הרומאי—המתוס של הגבורים, היוני—המתוס של האלילים וכו׳.

226 ד ר י מ ט ה.

לוֹ בֵּין דָּרֵי-מַטָּה,
קָבַע לוֹ, כִּבְיָכוֹל, מְעוֹנוֹ,
בְּחַיֵּיכֶם—כִּי עַתָּה
הָיוּ מְשַׁבְּרִים לוֹ אַחֲרוֹן
חַלּוֹנוֹ...

ווען כביכול וואָלט זיך אַ דירה אויס-געקליבן צווישן די איינוווינער פון דער וועלט, שווער איך אייך, אַז זיי וואָלטן אים די לעצטע שויב אויסגעשלאָגן...

227 ד ר ש.

יֵשׁ וְאֵין נָאֶה דּוֹרֵשׁ—
כַּפּוֹרֵשׁ... [1]

אַ מאָל איז דער בעסטער דרשן דער, וואָס האַלט זיך אָפּ פון דרשענען...

228

נָאֶה דּוֹרֵשׁ—טוֹב; נָאֶה
מְקַיֵּם—מַה-טּוֹב!
וְדוֹרֵשׁ קְצָרוֹת—הֻכְפַּל בּוֹ
„כִּי-טוֹב"...

«שיין געדרשנט» — גוט; «שיין מקיים געווען» — נאָך בעסער; «קורץ גע-דרשנט»— דאָס איז שוין צווימאָל גוט.

229

חֲזָקָה, שֶׁגַּם כָּל נָאֶה
דּוֹרֵשׁ דָּרַשׁ,
אִשָּׁה לֹא יִקַּח עַל-פִּי
הַדְּרָשׁ... [2]

ס׳ איז אַ כלל גדול, אַז אפילו ווער ס׳ דרשנט שיין, קיין ווייב אָבער עפ״י דרש וועט ניט נעמען... (ז׳ באַמערקונג)׳

1) ר״ל, כשתקן הפורש מן הדרישה.. 2) כלומר, אלא אשה ממש עם נדוניא, חותן עשיר וכו׳. עפ״י דרש חגמרא על הפסוק «וה׳ ברך את אברהם בכל» יוצא, שלא״א נולדה בת בשם «בכל». שואל העולם, מפני מה, אם כן, צריך היה א״א לשלוח את אליעזר עבדו להביא אשה לבנו ממרחקים, והרי זה היה עדיין לפני מתן תורה, ואברהם יכול היה להשיא את בתו זו «בכל» ליצחק? הוא מיתיב ליה והוא מפרק ליה: «לא חפץ יצחק לשאת לו אשה «עפ״י הדרש» אלא אשה ממש

מפי חכמים.

ה

230 ה א י ר.

לְהָאִיר—מְנוֹרָה,
פְּתִיל וְשֶׁמֶן מִכַּד,
וּלְהַחֲשִׁיךְ—נְשָׁב-פֶּה בִּלְבָד..

צו מאַכן ליכט, איז נויטיק אַ לאָמפּ, אַ קנויט און אייל. צו מאַכן פינסטער איז גענוג איין בלאָז מיטן מויל...

231 ה ב י ן.

אַנְשֵׁי מַדָּע, יֵשׁ דָּבָר
לֹא יָבִינוּ,
וְנֶעְדְּרֵי דַעַת יֵדְעוּ
כֹּל—יַאֲמִינוּ.

מענטשן פון וויסן, טרעפט, אַז זיי פאַר־שטייען נ י ט אַ זאַך, די אומוויסנדע גלויבן, אַז זיי ווייסן אַ ל ץ...

232 ה ג ב ה.

הַגְבֵּהַ מַעְלָה, וְקַנֵּא
בְּמַשְׂכִּילִים, עָלֵיךָ עָלוּ,
הַעֲמֵק שְׁפָלָה, וְנַחֵם בַּעֲנִים,
מִמְּךָ שָׁפְלוּ...

קוק העכער, און זיי מקנא קליגערע אי־בער דיר, קוק נידעריקער, און טרייסט די שוואַכערע אונטער דיר...

233 ה ו כ י ח.

אַל תּוֹכַח כְּחָכָם פֶּן יִשְׂנָאוּךָ,
הוֹכַח כְּלֵץ וְיֶאֱהָבוּךָ... [1]

זאָג ניט קיין מוסר ווי אַ חכם, מען זאָל דיר ניט פיינט האָבן, זאָג מוסר ווי אַ לץ, וועט מען דיר האָלטהאָבן...

234 ה ו ל ל ו ת.

הוֹלְלוֹת גֶּבֶר, לִסְתּוֹם פִּיהָ,
הַרְכֵּב לְרֹאשׁוֹ אִשָּׁה הוֹמִיָּה..

אײַנצאַמען אַ מאַנספאַרשוין אַ צעהוליע־טן— זעץ אים אַרויף איבערן קאָפּ אַ טומלענדיקע פרוי...

235 ה ו ן.

הוֹן יוֹסִיף רֵעִים רַבִּים,
הוֹן יָסוּף מֵרֵעִים רַבִּים...

אַ פאַרמעגן ברענגט איין דעם מענטשן אַ סך פריינט. אַ פאַרמעגן קומט אום פון אַ סך פריינט.

---

1) פרודיה על הכתוב ב«משלי»: «אל תוכח לץ פן ישנאך, הוכח לחכם ויאהבך».

ה כ י ר.

236

נַעַר יִכָּר בְּמַעֲלָלוֹ,
וְאִישׁ בְּמַהֲלָלוֹ... [1]

אַ אינגל ווערט דערקענט לויט ווי ער טוט, און אַ „מענטש“ לויט ווי ער רימט אַ צווייטן...

237

מִשֶּׁיַּכִּיר אָדָם אִוַּלְתּוֹ,
חָכְמָה מְנַהַלְתּוֹ.

אַז אַ מענטש דערקענט זיין נאַרישקייט, איז ער שוין אַ שטיקל חכם.

ה ל ל.

238

„לְפִי שִׂכְלוֹ יְהֻלַּל אִישׁ“ —
אִם אַךְ לֹא יְחָבְרוּ רִישׁ. [2]

«לויטן שכל ווערט אַ מענטש גערימט»— אויב נור ער איז קיין אָרימאַן ניט...

239

אַל תְּהַלֵּל אֶת הַמְחַלֵּל,
אַל תְּחַלֵּל אֶת הַמְהֻלָּל.

רים ניט דאָס געטאַדלטע, טאַדל ניט דאָס גערימטע.

240

גֶּבֶר כָּל מְהַלְלָיו אָהֵב,
רַבִּים מִמְּהֻלָּלָיו יְתָעֵב...

אַ מענטש ליבט די אַלע וואָס לויבן אים; די מערסטע דורך אים געלויבטע האַסט ער...

241

בַּעֲקֵב הַתְּהִלָּה,
הַקִּנְאָה מַעְפִּילָה,
וּמִסְפַּר מְהַלְלָיו,
הָיוּ מְחַלְלָיו...

ביים טריט פון לויב רייסט זיך די קנאה, און וויפל פאַרערער אַ מענטש האָט, אַזוי פיל טאַדלער האָט ער...

ה מ ו ן.

242

הֶהָמוֹן—חַיָּה לַטֶּרֶף אוֹרֶבֶת,
הַנָּבוֹן יַהַפְכֶנָּה לְעֵז חוֹלֶבֶת.

דער המון— דאָס איז אַ ווילדע חיה; דער פאַרשטענדיקער פאַרוואַנדלט זי אין אַ מעלקנדיקע קו...

---

1) לשון סטנוב: «לפי קלונו יבז המקלה», (מעין «כל הפוסל במומו פוסל»), ולפי מהללו יהלל איש תהלה»... 2) «כי חכמת מסכן בזויה»...

243 ה ס ת פ ק.

לְהִסְתַּפֵּק בִּמְרֻבֶּה וְהוֹתֵר,
מֵהִסְתַּפֵּק בְּמוּעָט יָקֶשׁ יוֹתֵר.

צו באַגענוגענען זיך מיט אַ סך איז פיל שווערער ווי זיך צו באַגענוגענען מיט קנאַפּ.

244 ה ש י ג.

לְמַה שֶׁלֹּא יַשִּׂיג אֵינוֹ מִתְאַוֶּה,
יַשִּׂיג מַה שֶּׁיִּתְאַוֶּה...

דער וואָס גלוסט ניט אַזוינס, וואָס ער קען ניט דערגרייכן, וועט דערגרייכן דאָס וואָס ער גלוסט.

245

יָפֶה כָּל מַה שֶּׁהֻשַּׂג כְּבָר וְנִהְיָה,
מְנוּ יָפֶה שֶׁבְּעִתִּים מַה שֶּׁעֲדֶן תִּקְוָה וְצִפִּיָּה... [1]

פיין איז אַלץ וואָס איז שוין דערגרייכט און פאַרווירקליכט, זיבן מאָל פיינער איז דאָס, וואָס איז נאָך אין האָפענונג און דערוואַרטונג...

246 ה ע ד ר.

בְּעוֹדוֹ אִתָּנוּ – לֹא נִשְׁמְרֵהוּ,
וּבְהֵעָדְרוֹ – מָרָה נְבַכֵּהוּ... [2]

ס' גיט אַ זאַך, ווען דאָס איז ביי אונז — היטן מיר ניט, און ווען דאָס איז שוין ניטאָ — באַוויינען מיר עס ביטערליך.

247

אֵין הֶעְדֵּר כָּבוֹד,
כִּרְדִיפָה אַחַר הַכָּבוֹד.

ניטאָ נאָך אַזאַ אומכּבוד, ווי דאָס יאָגן זיך נאָך כבוד.

248 ה פ ך.

מִכָּל מְרֻבֶּה בְּיוֹתֵר,
יֵצֵא הַפּוּכוֹ הַסּוֹתֵר... [3]

פון אַלץ וואָס איז איבערגעכאַפּט די מאָס, קומט אַרויס דאָס אומגעקערטע... (קאַפּויר).

249 ה ר א ה.

חָכְמָתְךָ אַל תַּרְאֶה,
לְמִי שֶׁחָכְמָתוֹ לְךָ מַרְאֶה...

ווייז ניט דיין חכמה דעם יעניקן, וועל־כער ווייזט דיר זיין חכמה...

---

1) נשגבה היא האידיאה בשעה שהיא עדיין במצב של «משאת נפש», והרבה מיפיה נפקע כשהיא מתממשת... 2) ואולי זהו גם פרוש הכתוב ב«משלי»: «רע רע יאמר הקונה ואזל לו אז יתהלל». 3) שהרי תמיד הוא כך: «מורליות» יתרה נהפכת לאי־מורליות; שקידה יתרה אחות לבטלה, אמונה נפרזה יש ומביאה לכפירה, וכ׳. ה...

250

חָכְמָתוֹ לַחֲסַר לֵב מַרְאָה —
אִוַּלְתּוֹ מַרְאָה.

דער וואָס ווייזט אַ נאַרן זיין חכמה, ווייזט דערמיט זיין נאַרישקייט.

251 ה ר ג ל.

הַהֶרְגֵּל מְרַפֶּה,
הַהֶרְגֵּל מְיַפֶּה...

די געוווינהייט מאַכט שוואַכער (אַן איינדרוק), די געוווינהייט מאַכט שענער...

252

הַצָּעִיר כִּי לֹא הֻרְגַּל —
יֵתַע בַּדֶּרֶךְ,
וְהַזָּקֵן — הַהֶרְגֵּל יַכְשִׁילֵהוּ
בָּרֶךְ...

דער יונגער, אַז ער איז ניט צוגעוווינט — פאַרבלאָנדזשעט, און דער אַלטער — זיין געוווינהייט מאַכט אים שטרויכלען...

253

הַרְגֵּל שֶׁנַּעֲשָׂה לְטֶבַע,
הַרְבֵּה קָשֶׁה מִטֶּבַע...

די געוווינהייט וואָס ווערט אַ נאַטור, איז אַ סך שווערער ווי די נאַטור גופא... (צב"ש, אַן אויפגעקומענער אָדער געפאַלענער גביר...).

254 ה ר ה י ב ע ז.

לְהַרְהִיב עֹז בְּנֶפֶשׁ,
אֵין פֵּרוּשׁוֹ „עַזּוּת-נֶפֶשׁ".. [1]

דרייסטקייט הייסט נאָך ניט קיין חוצפה...

255 ה ר ף - ע י ן.

הֶעָבָר וְהֶעָתִיד — אַיִן,
וְהַהֹוֶה — הֶרֶף-עַיִן.

די פאַרגאַנגענהייט און די צוקונפט — אַ זאַך וואָס ס' איז ניטאָ, און די געגנוואַרט — אַ פינטל מיטן אויג.

256 ה ר ק י ע.

נוֹי לְבֶן-תְּמוּתָה לְהַרְקִיעַ
שַׁחַק רָם,
וְנוֹי לוֹ אַף-אִלּוּ לִפּוֹל מִשָּׁם..

שיין איז פאַרן שטערבליכן פליען אין די הימלען, שיין איז פאַר אים אַפילו אַרונטערצופאַלן פון דאָרטן...

---

1) מותר לו לאדם (ואולי גם מוכרח הוא...) ל«הרהיב עוז», אבל לא להיות חצוף ועז פנים...

257 ה ש מ ר.

הִשָּׁמֵר לְךָ מִשּׂוֹנְאֶיךָ,
וְיוֹתֵר—מֵאוֹהֲבֶיךָ,
וּמֵאֵשֶׁת חֵיקֶךָ—לַשָּׁוְא כָּל
תַּחְבְּלוֹתֶיךָ...

היט זיך פון אַ שונא, מערער היט זיך פון אַ גוטן פריינד, און פון דיין אייגן ווייב וועסטו זיך אייביק ניט אויסהיטן...

258 ה ש ע ן.

אַל תִּשָּׁעֵן עַל מִי
שֶׁרִפְיוֹנוֹ—יִתְרוֹנוֹ...

פאַרלאָז זיך ניט אויף יענעם, וועמענס גאַנצער יתרון (פאָרצוג) איז דאָס וואָס ער איז שוואַך...

259

לְהִשָּׁעֵן אֶל בִּינַת
אֲחֵרִים לְבַד,
מִשְׁעֶנֶת קָנֶה רָצוּץ בְּיָד...

זיך פאַרלאָזן דורכאויס אויף אַנדערנס פאַרשטאַנד, איז אַן אָנשפּאַר אויף אַ צע-בראָכענעם שטעקל.

260 ה ש ק פ ו ת.

רַבִּים עַל הַשְׁקָפוֹת עוֹלָם
יְמַלְּלוּ בַּפֶּה,
וַעֲדֶן אַף פַּעַם לֹא רָאוּ
עוֹלָם זֶה...

מאַנכע ריידן מיטן מויל וועגן וועלט-אָנשויאונגען, און אַפילו קיינמאָל נאָך ניט געזען די דאָזיקע וועלט...

261 ה ת ה ל ל.

אַךְ שָׁוְא הִתְהַלֶּלְךָ
בִּכְבוֹד אֲבוֹתֶיךָ,
אִם לֹא יוּכְלוּ הִתְהַלֵּל בְּךָ
יוֹצְאֵי חֲלָצֶיךָ...

אומזיסט רימסטו זיך מיט דעם כבוד פון דיינע עלטערן, ווען דיינע קינדער קענען זיך מיט ד י ר ניט רימען...

262 ה ת ו כ ח.

הִתְוַכֵּחַ אֶת מִתְוַכֵּחַ,
כִּי אֶת הַשּׁוֹתֵק לֹא תְנַצֵּחַ..

דיספּוטיר מיט דעם וואָס דיספּוטירט, ווייל דעם שווייגער וועסטו קיינמאָל ניט באַזיגן.

263 ה ת נ ג ד.

לְהִתְנַגֵּד לְדֵעָה הָרָצוֹן
כִּי יָחֵל,
לֹא יַטּוּהוּ כָּל מוֹפְתֵי
הַשֵּׂכֶל....

ווען דער ווילן איז קעגן עפּיס אַן אי-
דייע, ועלן אים ניט העלפן קיינע באַ-
ווייזן פון שכל.

264 ה ת פ ר ץ.

אִם הִתְפָּרֵץ הַחוּצָה,
סִירִי, תִּירָא,
סְבָל-נָא וּשְׁתוֹק
בְּיַרְכְּתֵי הַכִּירָה... [1]

אויב דו, טעפּל, קענסט זיך ניט אַרויס-
רייסן אויף דרויסן, טאָ זיץ און לייד
געדולדיק אויפן ווינקל פון דיין פּליטע..

---

1) על הכירה עמד סיר, רותח, קוצף ומתמרמר: הה, כמה מרובה כאן הכיעור: עשן, פיח, שחור וכו׳. אמרה לו כף הבחשה: סיר סיר, בך בעזרך.. הרי דלת פתוחה לפניך, קפוץ וברח לך דודי החוצה... גמגם הסיר ואמר: אני... אני... מתירא... ואז אמרה לו כף הבחשה: אם התפרץ החוצה וכו׳...

מפי העם.

265 הֹ א ח!

אַל תְּבַהֵל עַל פִּיךָ: הֶאָח!
עַד לֹא עָבַרְתָּ הַסְּבָךְ... [1]

זאָג נאָך ניט „האָפּ!“ כל זמן דו שפּרינגסט ניט אַריבער...

266 ה ב ט י ח.

אַל בְּפִיךָ תַּבְטִיחָה,
מַה שֶׁעֵינְךָ לֹא הִשְׂגִּיחָה.

זאָג ניט צו מיט דיין מויל דאָס, וואָס דיין אויג האָט ניט געזען.

267

לְהַבְטִיחַ וְלֶאֱהֹב
הַכֹּל יְכוֹלִים,
שֶׁהַלָּלוּ בְּדָמִים אֵינָם
עוֹלִים...

צוזאָגן און ליבהאָבן קאָסט קיין געלט ניט.

268 ה ו ל ם.

הוֹלְמְךָ הַכּוֹבַע לָרֹאשׁ,
טוֹל, אֶחָא, וַחֲבוֹשׁ...

פּאַסט דיר דאָס היטעלע צום קאָפּ, נעם, ברודערל, און טו עס אָן...

269 ה ו צ א ה.

הוֹצָאָה מְבֻסָּסָה,
חֲצִי הַכְּנָסָה... [2]

אַ הוצאה מיט אָרדנונג איז אַ האַלבע הכנסה.

270 ה ו ר י ד.

גַּם יָרֵחַ מִמְּכוֹנוֹ לְהוֹרִיד בָּקֵל,
לִכְשֶׁיַּקְדִּים מִישֶׁהוּ וְיִנְעַץ
בּוֹ מַקֵּל...

ס'איז אויך ניט שווער די לבנה אַראָפּ־צוציען, אויב איינער זאָל נאָר פריער אַריינשטעקן אַ שטעקל אין איר...

271 ה ח ז י ק.

יְדֵי אָב אֶחָד לַעֲשֶׂרֶת
בָּנִים הֶעֱנִיקוּ,
וּבַאֲבִיהֶם הָאֶחָד עֲשֶׂרֶת
בָּנָיו לֹא הֶחֱזִיקוּ...

אײן פאָטער קען אויסהאַלטן צען קינ־דער; צען קינדער קענען אײן פאָטער ניט אויסהאַלטן.

---

1) כעין הרוסי: „Не скажи „Гоп!“ пока не перескочишь“ 2) מבחר הפנינים. ותו אמרי אינשי: «סדר—כפל הכנסה, אי-סדר—הוצאה.

272 ה ח ל י ף.

אוֹי לוֹ לָאָדָם וְאוֹי לְשַׁעְתּוֹ,
מִי שֶׁאֵינוֹ מַחֲלִיף כְּתֻנְתּוֹ
וְדַעְתּוֹ...

ווי און ווינד איז דעם מענטשן, וואָס בייט ניט זיין העמד און זיין מיינונג...

273 ה כ ר ח.

הֶכְרֵחַ וָרַע, בַּרְזֶל יָרוֹעַ.

נויט ברעכט אייזן.

274 ה ל א ה.

מִנִּי עַיִן וְהָלְאָה, מִנִּי לֵב גָּלָה.

ווייטער פון די אויגן, ווייטער פון האַרצן.

275 ה ל י כ ה.

בְּצִדֵּי סוּס וַעֲגָלָה,
גַּם הַהֲלִיכָה בְּרֶגֶל קַלָּה...

ביי דער זייט פון פערד און וואָגן, איז אויך צופוס גרינגער צו גיין.

276 ה ל ל.

יְהַלֶּלְךָ זָר—נִיחָא;
וְלֹא—פִּיךָ... [1]

זאָל דיר רימען אַ צווייטער, און אויב ניט— רים זיך אַליין.

277 ה נ א ה.

שׁוֹנוֹת הֵן הֲנָאוֹתָיו שֶׁל
אָדָם:
יֵשׁ נֶהֱנֶה מִגְּבִינָה צְמֻקָּה,
וְיֵשׁ נֶהֱנֶה מִן „וְהוּא רַחוּם
אֲרֻכָּה"...

פאַרשיידנאַרטיק זיינען דעם מענטשנס הנאות: איינער האָט הנאה פון אַ טרו-קענעם קעז, אַ צווייטער — פון „לאַנג והוא רחום"...

278 ה נ ש א.

אִשָּׁה בֶּעָפָר תִּטָּמֵן,
וְלֹא תִנָּשֵׂא לְמִי
שֶׁבְּעַל-כָּרְחוֹ עוֹנֶה אָמֵן...

בעסער שטאַרבן, איידער חתונה-האָבן מיט איינעם איבער געוואַלד.

---

1) פרודיה ידועה על הפסוק ב«משלי»: «יהללך זר ולא פיך», וכונתה: אם מהללך ומספר בשבחיך זר—טוב ויפה; ואם לא (אין איש זר שיהללך)—אז פיך... (הלל וקלס את עצמך בפיך...).

279 הסיע.

עִם חָכָם לְהַסִּיעַ אֶבֶן,
וְאַל עִם כְּסִיל תֶּבֶן.

בעסער מיט אַ חכם אַ שטיין שלעפּן, איידער מיט אַ נאַר אַ שטרוי.

280 הסתלק.

מִמִּתְאַנֵּחַ־תָּמִיד הִסְתַּלֵּק,
שֶׁמָּא בַּאֲנָחָה לְךָ גַּם
חוֹבוֹ יְסַלֵּק...

גיי אַוועק פון אַזוינעם, וואָס האַלט שטענדיק אין איין קרעכצן; ער וועט דיר אויך מיט אַ קרעכץ זיין חוב אָפּצאָלן...

281 הרגל.

אָנָא שֶׁמְּרֵנִי אֵלִי,
גַּם מֵהַכְּרַח הַרְגָּלִי...

זאָל מען, גאָטעניו, ניט געפּרוווט ווערן, צו וואָס מען קען געוווינט ווערן...

282 התאונן.

לוּ הוֹדֵינוּ לָאֵל
עַל הַטּוֹבוֹת דַּי,
לְהִתְאוֹנֵן עַל הָרָעוֹת
לֹא הָיָה פְּנַאי...

ווען מיר זאָלן גענוג גאָט דאַנקען פאַר אַלדאָס גוטס, וואָלט קיין צייט ניט געווען זיך צו באַקלאָגן פאַר דאָס שלעכטס.

283 התבונן.

אוֹי לָהּ לָאִשָּׁה הִתְבּוֹנְנָה
כִּי זָקֵנָה,
וְאוֹי וַאֲלְלַי לָהּ אִם לֹא
הִתְבּוֹנָנָה.

וויי איז דער פרוי, וואָס באַמערקט, אַז זי איז שוין אַלט; וויי און ווינד איז איר, ווען זי באַמערקט עס ניט...

284 התחכמות.

הִתְחַכְּמוּת יְתֵרָה,
לְסִכְלוּת חֲבֵרָה...

דאָס צופיל חכמה׳נען-זיך גרעניצט זיך מיט נאַרישקייט...

ממדרש עם.

285   ה ג י ד.

„לְהַגִּיד לָאָדָם יָשְׁרוֹ" —
אִם נִשְׁאַר אָדָם עַל עָשְׁרוֹ... [1]

זאָגן קאָן מען וועגן אַ מענטשן שבחים, אויב ביי זיין רייכקייט בלייבט ער נאָך אַלץ «מענטש»...

286

„לְהַגִּיד לָאָדָם יָשְׁרוֹ"—
סִמָּן שֶׁכְּבָר אָבַד עָשְׁרוֹ... [2]

ווען מען שעמט זיך שוין ניט צו זאָגן אַ מענטשן דעם גאַנצן אמת אין זיינע אויגן, איז עס אַ סימן, אַז ער איז שוין אויס גביר...

287   ה ד י ו ט.

„הֶדְיוֹט קוֹפֵץ בָּרֹאשׁ"—
הָרֹאשׁ בִּפְנֵי הֶדְיוֹט אִם בּוֹשׁ...

„דער הדיוט שפּרינגט אויפן קאָפּ אַרויף,"— ווען דער קאָפּ שעמט זיך פאַרן הדיוט... (דעם הדיוט אַז מען זאָל אים ניט ווייזן זיין ריכטיקן פּלאַץ, וועט ער דיר אַלע־מאָל אויפן קאָפּ אַרויפקריכן).

288   ה ו ן.

„הוֹן מֵהֶבֶל יִמְעַט"—קָרָאתָ,
וְהַחָכְמָה הוֹן זֶה בְּעֵינֶיהָ
לֹא רָאָתָה... [3]

דער פּסוק זאָגט «אַ פאַרמעגן דערוואָרבן דורך נאַרישקייט וועט ווייניקער ווערן»; די חכמה אָבער האָט «פאַרמעגן» אין אירע אויגן ניט געזען... (הייסט עס, איז ניטאָ וואָס זאָל ווייניקער ווערן...).

289

הוֹן—אָדָם יָקָר חָשַׁב,
אֲשֶׁר פִּזֵּר נָתַן לְקָדָשָׁיו... [4]

אַלס «פאַרמעגן» רעכנט אַ פיינער מאַן דאָס, וואָס ער גיט אויס פאַר זיינע העכערע גייסטיקע און הייליקע צוועקן...

1) כי בנוהג שבעולם, מכיון שמצא עושר אבד ה«אדם»... 2) כאן המלה «יושר» במובן «אמת», ור"ל, שאין בושים לגלות את האמת (מבלי מעטה חנופה וחלקות...) בפני איש אלא א"כ כבר התחיל יורד מנכסיו... 3) «הון מהבל ימעט» פסוק ב«משלי», והפרודיה מוסיפה כאן: «והחכמה וכו' בעיניה לא ראתה», ולכן אין מה שימעט... 4) רישיה דקרא «הון אדם יקר» הוא פסוק ב«משלי». נשאל פעם רוטשילד הפרנקפורטי: כמה רכושו? והוא השיב בפסוק «וכל קדשיו לו יהיו»... כלומר: רק מה שנתן לצדקה ולדברים שבקדושה הוא יכול לחשוב כרכושו הוא, ויותר לא...

290 ה כ י ר.

לוּ הִכִּיר אִישׁ עֶרְכֵּהוּ,
וְגַם יַחַד יִתְרוֹן רֵעֵהוּ
לְהָבִין טָרַח —
שָׁלוֹם בָּאָרֶץ פָּרַח...

ווען אַ מענטש וואָלט שטענדיק וויסן זיין אייגענע ווערדע, און וואָלט זיך אויך מיען צו וויסן דעם פאָרצוג פון זיין חבר— וואָלט אַן אייביק שלום אויף דער וועלט געהערשט...

291 ה ל כ ה.

הֲלָכָה פְּסוּקָה הִיא,
ר׳ בֶּנְצֶל:
„מַאן דְלָא יָהִיב לְ„צִמְבֶּל"
לֹא יֵיזוּל לְבֵי-טֶנְצֶל"... [1]

ס׳איז דאָ אַ בפירושער דין, ר׳ בענצל: ווער ס׳גיט ניט לצימבל, גייט ניט לטענ-צל...

292 ה מ ו ן.

„כַּחֹמֶר בְּיַד יוֹצְרִים רַבִּים"—
הֶהָמוֹן הִנֵּהוּ;
כָּל אֶחָד צָר צוּרָה
בְּתוֹךְ צוּרָה,
עַל כֵּן מִשְׁחַת מֵאִישׁ
מַרְאֵהוּ...

«ווי ליים ביי אַ סך טעפּערס» איז דער פשוטער המון: יעדער איינער קנעט און געשטאַלטעט אים אַנדערש; דעריבער טאַקע איז ער צייטנווייז אַזאַ פאַרזעעניש...

293 ה נ י ח.

אָמַר הַקֹּהֶלֶת:
„לְעָשִׁיר אֵינֶנּוּ מַנִּיחַ
לִישׁוֹן שָׂבְעוֹ",
וְאָנוּ נוֹסִיף אַחֲרָיו:
„אוֹי שִׁבְעָתַיִם לְמִי שֶׁאֵין
מַנִּיחַ לִישׁוֹן רְעָבוֹ"...

קוהלת האָט געזאָגט: „דעם גביר לאָזט זיין זאַטקייט ניט שלאָפן". און מיר גיבן צו: זיבן מאָל ערגער איז דעם, וועמען זיין הונגער לאָזט ניט שלאָפן...

---

1) מדרש שו"ט ט"ז: «לפום זוזי רקוד»...

הַהַסְכָּמוֹת מַסְכִּימוֹת, אִם הַמַּסְכִּימִים מְסֻכָּמִים. [1]

הסכמות זיינען גילטיק, אויב די הסכמה-געבער זיינען מוסכמים. (אויטאָריטעטן).

295 העז.

„הֵעֵז אִישׁ–רָשָׁע בְּפָנָיו", וְיִשְׂרָאֵל הוּא–עֲווֹנוֹ יִשְׂאוּ בָּנָיו וּבְנֵי בָנָיו... [2]

דער פסוק זאָגט: «העז איש רשע בפניו» א. א. וו. איז פשט: האָט די העזה «סתם אַ מענטש» (ניט קיין איד...) איז ער אַ רשע פאַר זיך אַליין... (ער אַליין איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיינע מעשים...); איז אָבער דער העזה'ניק אַ איד— טראָגן פאַראַנטוואָרטליכקייט קינדער און קינדס קינדער...

296 הפך.

הָעֹשֶׁר כָּתוּב יֹשֶׁר–יֶשַׁע, וְיַד כְּסִילִים תַּהַפְכֵהוּ– „רֶשַׁע"... [3]

דאָס וואָרט „עשר" (רייכקייט) ווען ס'איז געשריבן גלייך, (ד. ה. אויסגענוצט אין ער-ליכקייט), איז עס אַ הילף; אַ נאַר, אָבער, קערט עס איבער, און ס'ווערט דערפון „רשע"... („עשר" פאַרקערט איז „רשע").

297

אִי-לָךְ, אֶפְרַיִם! אֵין עוֹז מִבְטֶחָה, לֹא בִּלְשׁוֹנֵךְ וְלֹא בְּמַעֲלָלַיִךְ; הָפַכְתְּ שִׁבֹּלֶת לְסִבֹּלֶת, וַתְּהִי לָךְ גַּם חֲרוֹסֶת — חֲרֹשֶׁת... [4]

ווי דיר, אפרים! (אידיש פאָלק). ניטאָ קיין זיכערקייט, ניט אין דיין לשון, ניט אין דיינע מעשים: דו האָסט אַ מאָל פאַרוואַנדלט „שבולת אין „סבולת", מאַכסטו היינט אויך פון „חרוסת" אַ חרושת"... (אַ פאַבריקאַציע).

---

1) ג. א. «ההסכמות מסכימות על המסכימים, שהם מוסכמים»... והכונה בפנים היא מעין «ערבך ערבא צריך»... על פרישמן אמרו שהיה «שר המספים»... 2) מיוסד על הכתוב ב«משלי», «העז איש רשע בפניו וישר הוא יבין דרכו», והפרודיה מדייקת כאן כדלקמן: «העז איש (אם המעיז הוא איש סתם ולא יהודי) —— רשע בפניו... (אחריותו רק על גופו וכל אחר לא ישא עוונו...), וישראל הוא (ואם המעיז הלזה הוא אדם מישראל) עוונו ישאו בניו ובני בניו (כי ישראל ערבים זל"ז עד סוף כל הדורות...). 3) להפך את המלה «עשר» — «רשע»; העושר כשמשתמשים בו ביושר הוא ישע, ויש עושר «שמור לבעליו לרעתו», או גם כמליצת העולם «לרעיתו»... 4) אנשי אפרים, כידוע, הפכו שבלת לסבלת, והאידנא מ«חרוסת» הנצרכת ל«פסח» עושים ב"י, בא"י,-«חרושת» —פבריקציה גמורה הנותנת פרנסה...

298

שָׁנִינוּ: מָהוּ עוֹלָם הָפוּךְ נִקְרָא?
—אִם כָּל נִרְדָּף בּוֹ קוֹרֵא לְמִלְחָמָה,
וְרוֹדֵף—לְשָׁלוֹם יִקְרָא...

מיר האָבן געלערנט: וואָס הייסט עס „עולם הפוך?" (אַ פאַרקערטע וועלט)— אויב דער „פאַרפאָלגטער" זוכט צו מאַכן מלחמה, און דער „פאַרפאָלגער" וויל ניט אַנדערש שלום...

ה ר ב ו ת.

299

הַרְבּוּת בַּאֲכִילָה לוֹ הָאָדָם חָדַל,
וְתֵאָבוֹן הַתּוֹרָה גָּדַל,
כִּי אָז הוּזְלוּ לוֹ צָרְכֵי הַכַּלְכָּלָה,
וּמְחִיר תּוֹרָתוֹ נִתְיַקֵּר וְעָלָה. [1]

ווען אַ מענטש וואָלט אויפהערן עסן אַ סך, און דער אַפּעטיט פון לערנען וואָלט גרעסער געוואָרן, דאַן וואָלטן ביליקער געוואָרן שפּייז פּראָדוקטן, און דער פּרייז פון תורה וואָלט געשטיגן...

ה ר ה ו ר.

300

אֵין מַרְאִין לָאָדָם מֵהִרְהוּרֵי יוֹמוֹ—
אֶלָּא בַּחֲלוֹמוֹ... [2]

דעם מענטשנס פאַנטאַזיע פון טאָג, ווייזט מען אים מערניט אַ מאָל אין חלום.. (ווייל קיין פאַנטאַזיע ווערט ניט פאַרווירקליכט אין איר גאַנצער גרויס סיידן אין חלום...).

ה ש א י ר.

301

אִלְמָלֵי נִתְּנָה רְשׁוּת לִבְרִיָּה,
לִטּוֹל מִן הָעוֹלָם מַה שֶּׁחָמַד לִבָּהּ,
לֹא הָיְתָה מַשְׁאִירָה לִשְׁנִיָּה,
גַּם כְּגֶדֶל שְׁבָא... [3]

ווען איין באַשעפעניש וואָלט געהאַט רשות צו נעמען פון דער וועלט, דאָס וואָס איר גלוסט זיך, וואָלט זי דאַן ניט איבערגעלאָזן פאַר דער צווייטער אַפילו וואָס אַ שמעק טאַבאַק איז ווערט...

---

1) בשם ר' מאיר מפרימישלי מבארים כך את המלים «מרובים צרכי עמך ודעתם קצרה» (מרובים הצרכים מפני שדעתם קצרה...). 2) כי ההרהורים והפנטסיות אין מתמלאים לעולם בכל עזוזם ויפים, ורק החלום יכול לפעמים להעבירם מול העין... 3) «שיבא»—שבר קטן. ב«סנהדרין»—שיבא מכשורא... ביהודית המדוברת מקובל הבטוי המשובש—«אַ שיבוש» להוראת קטנות שבקטנות...

302 .השתדל

„בְּמָקוֹם שֶׁאֵין אֲנָשִׁים,
הִשְׁתַּדֵּל לִהְיוֹת אִישׁ"—
כְּבֵין אֲנָשִׁים... [1]

«ווּ קיין מענטשן זיינען ניטאָ» — באַמי זיך צו זיין דער זעלביקער «מענטש», ווי צווישן מענטשן...

303 .התאונן

גֶּבֶר שָׁמַעְתִּי עַל רִפְיוֹן
זִכְרוֹנוֹ מִתְאוֹנֵן,
וּמֵעוֹלָם לֹא שְׁמַעְתִּיו עַל
רִפְיוֹן שִׂכְלוֹ יִתְאוֹנֵן...

איך האָב געהערט אַ מענטשן זיך באַקלאָגן אויף זיין שוואַכן זכרון; איך האָב אָבער אים נאָך קיינמאָל ניט געהערט זיך באַקלאָגן אויף זיין שוואַכן שכל...

1) כפי שהעולם מדייק בפירושו של המאמר התלמודי: «לעולם יהא אדם, (כלומר, אותו האדם גופו כפי שהוא תמיד...), ירא שמים בסתר כבגלוי (דער זעלביקער ירא-שמים סיי בסתר סיי בגלוי...), ושנו חכמים בלשון «הפרק»: «אל תשתדל לראות חבר בשעת קלקלתו», ואל תשתדל לקלקל חבר בשעת אי-ראיתו»...

ממדרש עם.

ו

304 והיה באחרית הימים.

„וְכִתְּתוּ חַרְבוֹתָם לְאִתִּים“..
כִּי לֹא בְחֶרֶב וּבַחֲנִית
יַעֲשׂוּ מִלְחָמָה;
וּמַסְוֹות „אַנְטִיגַז“ פְּנֵיהֶם
מְלִיטִים,
כִּי „גַז“ יִמְחֶה אֶת פְּנֵי
הָאֲדָמָה...

און ס׳וועט זיין באחרית הימים: „וועלן מענטשן איבערשמידן זייערע שווערדן אין גראָב-אייזנס“. ווייל ניט מיט שווערד און שפּיז וועט מען מלחמה האַלטן; אַנטיגאַז-מאַסקעס וועלן געזיכטער פאַר־דעקן, ווייל «גאַז» וועט אָפּווישן אַלץ וואָס אויף דער ערד איז...

305 ו ה ח ז י ק ו.

„וְהֶחֱזִיקוּ שֶׁבַע נָשִׁים
בְּאִישׁ אֶחָד“—
מֻבְטָח לוֹ שֶׁלֹּא תֵּצֵא
נִשְׁמָתוֹ בְּ„אֶחָד“... [1]

„און זיבן פרויען וועלן זיך אָנכאַפּן אָן איין מאַנסביל“— מעג ער שוין זיכער זיין, אַז קיין «ווידוי» אָפּזאָגן וועט ער ניט באַווייזן...

306 « ו י ה י ».

כָּל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר „וַיְהִי“,
אֵינוֹ אֶלָּא קִינִים הֶגֶה וָהִי;
וְכָל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר „וַיְחִי“,
אֵינוֹ אֶלָּא גְבוּרָה וּשְׁתִי... [2]

ווו אַ «ויהי» איז אַ צרה; ווו אַ «ויחי» (ד. ה. כל זמן מען לעבט) דאַרף מען מאַכן אַ שנאַפּס... (חסידישע אויסטייט־שעניש).

1) כי לא יוציא שנתו עד אותה השעה... 2) אמרות חסידים. בבית מדרשם של החסידים נוצרו הרבה אמרות כאלו המדברות בשבח היי״ש, כעין «אדם יסודו מעפר וסופו לעפר, ובינתים, יש לקיים, מצות «לחיים»...; «איתא בגמרא: ג׳ דברים מרחיבין דעתו של אדם, אשה נאה, דירה נאה ומאני (כלים) נאים, והוסיף מדיליה «הוא» יחי׳: אשה, דירה ומאני הן בר״ת «אדם», ולכולן, מהיכי תיתי, מעט יי״ש קדם»... (התרגום של בראשית ברא וכו׳ הוא «בקדמין ברא «ית», וחסידים מנסחים כאן בהלצה «י״ש»...); «שנפסא רבתא הלכתא רבתא לשבתא»... ועוד.

307 ויזתא.

אִי לָךְ אֶרֶץ, שֶׁבָּךְ גַּם „וַיְזָתָא" חֲכַם הָרָזִים, וְ„דַלְפוֹן" — שַׂר הַגְּנָזִים... [1]

ווי דעם לאַנד, ווו אַפילו „ויזתא" קען דאָרט אַ בילדונגס-מיניסטער ווערן, און „דלפון" — אַ פינאַנס-מיניסטער...

308 ויקהל.

הַכֹּל לְפִי הַמִּנְהָג וְהָארַח: כָּאן „וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה", כָּאן „וַיִּקַּח קֹרַח"...

יעדער איינער לויט זיין מנהג: ביי משה רבינו שטייט געשריבן «ויקהל» (ער האָט געדאַרפט עפּיס טאָן, האָט ער צו-נויפגעקליבן דאָס פאָלק און זיך מיט אים אָן עצה געהאַלטן); ביי קורחן שטייט «ויקח» (ער האָט אַליין גענומען, על דעת עצמו...).

309 ונתנו.

„וְנָתְנוּ" אַחַת הִיא הַמִּלָּה, אִם תֵּימִינָה וְאִם תַּשְׂמְאִילָה... [2]

ווי מען זאָל ניט קערן דעם «ונתנו» («מען זאָל געבן») בלייבט אַלץ «ונתנו»... (געבן דאַרף מען, הייסט עס, אַף רעכטס און אַף לינקס...).

---

1) ויזתא—שם כנוי מפורסם אצלנו לכל שוטה, ודלפון—לכל עני מדוכא... הלצה יהודית מדייקת ג"כ בכדלקמן: «אחרון אחרון חביב»—לרבות גם ויזתא, האחרון לבית אביו»... ור"ל, אחרון אחרון חביב, ואפע"פי שאתה «ויזתא» בכל זאת אתה חביב לי... 2) «ונתנו», ישר והפוך, היא תמיד «ונתנו»... הדברים האלה נאמרו בתור תשובה לאחד שהתאונן על רבוי נתינותיו על ימין ועל שמאל... ומעין «נתבעים למשכן ונותנים, נתבעים לעגל ונותנים»... וחסידים ואנשי מעשה מדייקים ג"כ: «ונתנו»—אם אתה תתן יתנו גם לך מן השמים...

מפי חכמים.

ז

זהב.

311

אֱלֹהִים הֵבִיא הַזָּהָב לָאָדָם,
וַיַּעֲשֵׂהוּ הָאָדָם לֵאלֹהִים.

גאָט האָט געגעבן דאָס גאָלד דעם מענטשן,
האָט דער מענטש געמאַכט עס פאַר אַ
גאָט...

312

הַזָּהָב נִבְרָא אִלֵּם,
וְהוּא שָׂם פֶּה לָאִלֵּם.

דאָס גאָלד איז באַשאַפן געוואָרן שטום,
און דעם שטומען גיט עס אַ מויל.

זכות.

313

אוֹי לִי מִמִּי שֶׁכָּל זְכוּתוֹ —
סִכְלוּתוֹ... [1]

ווי מיר פון אַזאַ מענטשן, וועמענס גאַנ-
צער זכות איז — זיין נאַרישקייט...

314

אִם בּוֹעַז נוֹעַז, הַזְּכוּת
לְרוּת... [2]

אַז בועז האָט געוואַגט, האָט רות דעם
זכות...

זכר.

315

זֵכֶר טוֹבָה יֶאֱרַךְ,
זֵכֶר רָעָה — פִּי־שֶׁבַע וְעוֹד
סֶרַח...

אַ טובה געדיינקט זיך לאַנג, אַ רעה —
זיבן מאָל אַזוי לאַנג און אפשר מיט נאָך
אַ שטיקל...

זמן.

316

פִּצְעֵי הַזְּמָן, יְחַבֵּשׁ הַזְּמָן...

די וווּנדן פון צייט פאַרבאַנדאַזשירט די
צייט...

317

הַזְּמָן הוּא הַטּוֹב בְּרוֹפְאֵי
חוֹלִים,
בְּרַם בְּכַמָּה יוֹקֶר בְּקוּרָיו
עוֹלִים...

די צייט איז דער בעסטער דאָקטאָר,
אירע וויזיטן קאָסטן אָבער דעם מענטשן
צו טייער...

---

1) מפני שפגיעתו רעה מאד ואי אפשר להדבר אתו. כיוצא בזה מרגלא בפומיהו דאינשי «אוי ואללי לכל חכמתך, לולא סכלותי אני»... 2) מכיון שבועז, והוא הדין כל אדם אחר, נועז ונגע נגיעה קלה ברות, הרי מכאן ואילך אחראי הוא בדבר, וזכאית היא לדרוש ולתבוע ממנו מילוין של הרבה התחיבויות...

גַם בְּמָקוֹם שֶׁהַזְּרִיזוּת
נִשְׂכֶּרֶת,
תְּהֵא הַמְּתִינוּת נִזְכֶּרֶת...

אויך אין דעם אָרט, ווו די זריזות (די געשווינדקייט) אַרבעט מיט דערפאָלג, שאַדט ניט אַ ביסל מתינות (געדולד און מיושבדיקייט).

●●●●●●

מפי העם,

319 ז א ב.

פַּטֵּם זְאֵב כְּנַפְשׁוֹ שָׂבְעוֹ,
לֹא תָסִיר הַיַּעַר מִלְּבָבוֹ...

וויפל דו וועסט דעם וואָלף ניט קאָרמע-
נען, וועט ער זיך אַלץ צום וואַלד רייסן.

320

בַּחֲסִידוּת הֵחֵל מִתְנַהֵג זְאֵב זֶה,
דַּע שֶׁנָּשְׁרוּ לוֹ שִׁנָּיו
מִן הַפֶּה...

הויבט אָן דער וואָלף זיך פירן מעשה
חסיד, זיי וויסן, אַז אים זיינען שוין די
ציינער פון מויל אַרויסגעפאַלן...

321

בֵּין זְאֵבִים גָּדַלְתָּ, כְּמוֹהֶם
יְלָלְתָּ...

ווינסטו צווישן וועלף, וואָיעסטו ווי זיי...

322 ז ה ב.

זָהָב יִבָּחֵן בַּלֶּהָבָה,
וּבַזָּהָב — בַּת־חַוָּה...

גאָלד ווערט אויסגעפּרובירט אין פייער;
אַ פרוי—אין גאָלד...

323 ז כ ר ו ן.

כָּל הָרוֹצֶה לְשַׁקֵּר,
מִדַּת זִכְרוֹנוֹ יְחַקֵּר...

וויל איינער אַ ליגן זאָגן, זאָל ער די
לענג פון זיין זכרון אויסמעסטן... (אַ ליג-
נער מוז האָבן אַ גוטן זכרון...)

324 ז"ל.

כִּי זֶה סוֹף כָּל הָאָדָם:
זַ"ל, זצ"ל, חֲבַל, וַחֲסַל... 1)

אַזוי איז שוין דעם מענטשנס סוף: געש-
טאָרבן, באַגראָבן און באַשאָטן און אַראָפּ
פון מאַרק...

325 ז מ י ר.

לֹא יִמָּצֵא בִּזְמִירוֹת שָׂבָע,
הַזָּמִיר כִּי יִרְעָבָה...

ווען דער נאַכטיגאַל איז הונגעריק, וועט
ער פון זמירות ניט ווערן זאַט...

---

1) ז"ל-זכרונו לברכה' ועל צדיק—זצ"ל-זכר צדיק לברכה, חבל—אנחה קלה
ויוצאים ידי חובת צער, וחסל...

הַזְּמַנִּים — מִשְׁתַּנִּים,
וְעַל יָדָם — נַחְנוּ בְּנֵי
הָאָדָם... [1]

ציַיטן בייַטן זיך, און מיט זיי — אויך מיר מענטשן.

327 זעה.

זֵעַת כָּל חוֹלֶה אַחַת,
וְחוֹלֶה כְּלַי — אַחַת וְאַחַת...

אַ קראַנקער שוויצט איין מאָל; אַ קאַר־גער חולה— איין מאָל און נאָך אַ מאָל... (ווען ער זעט זיך אַרום, וויפל ער האָט פאַרשווענדעט אויף זיין קראַנקהייט...).

328 זפת.

גַּם עֲגָלָה מְלֵאָה זוֹ זֶפֶת מוֹלִיכָה,
טְעוּנִים גַּלְגַּלֶּיהָ מְשִׁיחָה... [2]

אויך אין אַ פולן וואָגן מיט שמיר, דאַרף מען די רעדער שמירן...

329 זקנה.

אֵין מַחֲלָה שֶׁסַּכָּנָה כַּזִּקְנָה...

די געפערליכסטע קראַנקהייט איז דער עלטער.

330 זר.

שׁוֹכְבִים שְׁנַיִם עַל כַּר,
בֵּינֵיהֶם לֹא יִתְעָרֵב זָר...

אַז צוויי ליגן אויף איין קישן, זאָל זיך אַ דריטער ניט מישן.

331 זרק.

מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ גַּג־זְכוּכִית בַּחֲצֵרוֹ,
לֹא יִזְרֹק אֶבֶן לְגַג חֲבֵרוֹ.

ווער ס'האָט אַ גלעזערנעם דאַך אין זיין הויף, זאָל קיין שטיין ניט וואַרפן אויף זיין חברס דאַך... (פרגל. אידיש: אַז מען האָט קינדער אין די וויגן, זאָל מען לאָזן לייטן צופרידן...).

1) היינע אמר: «עתים חדשות—צפרים חדשות; צפרים חדשות—זמירות חדשות»...
2) פעם שאל יהודי באחת משבתות החורף, אם הוא חייב בקריאת «ברכי נפשי» לאחרי שקרא כבר את כל התהילים מהחל ועד כלה וענו לו «גם עגלה, וכו»...

332

אֶבֶן שְׁמָהּ אֶבֶן —
אִם בְּאַחֵר זְרַקְתִּיהָ אֲנִי;
אֶבֶן שְׁמָהּ תֶּבֶן —
אִם אַחֵר יַדָּהּ בִּי...

אַ שטיין הייסט שטיין — ווען איך האָב
עס אויף אַ צווייטן געוואָרפן; אַ שטיין
הייסט שטרוי — אויב אַ צווייטער האָט
עס אין מיר געוואָרפן...

ממדרש עם.

333 **ז י ו ף.**

זִיּוּף חֲתִימַת יָדָם שֶׁל בְּנֵי אָדָם,
זִיּוּף חוֹתָמוֹ שֶׁל הקיבה לוֹ קָדָם... (1

מזייף זיין (פאַלש נאָכמאַכן) אַ מענטשנס אונטערשריפט, הייסט — פריער מזייף געווען גאָטס אונטערשריפט... (ג-ס אונ-טערשריפט, לויטן תלמוד, איז «אמת»...).

334 **ז כ ה ב ג ו ר ל.**

הַאי עָלְמָא לְבֵי-הַגְרָלָה דָמֵי:
כָּל גַּבְרָא פְּרוּטָתֵיהּ רָמֵי,
וּפִתְקָא „זָכָה בְּגוֹרָל" מֵהָדָא קַלְפֵי,
סָלִיק לֵיהּ לְחָדָא מִן אַלְפֵי...

די וועלט אונזערע איז צו אַ לאָטעריי געגליכן: יעדער איינער וואַרפט דאָרטן זיין פרוטה אַריין, און אַ «זכה בגורל» צעטעלע, ציט אַרויס איינער פון טויזנטער.

335 **ז כ ו ת.**

(מַזָּלוֹ וּזְכוּתוֹ שֶׁל הֶעָנִי:)
בְּתוֹעֲפוֹת כֶּסֶף לֹא רָצָה אֵל לְזַכּוֹתוֹ,
הִזְמִין לוֹ ר״ח נִיסָן לְיוֹם מוֹתוֹ... (2

דעם אָרימאַנס זכות איז גרויס: מיט קיין סך געלט האָט אים גאָט ניט מזכה גע-ווען, דערפאַר אָבער לאָזט ער אים שטאַרבן אום ר״ח ניסן... (ס'איז אָנגע-נומען ביי אידן, אַז שטאַרבן אין ניסן איז אַ זכות...).

336 **ז מ ן.**

שָׁנִינוּ: „לַכֹּל זְמָן":
לְאֶחָד עָף כְּחֵץ מִקֶּשֶׁת,
וְלַשֵּׁנִי נִמְשָׁךְ כְּזֶפֶת...

יעדערן זיין צייט: איינעם פליט זי דורך ווי אַ פייל פון בויגן, אַ צווייטן ציט זי זיך ווי פון פעך...

---

1) חותמו של הקב״ה, כידוע, הוא «אמת»... 2) קבלה היא בידינו, שזכות היא לאדם למות בר״ח ניסן... ומספרים שיהודי אחד ראה פעם שנכרי מת באותו היום והצטער צער גדול, מפני מה לא זכה לזה אחד משלנו...

יֵשׁ עוֹשֶׂה מַעֲשֵׂה זִמְרִי
וּמְבַקֵּשׁ שָׂכָר —
כְּמַעֲשֶׂה זֶה לַעֲשׂוֹתוֹ גַּם
מָחָר... [1]

ס'טרעפט איינער האָט אָפּגעטאָן אַ «מע-שה זמרי» און פאַרלאַנגט אַ שכר... ווי דאָס זעלביקע אויך מאָרגן צו טאָן...

338 ז נ ב.

הֱוֵה זָנָב לְמְחַבְּרִים,
וְאַל תְּהֵא רֹאשׁ לְמְדַבְּרִים.

זיי בעסער אַן עק ביי מחברים, איידער אַ ראש המדברים.

339

הֱוֵה זָנָב לַאֲרָיוֹת וְלִשְׁחָלִים,
וְאַל תְּהֵא זָנָב לְשׁוּעָלִים... [2]

אויב שוין יאָ אַן עק— זיי עס ביי לייבן, און ניט ביי פיקסלעך...

340 ז ר ה.

אַתָּה תִשְׁגֶה בְּ„זָרָה“ וּפָנֶיהָ
תְשַׁחֵר,
וְ„זָרָה“ גַם אִשְׁתְּךָ בְּעֵינֵי
הָאַחֵר... [3]

פאַרנעמסט דו זיך מיט אַ «פרעמדע» (אַ צווייטנס פרוי), וועט דער צווייטער אויך רעכענען דיין פרוי אַלס „פרעמדע“... (און וועט דיר צאָלן מיט דער זעלביקער מטבע...).

1) ויש ג"כ נוסח אחר: «בזמרי המבקש שכר כפנחס, יכול להלחם רק פנחס»... ושניהם בנויים על האמרה התלמודית הידועה «עושה מעשה זמרי ומבקש שכר כפנחס»... 2) טוב שלא להיות זנב כלל... אבל אם נסתחפה שדך ומזלך גרם לך להיות זנב, השתדל, לכל הפחות, להיות זנב לאריות... 3) אם אשתו של פלוני היא «זרה» בעיניך, תהיה גם אשתך «זרה» בעיני האחר, וכגמול ידך ישיב לך...— עפ"י הפסוק הידוע ב«משלי»: «למה תשגה בני בזרה וכו»...

מפי חכמים.

ח

341 — ח ב ל.

בְּעוֹד הַחֶבֶל בְּיָדְךָ, מְשֹׁךְ פָּרָתְךָ...

כל זמן דאָס שטריקל איז אין דיין האַנט, ציִ די קו...

342 — ח ב ל.

בְּקַרְנָיו שׁוֹר נַגָּח חָבַל, וּבְחָכְמָתוֹ — לְבַב נָבָל...

מיט זיינע הערנער בײלט אַ ווילדער אָקס, און מיט זיין חכמה— דער אויס־וואורף.

343 — ח ג י ם.

לוּ רֹב יְמֵי הַשָּׁנָה אַךְ חַגִּים נִקְפּוּ,
מַרְבִּית הָאֲנָשִׁים מִמּוֹתֵי שִׁעֲמוּם סָפוּ...

ווען דאָס גרעסטע טייל פון יאָר וואָלט אין ימים־טובים פאַראיבער, וואָלטן מענ־טשן פון אומעט אויסגעגאַנגען...

344 — ח ו ב.

נָלִינָה לְלֹא מַאֲכַל־טוֹב,
נַשְׁכִּימָה לְלֹא נֵטֶל־חוֹב...

לייגן מיר זיך שלאָפן אָן פּאָטראַוועס, שטייען מיר אויף אָן חובות...

345 — ח ט א.

הַחֵטְא לְכָל אֵבְרֵי הַגֵּו,
וְהַתְּשׁוּבָה רַק לַלֵּב...

זינדיקן זינדיקן אַלע גלידער פון קער־פּער, תשובה־טאָן דאַרף נור דאָס האַרץ...

346 — ח יי ם.

חַיֵּינוּ הֶרֶף־עַיִן נִמְשָׁכִים,
נְתוּנִים בֵּין שְׁנֵי נְצָחִים... [1]

אונזער לעבן איז אַ פּינטל פון אויג צווישן צוויי אייביקייטן. (די אייביקייט וואָס ב י ז אונז, און די אייביקייט וואָס נ אָ ך אונז...)

347

חַיֵּי אִישׁ בַּחֶלֶד — כְּתֹנֶת יֶלֶד,
חִצוֹנִיּוּתָהּ קְצָרָה, פְּנִימִיּוּתָהּ לֹא־טְהוֹרָה...

דאָס מענטשנס לעבן אויף דער וועלט איז אַ קינדערש העמדל: פונאויסווייניק קורץ, פונאינווייניק ניט ריין...

---

1) אפלטון. כיוצא בזה הוא גם הפתגם «הרף-עין», ערך «ה».

348 חכם.

אֵיזֶהוּ חָכָם? — עָשִׁיר;
אֵיזֶהוּ עָשִׁיר? — אֲשֶׁר גַּם
לְרָעֵבוֹ יָשִׁיר...

ווער איז אַ חכם? — אַ גביר; ווער איז אַ גביר? — וואָס זינגט אויך ווען ער איז הונגעריק.

349

חָכָם — „מָה“ הוּא אוֹמֵר,
חָכְמָה „מִי“ הוּא אוֹמֵר... [1]

אַ חכם — «וואָס» ער זאָגט, (איז אַלץ חכמה), חכמה — «ווער» ס׳זאָגט... (אַן אָרימאַן, כידוע, מעג ער זאָגן די גרעסטע חכמה, איז עס נאַרישקייט...).

350 חכמים.

לַחֲכָמִים עֲשָׂרָה, חֶדֶר קָטָן —
רְחַב יָדַיִם,
וְאַרְמוֹן מֶלֶךְ יֵצַר
לִכְסִילִים שְׁנָיִם...

פאַר צען קלוגע קלעקט איין קליין צימער; אַ קעניגליכער פּאַלאַץ איז ענג פאַר צוויי נאַראָאים...

351 חלום.

אִם כָּל שְׁנוֹת חַיֵּינוּ אַךְ
חֲלוֹם הֵנָּה,
אָז מְעַט יֶתֶר מִדַּי אָנוּ
מַאֲרִיכִים שֵׁנָה... [2]

אויב אונזער גאַנץ לעבן איז מערניט ווי אַ חלום, דאַן שלאָפן מיר שוין אַ ביסעלע צופיל...

352 חליים.

כָּל „חֳלָיִים“ בְּדַעְתּוֹ, וְלֹא
חֳלִי אֶחָד בְּשַׁעְתּוֹ... [3]

בעסער «קראַנק אויף אַלע גלידער», איידער א יין ערנסטע קרענק... («קראַנק אויף אלע גלידער» זאָגט זיך, אַממייסטן, כידוע, נאָר לתפארת המליצה...).

---

1) ג. א. «חכמה, רשע, כסל וגומר—«מי» הוא אומר»... כלומר, בכדי לחשוב את הדבר לדבר חכמה. לכסילות וגו׳ תלוי במי שאומר כל זה... מי שהוחזק לחכם, אפע״פי שידבר שטות יחשבוה לחכמה, וכה להפך... 2) וגם אמרו «חיים ברוב קנין—חלום ברוב ענין»... 3) בשעה שאחד, למשל, מתאונן כי חש הוא בכל אברי גופו ואין בו מתום, יש ואין שמו חולה...

חמל.

353

גַּם כָּל הַחוֹמֵל, אַךְ אֶת נַפְשׁוֹ גּוֹמֵל... [1]

יעדער רחמנות-האָבער איז דאָס רוב אויסן די טובת עצמו... (אַ גביר, לאָמיר זאָגן, הייסט אַוועקטרייבן דעם אָרימאַן פון זיינע אויגן, ווייל ער קען שוין מער-ניט צוזען זיין פיין...).

חמלה.

354

יֵשׁ, בְּחֶמְלָה נִפְרָזָה רֶגַע, מֵבִיא לִשְׁנוֹת אַכְזְרִיּוּת-פֶּגַע...

אַ רגע פון צופיל רחמנות ברענגט, אַ מאָל, גאַנצע יאָרן פון צרות און פיין.

חן.

355

הָרָצוֹן לִמְצֹא תָּמִיד חֵן, מֵסִיר הַחוּט שֶׁל חֵן...

דאָס וועלן אומעטום געפינען חן, נעמט צו פון מענטשן זיין גאַנצן חן...

356

אִם יִתְיָאֵשׁ רֵעֲךָ מִמְּצֹא חֵן בְּעֵינֶיךָ — לֹא יֶאֱהָבֶךָ...

אויב דיין חבר איז זיך שוין מייאש צו געפינען חן אין דיינע אויגן, וועט ער דיר מער ניט האָלט האָבן...

חנוך.

357

עַל-פִּי דַרְכּוֹ חֲנוֹךְ לַנַּעַר, גַּם כִּי יַזְקִין — יְהִי נַעַר...

גיסטו דעם אינגל אַ דערציאונג לויט זיין שטייגער (ד. ה. ניט באַמיענדיק זיך אָפּ-צוגעוווינען אים פון זיינע איינגעבוירענע נטיות), וועט ער אויך צו דער עלטער בלייבן אַ אינגל...

358

חֲנוֹךְ לַנַּעַר עַל-פִּי דֶרֶךְ תְּבוּנָה, גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יִתְכַּחֵשׁ לֶאֱמוּנָה... [2]

גיב דעם אינגל זיין ערציאונג אינם וועג פון תבונה (קלוגער אויפקלערונג), וועט ער אויך עלטערווערנדיק בלייבן טריי דער אמונה...

1) על דרך הכתוב ב«משלי»: גומל נפשו איש חסד ועוכר שארו אכזרי"... רבינו בחיי בשער «עבודת אלקים». «כאשר נתבונן בטובות האדם קצתן על קצתן. אינן יוצאות מאחד מחמשה פנים: א.) טובת האב על הבן. ב.) טובת האדון על עבדו. ג.) טובת העשיר על הרש כדי לקבל שכר שמים. ד.) טובת בני אדם קצתם לקצתם לקנות השם והכבוד ולגמול העולם. ה.) טובת החזק על החלש בעבור חמלתו עליו ושהוא כואב על ענינו, ומן הידוע כי כלם מכוונים לתועלת עצמם»... כפלוני העשיר שאמר: חושו גרשו את העני ממסבי, כי מראות עניו כבר נופץ לבי"... 2) אבן גבירול אמר: «כשיתקימו השרשים בלבבות, יראו הסעיפים על הלשונות»...

חנף.

359

חֲנֵף לֹא בִּמְחִיר יִקַּח לַאֲשֶׁר אָהֵב,
וְקָנָה בַּעֲדוֹ מַה שֶּׁלֹּא קָנָה הַזָּהָב...

חניפה קאָסט דעם מענטשן קיין געלט ניט, און קאָן קויפן פאַר דאָס אזוינס, וואָס ער וועט פאַר גאָלד ניט קויפן...

360

לֹא יֹאבַד דַּרְכּוֹ גֶּבֶר,
כָּל עוֹד יֵדַע שִׁית חֹנֶף בַּחָבֵר.

דער מענטש ווערט קיינמאָל ניט פאַר־פאַלן, כל זמן ער קען אָנווענדן חניפה.

חסרון.

361

אִישׁ לְלֹא־חֶסְרוֹן — אִישׁ לְלֹא־יִתְרוֹן...

אַ מענטש אָן חסרונות, איז אויך אַ מענ־טש אָן מעלות...

חפץ.

362

אַדִּיר חֵפֶץ הָאָדָם הַכֶּסֶף,
וְלַיָּמִים שֶׁכְּבָר אֵין חֵפֶץ בּוֹ יֵאָסֵף...

ס'האָט כסדר אַ מענטש אַלץ מער געלט צונויפקלייבן; ער קלייבט און קלייבט עס פאַר אַזעלכענע טעג, ווען דאָס געלט וועט אים שוין קיין נוץ ניט ברענגען...

חפש.

363

אַשְׁרֵי הַחֹפֶשׁ וְאַשְׁרֵי מֶמְשַׁלְתּוֹ,
לְיוֹדֵעַ הָפִיק תּוֹעַלְתּוֹ...

ווויל איז די פרייהייט, און ווויל איז איר ממשלה, פאַר דעם וואָס ווייס ווי זיך צו באַנוצן מיט איר.

חפש.

364

יֵשׁ מְחַפֵּשׂ וּמָצָא —
אֶת אֲשֶׁר חִפֵּשׂ לֹא רָצָה...

ס'זוכט אַ מאָל איינער עפּעס און גע־פינט— אָט דאָס וואָס ער האָט גאָרניט געמיינט צו זוכן...

365

עַל־פִּי דַּרְכּוֹ וְעִתּוֹ,
מְחַפֵּשׂ כָּל אֶחָד אֶת אֲמִתּוֹ... [1]

יעדערער, לויט זיין אַרט און שטייגער, זוכט זיין אמת...

חץ.

366

חֵץ — לַגֵּו, מִלָּה — לַלֵּב...

אַ קויל— צום קערפּער, אַ וואָרט— צום האַרצן.

---

1) נ. א. «כל אחד על־פי דרכו, לחפש את אמתו יוצא, כל אחד על־פי דרכו, את אמתו מוצא»...

367 ח ק י ם.

גַם חֻקִים צַדִיקִים, בְּאַשְׁמַת שׁוֹפֵט רָשָׁע מַזִיקִים...

אויך די ערלעכסטע געזעצן, דורך אַ שו־פט אַ רשע, ווערן שעדלעך.

398 ח ר ב.

אֲמַרְתֶּם: אֶרֶץ כִּי תֶחֱרַב, וְאֹמַר לָכֶם: עַם כִּי יֶחֱרָב... [1]

איר האָט געזאָגט: אַ לאַנד ווערט חרוב, און איך זאָג אייך: אַ פאָלק ווערט חרוב... (ז' באַמערקונג).

369 ח ר ב.

חֶרֶב לֹא מְרֻטָה, לֹא הוּחַדָה — חָכְמָה בְּלִי מַדָע...

אַ שווערד ניט אָפּגעשליפן, ניט אָנגע־שאַרפט — דאָס איז חכמה אָן וויסן...

370 ח ר ט ה.

אַחֲרִית כָּל קְטָטָה — חֲרָטָה... [2]

דער סוף פון יעדן קריג איז חרטה.

371 ח ש ב.

חֲשׁוֹב דְבָרֶיךָ בְּטֶרֶם צֵאתָם, יַחְשְׁבוּם אֲחֵרִים אַחֲרֵי צֵאתָם...

באַטראַכט דיינע ווערטער איידער זיי גייען פון מויל אַרויס, וועלן אַנדערע זיי באַטראַכטן נאָכדעם ווי זיי גייען פון מויל אַרויס.

372 חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ.

חוֹשֵׂךְ מִבְּנוֹ שֵׁבֶט, בְּמַטֵה בְּנוֹ יַחְבֶּט...

פאַרמיידט אַ פאָטער אַ רוט פון זון, וועט אים דער זון מיט אַ שטעקן שלאָגן...

373 ח ת ו ל.

אִם לֶחָתוּל בַּעֲלַת־בַּיִת זוֹ מְשׁוּלָה, כָּל בֵּיתָהּ יִשַׁק אָז עַל־פִּי חֲתוּלָה... [3]

ווען די באַלעבאָסטע פירט זיך ווי אַ קאַץ, וועט דאָס גאַנצע הויז ווערן אָנ־געפירט דורך דער קאַץ...

---

1) אח"הע. ארץ כי תחרב, בא זרובבל, בא נחמיהו ובונה הריסותיה, ועם כי יחרב — מי יבנהו? 2) באידית שגורה האמרה «חרטה ניט סוחריש»... - חרטה אין זו מדרך התגרים... 3) בתלמוד: «כרכשתא ושונרא עבדי הלולא מתרבא דביש גדא»..

374 חתונה.

הָאַהֲבָה זוֹ אֵשׁ לַבָּה,
הַחֲתוּנָה — מַיִם, וּמְכַבָּה...

די ליבע, דאָס איז אַ פלאַם-פייער, די חתונה — אַ וואַסער וואָס לעשט אויס...

375 חתן.

מָצָא חָתָן — מָצָא בֵּן אִתּוֹ,
וְחָתָן רַע — וְאִבֵּד גַּם
אֶת בִּתּוֹ...

געפינען אַ פאַסיקן חתן פאַר זיין טאָכ-טער, הייסט—געפינען אַ זון; אַ שלעכטן חתן—פאַרלירט מען אויך די טאָכטער...

מפי דהעם.

376 חבר.

אוֹ חֶבֶר, אוֹ קֶבֶר... [1]

אָדער חברותא, אָדער מיתה... (אידיש: «אָדער אַ העט, אָדער אַ גט»...).

377 חוט.

קָבוּץ חוּט חוּט עַל יַד,
וַתְּהִי לְעֵרֹם כְּתֹנֶת-בָּד...

פון יעדערן אַ פאָדים, וועט פאַרן אָרימאַן אַ העמד זיין.

378 חור.

נָטַל זְגוּגִית מֵהַכָּא,
נְתָנָהּ לְהָתָם,
אֶת הַחוֹר בְּכָזֶה לֹא סָתָם...

אַרויסגענומען די שויב פונדאַנען, אַריינגעשטעלט זי דאָרטן, אַ לאָך וועט פאָרט בלייבן ניט פאַרשטאָפּט.

379 חזיר.

אֵין נוֹטְלִין מִזְּנַב הַחֲזִיר,
נִים לִכְלִי-שִׁיר... [2]

פון אַ חזירישן עק מאַכט מען קיין סטרונעס ניט... (פרגל. «מאַכט מען קיין פייל און בויגן ניט», אָדער: «מאַכט מען קיין שטריימל ניט»...).

380

הַחֲזִיר לֹא יָגֵר גֵּרָה, —
מַגְבִּיהַּ לְעֵינֵי כֹּל רַגְלוֹ
הַכְּשֵׁרָה... [3]

דער חזיר איז ניט מעלה-גרה — הויבט ער דערפאַר אויף זיין כשרה פיסל... («חזיר-פיסל-כשר»...).

381

הִכְרַחְתָּ בִּבְשַׂר חֲזִיר
לְהִתְגָּאֵל,
יְהֵא, מִיהוּ, נַתַח שָׁמֵן,
רִי יִשְׂרָאֵל... [4]

אויב שוין יאָ חזיר געגעסן, זאָל עס כאָטש גוט-פעט זיין...

1) בתלמוד: «או חברותא, או מיתותא». 2) אצל «שלום-עליכם» בתרגומו של י"ד ברקוביץ יש «מזנבתא דחזירתא לא תעביד שטריימלתא»... 3) החזיר יש לו רק סימן אחד משני סימני הכשרות שבישראל (מעלה גרה ומפריס פרסה); הוא רק מפריס פרסה והריהו מגביה אותה להראות כשרותו... 4) «מיהו» בסגנון התלמוד — על כל פנים, לכל הפחות.

382 חזן.

עִם הַחַזָּן רַבְתָּ, —
כְּלוּם בַּעֲנִיַּת „אָמֵן" לֹא חַבְתָּ?

אַז מען איז אין כּעס אויף דעם חזן,
דאַרף מען קיין «אָמן» ניט ענטפערן?...

383 חיטים.

כָּל הַחַיָּטִים—
עֲרֻמִּים מְפֻשָּׁטִים,
כָּל הַסַּנְדְּלָרִים—
יְחֵפִים נִגְרָרִים.

אַלע שניידער גייען נאַקעט, אַלע שוס-
טער גייען באָרפוס.

384 חיה בין עכו"ם.

מַתְלָא אָמְרָא:
לִחְיוֹת בֵּין הָעַכּוּ"ם בְּחֶבֶר,
אֲבָל בֵּין הַיְּהוּדִים לָבוֹא
לַקֶּבֶר...

לעבן זאָל מען צווישן גויים, און שטאַר-
בן צווישן אידן.

385 חכמה.

חָכְמָה וְנִסָּיוֹן,
וּמָעוֹת לְפֵרָעוֹן... [1]

יאָ, גוט איז חכמה פאַר אַלעמען, מיט אַ
ביסעלע «מזומן» צו משלמ'ען...

386 חלודה.

אַהֲבָה יְשָׁנָה וַחֲסוּדָה,
אֵינָהּ מַעֲלָה חֲלוּדָה...

אַלטע ליבע ראָסט ניט.

387 חלקי.

יְהִי חֶלְקִי עִם עֲשִׁירֵי שְׁכֵנִים,
וְלֹא עִם בַּעֲלֵי-בָתִּים
מִסְכֵּנִים...

בעסער זיין אַ רייכער שכן, איידער אַן
אָרימער בעל-הבית.

---

1) בחיינו חכמה ונסיון גרידא, כידוע, אינם מספיקים עדיין, אלא טובים השנים האלה בצל הכסף...

388

הוֹ, מַה יָּפֶה חֶלְקִי!
גַּם עָגָה בְּחֶמְאָה מְרֻבֶּכֶת,
וְגַם אֵין צֹרֶךְ לַ"חֶדֶר"
לָלֶכֶת... [1]

אָ, ווי ווויל איז מיר! אַ קוכן מיט פּו-טער, און אויך אין «חדר» ניט גיין!... (ז' באַמערקונג).

ח מ ו ר.

389

חֲמוֹר —
בְּאַשְׁפַּתּוֹת חוּץ,
בַּעֲרֻגוֹת-מוֹר — חֲמוֹר...

אַן אייזל — צווישן די מיסטקאַסטנס, צווישן דופּטיקע בלומען — איז אַלץ אייזל...

390

אַרְגָּמָן יַעַד חֲמוֹר וּרְקָמוֹת,
נוֹלַד חֲמוֹר וַחֲמוֹר יָמוּת...

ס'מעג אַן אייזל אין כלערליי פּורפּור זיך אויספּוצן—אַן אייזל איז ער געבוירן, אַן אייזל וועט ער שטאַרבן...

ח ן.

391

הָאֵם לִימִינוֹ, הָאָב עַל
חִנּוֹ... [2]

ווען די מוטער דערבײַ, איז דער פאָטער געטרײַ.

ח ס ר.

392

חָסְרָה הַפְּגִישָׁה אֲהָבִים,
חָסְרָה הַפְּרִישָׁה עֲצָבִים...

איז דאָס באַגעגענען זיך אָן פרייד, איז דאָס געזעגענען זיך אָן לייד...

ח צ י - מ ל א כ ה.

393

כְּלָל גָּדוֹל בַּחַיִּים:
אֵין מַרְאִין לִפְתָאִים,
מְלָאכָה לַחֲצָאִים...

ס'איז אַ גרויסער כלל אין לעבן: אַ נאַרן ווייזט מען קיין האַלבע אַרבעט ניט.

ח ש ב ו ן.

394

לְלֹא-חֶשְׁבּוֹן כָּל חֲיוּתוֹ,
לְלֹא-וִדּוּי יוֹם מוֹתוֹ...

אַז מען לעבט אָן רעכענונג, — שטאַרבט מען אָן ווידוי...

---

1) כך אמר פעם ילד יהודי שחש קצת בגופו ולא צריך היה ללכת אל «החדר», קבל את עוגתו ושכב במטה, תרתי למעליותא... 2) אצל סוקולוב נמצא בנוסח זה: «האב הוא אביך, כל עודו עם האם; עם האם החורגת, יחברו גם השם»... (גם האב שמו אז «אב חורג»...).

395 חתולים.

עִם כְּבוֹת הָאוֹרִים,
כָּל הַחֲתוּלִים אֲפוּרִים... [1]

אין דער פינסטער זיינען אַלע קעץ גרוי.. (ד. ה. אין דער פינסטער שיידט מען ניט אונטער קיין פאַרבן..).

396 חתן.

זַמֵּר לֶחָתָן קִינִים וָהֶגֶה,
וְהוּא בְּשֶׁלּוֹ יֶהְגֶּה...

שפיל דעם חתן די טרויעריקסטע לי-דער— ער וועט אַלץ וועגן זיינס טראַכטן.

1) כלומר, בלילה אין מבחינים בין הצבעים...

ממדרש עם.

397 חבילות.

לו למְכִירָה הַשּׁוּקָה,
כָּל חֲבִילֵי צָרָה וּמְצוּקָה,
הָיוּ מְבִיאִים בְּנֵי-אִישׁ,
הָיָה שָׁב וְחוֹטֵף כָּל אֶחָד
וְעוֹטֵף אֶת חֲבִילָתוֹ חִישׁ...

ווען מענטשן וואָלטן אַרויסגעטראָגן אויפן מאַרק צו פאַרקויפן אַלע זייערע פעקלעך צרות און אַנגסטן, וואָלט יעדער איינער גלייך צוריק געכאַפּט זיין אייגן פעקל...

398 חבר גנבים.

חֶבֶר גַּנָּבִים הָעוֹלָם כֻּלּוֹ:
גּוֹנֵב כָּל אֶחָד עַל-פִּי דַּרְכּוֹ
וּגְבוּלוֹ,
הֶחָרוּץ בּוֹ „צַדִּיק" יִקָּרֵא,
וְגַנָּב נִרְפֶּה–יֵרֵד הַבּוֹרָה... [1]

אַ באַנדע גנבים איז די וועלט: יעטווי-דער גנבעט לויט זיין שטייגער און מעג-ליכקייטן; דעם פליסיקן גנב — רופט מען אַ מאָל נאָך «צדיק», און דעם שוואַ-כערן — זעצט מען אין תפיסה אַריין...

399 חובות.

עַל חוֹבוֹת הָאָדָם אֶל עָל,
אֵין דִּין שְׁמִטָּה חָל... [2]

אויף די חובות פון אַ מענטשן צום רבו"שע, איז דער דין שמיטה ניט חל... (אָטאָדי חובות מוז מען שטענדיק צאָלן)

400 חזן.

בְּרִית כְּרוּתָה לוֹ לַחַזָּן
בְּשַׁעְתּוֹ,
כָּל שֶׁקּוֹלוֹ יִגְדַּל תִּקְצַר
דַּעְתּוֹ... [3]

ס'איז פון גאָט אַליין אַן אָפּמאַך געש-לאָסן מיטן חזן: וואָס שטאַרקער זיין שטים, אַלץ שוואַכער זיין שכל... («חזנים זיינען נאַראָאים»)

---

1) «אורקי נאַכאַלניק». שם ספרותי של סופר ידוע, טפוס מענין מאד, מי שישב כל ימיו בבתי אסורים שונים בשביל גנבות וכו' ויצא מבית כלאו בתור סופר מפורסם, שחבוריו עשו רושם מפליא בתאוריהם הריאליים, עתה הוא גר בוילנא). 2) חובותיו של הקב"ה אין שביעית משמטת. 3) כאחת האסמכתות למימרא הידועה «חזנים זיינען נאראָאים» מביא העולם את הגמרא «מכות» כג. וז"ל: «ת"ר. חזנים יכולים להיות חסירי כח ויתירי מדע, ר' יהודה אומר (והדין שם כר"י) יתירי כח וחסירי מדע»...

חטא.

401

בֵּין הָעַמִּים,
חֵטְא הַיְּהוּדִי — חַיָּתוֹ,
וְכַפָּרָתוֹ — מִיתָתוֹ...

צווישן פעלקער, דעם אידנס זינד — פאַרוואָס ער לעבט, און זיין כפרה — איז דער טויט...

402

אִם יֶחֱטָא אִישׁ לְאִישׁ,
אֱלֹהִים יְפַלְלוֹ,
וְאִם יֶחֱטָא אִישׁ לְעַמּוֹ,
מִי יִתְפַּלֶּל לוֹ?.. [1]

זינדיקט אַ מענטש קעגן אַ מענטשן, וועט אים בית-דין משפטן, זינדיקט אַ מענטש קעגן זיין פאָלק — ווער וועט אים משפטן?...

403

אִם יֶחֱטָא אִישׁ לְאִישׁ
וּפִלְלוֹ אֱלֹהֵיהוּ,
וְלִבְשָׂרוֹ כִּי יֶחֱטָא אִישׁ —
בְּשָׂרוֹ יַעַרְבֵהוּ... [2]

פאַר די זינד פון מענטש צו מענטש וועט גאָט פון אים אויפפאָדערן; פאַר די זינד צום אייגענעם לייב — וועט זיין לייב אויפפאָדערן...

חטאים.

404

חֲטָאֵיכֶם לֹא לְפִי שָׁנִים —
כַּשֶּׁלֶג תַּלְבִּינוּ וְלֹא שָׁנִים. [3]

זיינען אייערע זינד ניט לויט די יאָרן — וועט איר ווי שניי ווייס ווערן (גרוי און אַלט ווערן) אָן יאָרן...

חטם.

405

הַכֹּל מְעַקְמִים חֹטֶם כְּנֶגֶד
הַדַּל,
הַכֹּל לְרַבּוֹת גַּם הַנַּעַל...

אַלע פאַרקרימען די נאָז קעגן דעם אָרימאַן, «אַלע» מיינט אויך זיין אייגענער שוך...

---

1) ולכן—אמר סוקולוב—מהראוי היה להוסיף «על חטא» אחד על רשימת החטאים שאנו מונים בימים הנוראים: «על חטא שחטאתי לפניך ביני לבין עמי»... 2) ובתלמוד: «בל תשחית דגופו עדיף»... 3) פרודיה על הפסוק בספר «ישעיהו»: «אם יהיו חטאיכם כשנים, כשלג ילבינו».

406 חיה בא"י.

לִחְיוֹת בְּא"י לֹא בְנָקֵל עוֹלָה,
קָשָׁה מִזוּ—לִבְלִי א"י חָיָה
בַּגוֹלָה, [1]

זיך אַ לעבן איינאָרדענען אין ארץ-ישראל איז ניט אַזוי לייכט, ניט דער ערך שווערער אָבער איז אָן א"י לעבן אין גלות...

407 חיבים.

שָׁנִינוּ: כָּל הַחַיָּבִים,
חוּץ מֵחַיָּבֵי תוֹדָה,
חוֹנֵף וּכְזָבִים... [2]

מיר האָבן געלערנט: אַלצדינג שולדיק זיין, נאָר ניט שולדיק זיין אַ דאַנק, אַ חניפה, אַ געצווונגענעם ליגן... (ווי איז דעם וואָס מוז אייביק זיין דאַנק און זיין חניפה אַנטקעגנטראָגן...).

408 חיים.

חַיִּים רוֹב בְּנֵי הָאָדָם,
כְּרַכָּב אֲשֶׁר עַל דוּכָנוֹ יֵרָדֵם,
אַל תִּתְמַהּ עַל הַנִּפְלָלִים,
אֶל בֵּין הַגַּלְגַּלִּים... [3]

אַממערסטן מענטשן לעבן ווי אַן איינגעשלאָפענער פורמאַן אויף דער קעלניע. איז שוין קיין וווּנדער ניט אויף די, וועלכע פאַלן אַרונטער צווישן די רעדער...

---

1) ב. לוקר. ולא למותר יהי׳ להביא בכאן אי-אלו מאמרות שהיו מתהלכות בקרב העם, בראשית ימי התנועה של «חבת ציון» והיו שגורות בפי מטיפים שונים: «אוירא דא"י מחכים» במחזיקים בה אמרו, קו"ח במתרחקים»... (רעיון תחית הלאום, כידוע, הערה רוח ממרום על המחזיקים בו, ודבריהם חצבו להבות, ולהפך ג"כ, מתנגדי הרעיון, כאלה שמעולם לא נשמעו דבריהם בין החיים, מכיון שבאו לספר בגנותו של הרעיון, פערו פה ודברו רמות ונשגבות.); «אוריתא וישראל וקודשא ב"ה: אם אוריתא, צווחת—הביתה! ישראל—מתי אגאל? (סימן שיש רצון ומרץ להגאל.), עונה קודשא ב"ה: עלו והצליחו!.. «אם ה׳ לא יבנה בית—יטע לנו, למצער, כרם זית»... «כי מציון תצא תורה, ו«ציון» — מבעלי תורה... (כי היה זמן בישראל, ש«בעלי התורה» היו מראשי המתנגדים לתנועה זו...) «כי מציון תצא תורה, וימים יוצרו— גם סחורה»... «ג׳ מדות בבוני הארץ: א) בעלי אנחה (תפלה ודמעות) ב.) בעלי הלכה (התיאוריטיקים החדשים) ג.) בעלי מלאכה (הפועלים בידים), וכולם צדקה דעתם, וכולם יפים לשעתם»... ועוד כאלה. 2) הבדרשי. אין חוב בעולם שיכבד אכפו כל כך כחוב זה נטל על האדם לרהב רעהו, להכיר תודה כל היום, לחלק מחמאות ולשית חונף וכו׳... 3) מפי הסופר הרוסי גורקי. הצורה «הנפללים» (לדעת רבים במקום «הנופלים») נמצאת בספר יחזקאל, כח, כג, «ונפלל חלל בתוכה»..

409 חיים וחכם.

„חַיִים״ וְ„חָכָם״ אֶחָד מִסְפָּרָם,
כִּי עַל-כֵּן הִשְׁאִיר לוֹ אַךְ
הַשֵּׁם–הֶחָכָם,
וְלִחְיוֹת בָּהֶם–הַכְּסִיל לְקָחָם.

די ווערטער «חיים» און «חכם» באַ-טרעפן ביידע די זעלביקע צאָל. האָט טאַקע דער קלוגער פאַר זיך איבער געלאָזן נאָר דעם נאָמען «חכם», און דעם «חיים» (דאָס לעבן) האָט דער נאַר צוגענומען...

410 ח י ט.

דַּרְשָׁן יָדוּעַ מֵעַל הַבִּימָה,
אֶת הָעוֹלָם הַזֶּה לְחַיָּט דִמָּה:
מַה חַיָּט אוֹכֵל, שׁוֹתֶה,
נוֹטֵל לְגִימָה וכו׳ עַד עֵת,
אַף אָדָם אוֹכֵל שׁוֹתֶה וכו׳
וכו׳ וּמֵת...

ס׳האָט אַ מאָל אַ באַוווסטער דרשן די וועלט צו אַ שניידער פאַרגליכן: כשם ווי א שניידער עסט, טרינקט א. א. וו. מאַכט אַ שנאַפּס און שטאַרבט אָפּ, אַזוי אויך אַ מענטש עסט, טרינקט א. א. וו. און שטאַרבט אָפּ...

411 חיטים ורצענים.

מִפְּנֵי מַה לֹא בָלוּ
שִׂמְלוֹתֵיהֶם וְנַעֲלֵיהֶם
שֶׁל יִשְׂרָאֵל בַּמִּדְבָּר
כָּל הַשָּׁנִים?
מִפְּנֵי שֶׁחָמַל הקב״ה
עֲלֵיהֶם,
שֶׁלֹּא יִצְטָרְכוּ לִידֵי חַיָּטִים
וְרַצְעָנִים...[1]

פאַרוואָס זיינען ניט צופוילט געוואָרן די קליידער און שיך אויף די בני יש-ראל די גאַנצע פערציק יאָר אין מדבר? — ווייל ג׳ האָט רחמנות געהאַט אויף זיי, זיי זאָלן ניט דאַרפן אָנקומען צו שניידער און שוסטער... (ז׳ באַמערקונג).

1) רמז להתיחסות ידועה של הבריות אל סוג בעלי המלאכה האלה בימים העברו בפולין. מימרא שגורה בפולין: «קראווצי (חיטים) אי שעווצי (סנדלרים) ניע ליודזי»... (אינם אנשים).

412 «ח כ ו».

„חָכָם״ בר״ת — „חִכּוֹ מַמְתַקִּים״,
„חָכָם״ — „חָסֵר כִּיסוֹ מַמְתַקִּים״... [1])

דער ראשי-תיבות פון «חכם» איז «חכו ממתקים» (זיין גומען גיט אַרויס זיסי-קייטן...) אויך «חסר כיסו ממתקים» (וואָס האָט אין קעשענע קיין «ממתקים»... — אַ שפּאַסיקער נאָמען פאַר געלט אין פוילן און ליטע).

413 חכם.

„אֵיזֶהוּ חָכָם? — הָרוֹאֶה אֶת הַנּוֹלָד״,
וְחָכָם מְחֻכָּם? — הָרוֹאֶה גַּם מַה מִּשֶּׁכְּבָר נוֹלָד... [2])

«וואָס הייסט אַ חכם? — דער וואָס זעט פאָרויס וואָס ס'וועט זיין». וואָס הייסט אַ חכם מחוכם? — דער וואָס זעט אויך וואָס ס'איז שוין לאַנג געווען...

414 חכמה.

„אַשְׁרֵי אָדָם מָצָא חָכְמָה״
וְאַשְׁרֵי חָכְמָה מָצְאָה אָדָם.

«וויל דעם מענטשן וואָס האָט חכמה געפונען» און וויל דער חכמה וואָס האָט אַ מענטשן געפונען...

415 חכמות.

„חָכְמוֹת בַּחוּץ תָּרֹנָּה״,
אֵינָן עֲדֶן הַחָכְמוֹת שֶׁבַּלֵּב תְּשְׁכוֹנָה... [3])

די חכמות וואָס ווערן צייטנווייז אַרויס-געזונגען אויף דער גאַס, (פאַר אַן עולם) זיינען נאָך ניט די זעלביקע חכמות וואָס ליגן אין האַרצן... (ז' באַמערקונג).

1) מלת «ממתקים» הראשונה כהויתה: דברים מתוקים; השניה בהוראת «כסף» כפי שקורין לו בהלצה בפולין וליטא... 2) «הנולד» הראשון — מה שעתיד להולד, השני — מה שכבר נולד, ור״ל, חכם מחוכם זהו הרואה ומבין מה שכבר היה לעולמים, ולומד להכיר על פיהו מה לקרב ומה לרחק על להבא... 3) יש חכמה, כידוע, בלבו של האדם, ויש «חכמה» שהאדם «למד» אותה לשעה הצריכה לכך והולך ומשמיעה בשער בת רבים ובראשי הומיות למען יקרא שמו «נואם» «דברן» «מטיף» וכו'...

בְּמְאֹד הֶחְכִּים הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה,
לִשְׁפּוֹט עַל יֶלֶד אֵיזוֹ אִמּוֹ;
הֶעֱמִדָה חָכְמָתוֹ לוֹ נָבוֹן
כָּמוֹהוּ,
לְהַגִּיד עַל הַיֶּלֶד,
מִי הוּא אָבִיהוּ?..

זייער קלוג איז דער קעניג שלמה גע-ווען: לויטן קינד האָט ער געקענט פאַר-שטיין, ווער זיין מוטער איז געוועןָ, צי האָט אָבער דער זעלביקער חכם מכל אדם געקאָנט באַשטימען לויטן קינד, ווער זיין פאָטער איז געוועןָ?

417 ח מ ש ה.

„מְרֻבֶּה הָאִישׁ עַל הָאִשָּׁה,
בְּמִסְפַּר חֲמִשָּׁה";
מִכָּאן אָמְרוּ:
לְעוֹלָם יִשָּׂא גֶּבֶר אִשָּׁה,
לֹא קְשִׁישָׁה,
וּכְשֶׁיֵּשׁ בְּחִירָה — בָּהּ שָׁנִים
מִמֶּנּוּ צְעִירָה... [1]

דאָס וואָרט «איש» (מאַן) באַטרעפט מערער פון «אשה» (פרוי) מיט פינף; פונדאַנען איז געדרונגען: שטענדיק זאָל אַ מאַן אַ פרוי נעמען ניט עלטער פון אים, און ווען מעגליך איז — מיט אַ פינף יאָר אינגער...

418 ח ס ד.

אִם עֲשׂוֹ חֶסֶד חָפַצְתָּ,
הַפְלֵה לְרַבִּים חַסְדֶּךָ,
אוּלָם אִם תּוֹדָה חָפַצְתָּ,
פְּרוֹס לְאֶחָד לַחְמֶךָ...

מיינסטו מיט אַן אמת חסד צו טאָן, דאַן ווייז עס אַרויס צו אַ סך, פאַרלאַנגסטו אָבער נאָר אַ דאַנק — דאַן גיב צו איי-נעם אַ שטיקל ברויט.

1) עפ"י המהרש"א. וזהו שאמרו «מצא אשה» (שהיא פחותה מן «איש») מצא טוב («נחית דרגא ונסיב אתתא»); «ומוצא אני את «האשה» (כלומר, אם היא שוה לבעלה, כי «האשה" בג' «איש») מר ממות»... והעולם מסיים: «ואשה» בכל אלה לא מצאתי»... (כלומר, אם היא גדולה מבעלה, זו היא רעה חולה מאד...)

419 ח ס י ד י ם.

חֲסִידִים הָרִאשׁוֹנִים הָיוּ אוֹמְרִים:
עֲשֵׂה שַׁבַּתְּךָ חוֹל,
וּמִשְּׁיָרֵי שֻׁלְחַן "רַבְּךָ"
חֲטוֹף וֶאֱכוֹל... [1]

אַמאָליקע חסידים פלעגן זאָגן: «מאַך דיין שבת ווי אינדערוואָכן, אַבי אָבער די «שיריים» פון רבינס טיש כאַפן... (ז' באַמערקונג).

420 ח ס ו ר י מ ח ס ר י.

„חֲסוּרֵי מֶחְסְרֵי וְהָכִי קָתָנֵי",
פֵּרוּשָׁא: מַתְחִיל אָדָם לוֹמֵד
מִשֶּׁנַּעֲשָׂה עָנִי... [2]

דער תלמודישער אויסדרוק «חסורי מחסרי והכי קתני», (דאָ פעלט אַ וואָרט, און מען דאַרף אַ ז ו י לערנען») איז טייטש: «אַז דעם מענטשן הויבט אָן צו פעלן, דאַן כאַפט ער זיך צום לערנען...

421 ח פ ץ.

„לְכָל חֵפֶץ יֵשׁ עֵת וּמִשְׁפָּט",
וְלֹא לְכָל עֵת וּמִשְׁפָּט יֵשׁ
חֵפֶץ...

אַ פסוק זאָגט: «יעדער ווילן האָט זיין צייט», אָבער ניט יעדע צייט וויל מען...

422 ח צ פ ה.

„חֻצְפָּה כְּלַפֵּי שְׁמַיָּא מְהַנְיָא",
וּכְלַפֵּי בְּרִיּוֹת
לֹא "קָטְלָא קַנְיָא"... [3]

«חוצפה העלפט אַפילו קעגן הימל», אָבער קעגן מענטשן דאַרפסטו אויך קיין שלימזלניק ניט זיין... («צו גאָט האָפן, אַליין ניט שלאָפן»...).

1) כלומר, אותו החסיד המחסר נפשו מכל והולך וחושך פרוטותיו האחרונות ומקפח בסעודתו כדי ללכת ולהקביל פני רבו ולהשתתף עם כל החסידים בסעודת «מלוה מלכה» ולחטוף משירי שלחנו... 2) בטוי זה בתלמוד פרושו כך: «חסורי מחסרי» = נשמטה כאן מלה, «והכי קתני» — וצריך לקרותה כך... והעם מתלוצץ ומבארהו כפי הנ"ל. 3)«קטלא קניא» כנוי בתלמוד לכל נחות דרגא, רשלן וביש גדא.

423 חקות.

אֶת הָאָמָּן לְחַקּוֹת –
גַּם זוֹ אֻמָּנוּת תִּקָּרֵא,
אֲבָל אֵינָהּ עֲדֶן דֵּי זַכּוּת,
שֶׁאָמָּן יִקָּרֵא...

נאָכצומאַכן דעם קינסטלער — דאָס איז אויך אַ קונסט, אָבער דאָס גיט אים נאָך קיין רעכט ניט, זיך צו רופן קינסט-לער...

424 חרוז.

הוֹ, בָּחוּר, בַּחוּרָא!
הֵא לְךָ מִמֵּיטַב חֲרוּז
לַשּׁוּרָה:
אָנָא עָלֵינוּ חוּס,
חֲטוֹף סוּס, רְכַב וָנוּס...
חוּט וּמַחַט טוֹל וְחַיֵּט,
וְאַל נָא תּוֹסִיף עוֹד
לְפַיֵּט... [1])

אָ בחור, בחורל! אָט האָסטו דיר אַ ריכ-טיקן גראַם פאַר אַ שורה: «רחמנות האָב בחורל, צאַצקע, כאַפּ זשע אַ קליאַטשקע (אַ פערדל), און שפּאַן שנעל אַוועק; נעם אַ נאָדל און פאָדים, זעץ זיך, ניי בגדים, און מיט דיינע לידער אַן עק!...

425 חרפה.

בּוֹשָׁה מֵאִישׁ וּמִסֶּחְיוֹ,
מִמִּי שֶׁחֶרְפָּה לְךָ לְהִתְגָּאֵל
עַל יָדוֹ
וְהַכּוֹת עַל לֶחְיוֹ...

אַנטלויף פון יענעם שמוציקן, פון וועמען ס'איז אַ חרפה זיך איינצוריכטן און אַ פּאַטש צו געבן...

426 חש.

„חָשׁ בְּרֹאשׁוֹ יַעֲסוֹק
בַּתּוֹרָה" — וְדָרוֹשׁ:
„אָז יֵדַע, שֶׁחָסֵר הוּא
הָרֹאשׁ"...

די גמרא זאָגט: «טוט וויי דער קאָפּ, זאָל מען תורה לערנען» — איז דער פּשט: וועט מען דאַמאָלט וויסן, אַז מען האָט קיין קאָפּ ניט...

---

1) כך לִגלג ד. פרישמן על הני משורריא ששרצו להם בע"ה בימינו...

427 חשב.

חֲשֹׁב טֶרֶם תְּדַבֵּר,
חֲשֹׁב לִפְנֵי מִי אַתָּה
מְדַבֵּר,
חֲשֹׁב מִפְּנֵי מָה אַתָּה
מְדַבֵּר,
חֲשֹׁב מָה אַתָּה מְדַבֵּר...

באַטראַכט איידער דו רעדסט, באַטראַכט פאַר וועמען דו רעדסט, באַטראַכט פאַר וואָס דו רעדסט, באַטראַכט וואָס דו רעדסט...

428 חשד.

חָשְׁדָה בָּהּ, רַחִימָאִי,
כָּל הָעֵדָה,
סִמָּן שֶׁיֵּשׁ כָּאן טְפֵי
מֵחֲשָׁדָא גְּרֵידָא...

איז דיר, טייערינקער, חושד די גאַנצע געמיינדע — איז דאָס אַ סימן, אַז דאָ ליגט עפּעס מערער ווי הוילער חשד...

429 «חתין»

עַל שָׁלֹשׁ „חֵתִין" הָעוֹלָם
עוֹמֵד:
עַל הַחוֹנֵף, הֶחָצוּף וְהַחוֹמֵד.

אויף דריי «חיתין» האַלט זיך אונזער וועלט: אויף חניפה, חוצפה און חמדה (גלוסטעניש...)

430 חותנת וחמות.

גַּן-עֶדְנָם שֶׁל אָדָם וְחַוָּה
עֲלֵי אֲדָמוֹת,
מִפְּנֵי שֶׁלֹּא הָיְתָה לָהֶם לֹא
חוֹתֶנֶת וְלֹא חָמוֹת... [1]

דער גן-עדן פון אדם און חוה אויף דער ערד איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן נאָך קיין שוויגער ניט געהאַט...

1) החותנת שמשה מטרה לחצי הלגלוג וההתול כבר מזמן המדרש, למשל, «אם ידור גדי עם נמר כן תדור כלה עם חמותה»... מדרש תורה, שער ד. בקרב העם שמעתי ג"כ: «חותנת שתוקת-אברים לו, בעל נכסי דלא ניידי שמו?...

ט

טוב.

431

כִּי טוֹב לְחַלּוֹת בָּנֶיךָ פָּנֶיךָ,
מֵהַבִּיטְךָ אַתָּה אֶל יְדֵי בָּנֶיךָ...

ס'איז בעסער, אַז דיינע קינדער זאָלן בעטן דיין גאָב, איידער דו זאָלסט אַרויסקוקן צו דיינע קינדערס גאָב.

432

אַךְ זֶהוּ טוֹב:
בַּלֵּב רַחַשׁ, הָרֶגֶל תָּחַשׁ,
וְגַם הַיָּד—לְלֹא-כָּחַשׁ... [1]

אָט דאָס הייסט גוט: אַז דאָס האַרץ פילט, די פוס אַיילט (צו גיין טאָן די מצוה), און די האַנט טיילט...

433

טוֹב בַּעַל דֵּעָה,
וְלֹא עֶבֶד לְדֵעָה...

גוט איז אַ בעל הבית איבער דער דעה, און ניט אַ קנעכט צו דער דעה...

434

טוֹב סָכָל לְדָבָר אֶחָד,
מֵחָכָם לְדָבָר אֶחָד.

בעסער אַ נאַר אין איין זאַך איידער אַ חכם אין איין זאַך...

435

טוֹב פְּרוֹס לָרָעֵב לַחְמֶךָ,
מֵעֲנוּת בַּצּוֹם נַפְשֶׁךָ...

בעסער אַ הונגעריקן אַ שטיקל ברויט געבן, איידער אַליין פאַסטן.

436

טוֹב עוֹמֵד לְנֵס,
מֵעוֹמֵד בְּנֵס... [2]

בעסער זיין אַ «עומד לנס» (אין העבּרעאיש מיינט דער אויסדרוק: דינען אַלס שיינער מוסטער פאַר אַנדערע) איידער אַ «עומד בנס» (וואָס מיינט: זיך האַלטן דורך אַ נס... — ז' באַמערקונג).

---

1) וכך הסביר גאון אחד את המלים בברכת המזון «מידך המלאה והפתוחה» כי ידו של הקב"ה היא לא כידו של בו"ד; בו"ד יש שידו «מלאה» אבל אינה פתוחה, ויש שידו «פתוחה» אבל אינה «מלאה», אבל לא כן בהקב"ה... 2) למשל, ישראל עומד «לנס עמים» אבל ג"כ «עומד בנס»... וג"כ «מלומד בנסים» וכידוע, אין סומכין על הנס...

437

טוֹב לַעֲבוֹד בְּאִשָּׁה,
מֵעֲבוֹד הָאִשָּׁה...

בעסער דינען צו ליב דער פרוי, איידער די פרוי...

438

טוֹב חֶסְרוֹנוֹת רַבִּים בְּאִישׁ,
מֵחֶסְרוֹן אֶחָד וְהוּא —
„לֹא-אִישׁ"...

בעסער אַ סך חסרונות אין אַ מענטשן, איידער אַן איינאיינציקער חסרון — «ניט קיין מענטש»...

טובה.

439

בִּרְבוֹת הַטּוֹבָה,
יִמְעַט הַשֹּׂבַע... [1]

וואָס מערער אין שעפל — קנאַפּער אין לעפל... (ז' באַמערקונג)

440

בִּרְבוֹת הַטּוֹבָה,
תִּרֶב הַתַּאֲוָה,
וְכִרְבוֹת הַתַּאֲוָה,
תְּנֻשֶּׁה טוֹבָה...

מערער גוטס — מערער תאוה; מערער תאוה — קנאַפּער גוטס...

441

אִי-לְךָ דַל, מִיַּד גֶבֶר
הוּקַם עָל,
וַקְחְתּוֹ מִמְּךָ טוֹבָה —
וּלְכָבוֹד גַּם לִצְדָקָה
לְךָ יֵחָשׁוֹבָה...

וויי איז דיר, אָרימאַן, פון דעם יעניקן נכבד, וואָס נעמט פון דיר די טובה אָן, און פאַררעכנט עס דיר פאַר אַ כבוד און צדקה...

1) זהו ההפך של הפסוק ב«קוהלת»: «ברבות הטובה רבו אוכליה»... רבוי האוכלים ע"י רבוי הטובה, כנראה, היה רק מלפנים ולא עתה, כשזכינו כבר לראות איך בני אדם משליכים אל הים רבבות אלפי שקים של תבואה, קהוה ועוד ועוד, בכדי שלא להוזיל את השער ולקלקלו...

442

טוֹבָה תְבוּנָה לֶאֱמוּנָה,
וְרָעָה אֱמוּנָה לִתְבוּנָה·

גוט איז פאַרשטאַנד צו אמונה, שלעכט איז אמונה (בלינד גלויבן) צו פאַר־שטאַנד.. (ניט אַלע מאָל קען מען גלויבן דעם שכל).

443

טוֹבָה אַכְזְרִיּוּת בִּמְקוֹמָהּ,
מֵרַחֲמָנוּת שֶׁלֹּא בִּמְקוֹמָהּ...

בעסער אַן אַכזריות אויף איר פּלאַץ, איידער אַ רחמנות ניט אויף איר פּלאַץ...

444

טוֹבָה שִׂנְאָה גְּלוּיָה,
מֵאַהֲבָה כְּפוּיָה... [1]

בעסער אַן אָפענע שנאה, איידער אַ גע־צוווּנגענע אהבה...

445 ט ו ב י ם.

טוֹבִים מְהֻלָּלִים,
יְלָדֵי מְעֻלָּלִים.

גוט זיינען שבחים, געבווירענע פון מע־שים... (פון גוטע טאַטן).

446 ט פ ס.

אִם בְּאַחַת רַגְלוֹ בָּרֶפֶשׁ
מִתְכַּפֵּשׁ,
בַּשְּׁנִיָּה אֶל כּוֹכְבֵי מָרוֹם
לֹא יְטַפֵּס...

אויב מיט איין פוס שטעקט ער אין בלאָ־טע, זאָל ער מיט דער צווייטער צו די שטערן ניט קריכן...

---

1) כפי שגלוי וידוע לנו, שהנושא אשה מחמלה מגדיל אסונה...

מפי העם.

447 טהור.

טְהָר-לֵב, גַם נְקִי הַגֵו...

צו אַ ריין האַרץ אויך אַ ריין קערפּער...

448 טוב.

טוֹב עֲצוֹת יְעוֹצוֹת,
לְיָדַיִם חֲרוּצוֹת.

גוט זיינען עצות צו פליסיקע הענט.

449

טוֹב שֶׁבֶת בַּיַעַר,
מִשֶׁבֶת בָּעִיר בֵּין חַיְתוֹ יָעַר.

בעסער וווינען אין אַ וואַלד, איידער וווינען אין אַ שטאָט צווישן וואַלד-חיות.

450

טוֹב כְּאֵב שְׁנַיִם,
מִנִקְיוֹן שְׁנַיִם.

בעסער צאָן-ווייטיק איידער צאָן-נויטיק... (אין העבר. גילט דאָ דאָס שפּיל פון די אויסדרוקן «כאב שנים» (צאָן-ווייטיק) און «נקיון-שנים»—צאָן ריינקייט, וואָס באַטייט שטענדיק — ניט האָבן וואָס צו קייען...).

451 טובה.

כְּפִי גֹדֶל הַטוֹבָה,
לְרָעָה תוּשַׁב לְךָ תַחֲשׁוּבָה.

לויט דער גרויס פון דער טובה (וואָס דו טוסט צו אַ צווייטן) אַזאַ רעה זאָלסטו דערוואַרטן. (פון אים).

452 טובע.

הַטוֹבֵעַ בְּשִׁבֹּלֶת,
אוֹחֵז בְּרֹאשׁ שִׁבֹּלֶת... [1]

דער וואָס טרינקט זיך, כאַפּט זיך אָן אַ שטרוי.

---

1) «שבלת» ראשונה במובן «שטף מים», «שבלת» שניה —גבעול השבולת.

453

לַטּוֹבֵעַ הַקּוֹרֵא לְעֶזְרָה,
אַךְ לְמוֹתָר טַעֲמֵי-זִמְרָה. [1]

דער וואָס טרינקט זיך שרייט ניט על-פּי נאָטן...

454 טוֹעֵן.

מַה-לְּךָ, טוֹעֵן, כִּי תִּקְפּוֹצָה,
אִם הַדַּיָּן לֹא יַחְפֹּצָה... [2]

וואָס טויג דיר, טוען, (דער וואָס טענהט ביי בית-דין) דיין שפּרינגען, אויב דער דיין וויל ניט...

455 טָמַן.

טָמַן מַרְצֵעַ בְּשַׂקּוֹ —
לֹא יְשַׁקְּעוֹ...

אַן אָל אין אַ זאַק קען מען ניט פאַר-שטעקן.

456

טָמַן יָדוֹ בַּצַּלַּחַת,
גַּם אֶל פִּיהוּ — הַקַּדַּחַת...

ליגט די האַנט אין קעשענע פויל, וועט קדחת זיין אין מויל...

457 «טשולנט».

קִדֶּרֶת „טְשׁוֹלֶנְט" כַּבֵּנִי,
בְּרַם אֶל הַתַּנּוּר בַּל תִּתְּנֵנִי...

רוף מיר «טשאָלנט-טאָפּ», אָבער אין אויוון רוק מיר ניט...

1) ג. א. «לטובע וכו' אך למותר דקדוק ה«בנינים» ו«הגזרה»... (בנינים וגזרה בדקדוק). 2) מעין הגמרא «אין הטוען אחרי מעשה בי"ד ולא כלום».

ממדרש עם.

458 ט ב ע.

הַמִּקְרֶה וְהַקֶּבַע,
הֵם כַּצֶּבַע לַטֶּבַע,
וְאֵיךְ יִרְבֶּה הַצֶּבַע,
עַל אַחַת שֶׁבַע?... [1]

דאָס צופעליקע (צוגעקומענע, ניט נאַ-טירליכע) און דאָס שטענדיקע אין לעבן, זיינען ווי פאַרב אויף דער נאַטור, און דאָך איז די פאַרב (די צופעליקייטן) זיבן מאָל מערער פון דער נאַטור גופא... (ז' באַמערקונג).

459 ט ו ב.

„טוֹב שֵׁם", אֲשֶׁר מִבֶּטֶן אֵם,
עַד יוֹם הַמָּוֶת,
יְקָרָתוֹ נִצֶּבֶת... [2]

אַ גוטער נאָמען איז דער, וועלכער פון געבוירנטאָג אָן ביזן אָפּשטאַרבן בלייבט דער זעלביק גוטער.

460 ט ו ב ה.

טוֹבָה שִׂנְאָה מְגֻלָּה,
מֵאַהֲבָה—תַּחְבּוּלָה... [3]

בעסער אַן אָפּענע שנאה איידער אַן אהבה, וואָס דינט מערניט אַלס מיטל צו באַקו-מען עפּעס. (אַ מין «אהבה התלויה בדבר»).

461

„טוֹבָה חָכְמָה עִם נַחֲלָה",
אַךְ לֹא עִם מַכָּה נַחְלָה...

שלמה המלך האָט געזאָגט: „גוט איז חכמה צוזאַמען מיט נחלה" (אייגנטום), דאַרף מען עס פאַרשטיין: „אָבער ניט מיט קיין „מכה נחלה"... (אַ שפּיל פון ווערטער; „מכה נחלה" — אַ קרענק...).

---

1) הבדרשי. «העולם רבו בו יגונים, ומה שיהיה בו משׂשון הוא ריוח»... «ור"ל כל קיומנו עלי אדמות מרובה בו המקרה על הקבוע; הפגעים והמכאובים מרובים בו על המנוחה והשלום, הדיפריסיה מרובה וה«פרוספיריטי» היא רק הפסקה קטנה ושאיפת-רוח לרגע בין פורעניות לפורעניות... 2) לפי אחדים זוהי כונת הכתוב: טוב שם משמן טוב ויום המות» ר"ל, אימתי נחשב השם לטוב, אם הוא, השם הטוב, נתקיים בטהרו ולא נפגם עד יום מותו... «מיום הולדו», כלומר, השם הטוב הזה הרבה נעלה על השם שנקרא בו בשעה שנולד... 3) ר"ל, מאהבה זו התלויה בדבר, שכל עיקרה הוא רק תחבולה ואמצעי להשיג משהו מאת הנאהב...

טוֹבָה חָכְמָה בְּכִיס
מֵחָכְמָה בְּטְחוֹת,
לִכְסִיל תִּתֵּן כָּבוֹד
וּלְרַךְ-לֵב בְּטְחוֹת... [1]

בעסער אַ מאָל חכמה אין טאַש איידער חכמה אין די געהירן, — דעם נאַר גיט זי כבוד, און דעם שוועכלינג — זיכער-קייט... (דאָ איז אַ וואָרט-שפּיל פון „בטוחות“ וואָס אין העברעאישן איז עס טייטש „אין די נירן“ און אויך „זיכער-קייט“).

463

טוֹבָה חֻצְפָּה מְעַט לַחָכְמָה,
וְיוֹתֵר לְמִי שֶׁחֻצְפָּתוֹ רַבָּה,
וְאֵין זֵכֶר לַחָכְמָה...

צו חכמה שאַדט ניט אַ ביסעלע חוצפה; פיל בעסער איז אָבער דעם, וואָס פאַר-מאָגט אַ סך חוצפה און קיין חכמה גאָרניט...

464

ט ע ה.

יֵשׁ אוֹמֵר:
„חָכְמָה עִם נַחֲלָה רָאָה“ —
וְטָעָה
יוֹתֵר מֵאוֹמֵר „רָאָה אֶמֶשׁ
תַּחַת הַשֶּׁמֶשׁ“... [2]

ס׳ זאָגט אַ מאָל איינער, אַז ער האָט חכמה צוזאַמען מיט נחלה געזען, און מאַכט דערמיט אַ גרעסערן טעות פון יענעם וואָס זאָגט, אַז ער האָט נעכטן באַנאַכט די זון געזען... (ז. באַם.)

465

ט פּ ש א י.

אָמְרֵי אִינְשֵׁי: תְּלָתָא
טִפְשָׁאֵי:
הַבַּרְבּוּר, הַחַזָּן וְהַחֶלְמָאִי;
עַכְשָׁיו צֵא וַחֲשׁוֹב
טִפְּשׁוּתוֹ שֶׁלְּמִי
שֶׁהוּא בַּרְבּוּרוֹ שֶׁל הַחַזָּן
הַחֶלְמִי... [3]

מענטשן זאָגן: ס׳ זיינען דאָ דריי נאַ-ראָאים: אַ אינדיק, אַ חזן, און אַ כעלמער; היינט באַרעכן שוין, וואָס פאַר אַ נאַר איז דעם כעלמער חזנ׳ס אינדיק...

---

1) «בטחות» א׳-בקרב הכליות (והאות «ב» בתחילתה לא מן השורש) והשניה-בטחון. 2) פרודיה חריפה על הכתוב ב«קוהלת»: «טובה חכמה עם נחלה ויותר לרואי השמש»... «אמש» פרושו — אתמול בערב, שאז אין אור שמש.. 3) «חלם» שם עיר ידועה בפולין, ואנשיה נודעים ב«חכמתם» היתרה... בקרב העם מתהלכות «מעשיות אין-ספורות ע"א חכמתם זו...

466

אַרְבָּעָה טִפְּשָׂאִי:
„תְּעַקֵּר וּתְשַׁבֵּר וּתְמַגֵּר
וְתַכְנִיעַ":
„תְּעַקֵּר"—הַמְּבַקֵּר,
„תְּשַׁבֵּר"— הַמְּחַבֵּר,
„תְּמַגֵּר"—הַמְּאַגֵּר,
„וְתַכְנִיעַ"—הַמַּגִּיהַּ... [1]

פיר טפשים זיינען עס: „תעקר ותשבר ותמגר ותכניע" (אין „שמונה עשרה"): „תעקר" — דער מבקר (קריטיקער); „תשבר" — דער מחבר; „תמגר" — דער מאַגר (דער זאַמלער) און „תכניע" — דער בעל-מגיה... (דער קאָרעקטאָר... ז. באַמערק)

467 טרגדיה.

כַּמָּה גְּדוֹלָה הִיא
טְרַגֶדְיַת עַם יִשְׂרָאֵל,
וּמַה קָּטְנוּ לְעֻמָּתָהּ
בְּנֵי-יִשְׂרָאֵל?... [2]

ווי גרויס איז די אידישע טראַגעדיע, און ווי קליין זיינען לגבי איר די אידן!...

468 טרח.

טוֹרֵחַ אָדָם כָּל הַיָּמִים,
לְשֵׁם הַחַיִּים — לִצְבּוֹר
דָּמִים,
וַהֲרֵיהוּ טוֹרֵחַ טוֹרֵחַ,
עַד שֶׁשּׁוֹכֵחַ,
שֶׁבֵּינָתַיִם, כְּבָר הִגִּיעַ
זְמַן הַחַיִּים...

עס מאַטערט זיך אַ מענטש אַלע זיינע טעג, זאַמלען געלט פאַרן ל ע ב ן; ער מאַטערט זיך און מאַטערט זיך, ביז ער פאַרגעסט, אַז ס׳ איז שוין געקומען די צייט, וואָס מען דאַרף שוין נעמען ל ע ב ן...

1) כי אמנם כן, יש והיא טפשות שאין כמותה ההתעסקות בהדפסת ספרים ובהפצתם... «תעקר — המבקר, העוקר את הכל... וכ׳ ה׳... 2) זנגביל. ור"ל, כלום סבלותיהם של אנשים-תולעים — שמן טרגדיה?...

רְאָיָה לִתְחִיַּת הַמֵּתִים
מִנַּיִן? —
„טְשׁוּלֶנְט” שָׁמֵן בָּלַעְתָּ,
אַחֲרָיו מַיִם צוֹנְנִים גָּמַעְתָּ,
וְאָז מְעַט שֵׁנָה בַּצָּהֳרַיִם,
וַתָּקָם וַתָּשָׁב לְחַיִּים —
סִמָּן הוּא לַבְּרִיּוֹת,
שֶׁתְּחִיַּת הַמֵּתִים
עֲתִידָה לִהְיוֹת...

אַ באַווייז אויף תחית המתים: אַ שטיקל פעטן טשאָלנט אָפּגעגעסן, נאָכהער אַ גוטן קאַלטן טרונק פאַרזופּט, דאַן אַ דרעמל געכאַפּט, און אויפגעשטאַנען אַ לעבעדיקער — דאַרף מען שוין קיין בעסערן באַווייז ניט האָבן, אַז תחית המתים איז דאָ...

מפי חכמים.

יאוש.

470

כִּגְדֹל הַתִּקְוָה,
הַיֵּאוּשׁ בְּעִקְבָהּ.

ווי די האָפענוג, אַזאַ אַנטווישונג דערנאָך.

471

יֵאוּשׁ וְרוּחַ עֲכוּרָה,
אֵינָם נִקְנִים בִּגְבוּרָה... [1]

כדי צו ווערן אנטוישט און אָפּהענטיק, דאַרף מען קיין גיבור ניט זיין... (גבורה פאָדערט זיך כדי ניט צו פאַרלירן מוט...)

ידע.

472

הָאוֹמֵר: „אֵינִי יוֹדֵעַ",
כְּבָר מִקְצָת הוּא יוֹדֵעַ...

דער וואָס זאָגט: „איך ווייס ניט", דער ווייס שוין אַ ביסל... (ד. ה. ער ווייס, אַז ער ווייס ניט...).

473

הַלֵּב יוֹדֵעַ אִם לְתַקֵּן
אִם לְסַכֵּן... [2]

דאָס האַרץ ווייס, צי עס מיינט צו פאַר-ריכטן צו פאַרניכטן.

474

חֶסְרוֹנוֹת שְׁנַיִם
יָדַעְתָּ בָּאִישׁ,
וַתֹּאמַר: אֲדָעֵהוּ,
וְרוֹב מַעֲלוֹתָיו —
וַעֲדֶן לֹא תֵדָעֵהוּ.

אַז מען ווייס נאָר אַ פּאָר חסרונות פון אַ מענטשן, זאָגט מען, אַז מען קען אים שוין גוט, און אז מען ווייס אַ סך מעלות פון אים, זאָגט מען, אַז מען קען אים נאָך ווייניק...

יהודי.

475

יְהוּדִי טוֹב בְּבֵיתוֹ,
הוּא גַם אָדָם טוֹב
בְּצֵאתוֹ... [3]

אַ גוטער איד אין שטוב איז אויך אַ גוטער מענטש אויפן גאַס...

---

1) כי לגבורה צריך האדם, כדי לתפוס תמיד החדוה והאופטומיות שבחיים, והיאוש אינו זקוק לה... 2) בתלמוד יש: «הלב יודע אם לעקל (קורת בית הבד) אם לעקלקלות». 3) זהו נוסח חדש של ההלכה הידועה שנתחדשה בבית מדרשם של המשכילים במאה הי"ט, האומרת: «היה יהודי באהלך ואדם בצאתך». (יל"ג).

שְׁנֵי יְהוּדִים נוֹעֲדוּ,
לְאַרְבַּע דֵעוֹת נִפְרָדוּ... [1]

ווּ צוויי אידן, דאָרטן זיינען פיר מיי-נונגען...

477 יום.

הִנְחִיל לוֹ הֶעָשִׁיר
יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ נָעִים,
וְלֹא הִשְׁאִיר מֶנּוּ רֶגַע
לַחֲלַכָּאִים...

דער גביר נעמט-צו דעם גאַנצן ליבן טאָג פאַר זיך, און פאַר דעם אָרימאַן לאָזט ער אַפילו איין רגע ניט איבער...

478 יחוס.

שַׁלַּח יִחוּסְךָ עַל פְּנֵי שׁוּקֵי קִרְיָה,
וּרְאֵה מַה-יָּקֶן לְבִרְיָה...

שיק ארויס דיין יחוס אויפן מאַרק, און זע וואָס ער וועט דיר פון דאָרטן צום עסן איינקויפן...

479 יכלת.

לֹא הַיְכֹלֶת מַכְרִיעָה,
אֶלָּא הָעֲשִׂיָּה... [2]

ניט דאָס קענען איז מכריע (וועגט איבער), נאָר דאָס טאָן...

480

יֵשׁ וְהַיְכֹלֶת הִיא
לַעֲקוֹב עָקוֹב,
יֵשׁ וְהַיְכֹלֶת הִיא
אֶת הָאֱמֶת נָקוֹב... [3]

אַ מאָל ליגט די גאַנצע יכולת אין קע-נען אָפנאַרן, אַ מאָל ליגט די גאַצע יכולת אין קענען דעם אמת זאָגן...

1) ההלצה היהודית אומרת: יהודי אחד — סוחר בבגדים; שני יהודים — פלוג; שלשה יהודים — שבע מפלגות... 2) כי לא זהו גנב מי שיכול לגנוב, אלא הגונב, לא זהו למדן מי שיש לו היכולת ללמוד אלא הלומד וכו׳. 3) כלומר יש וכל הקושי הוא בזה כיצד לרמות, ויש וכל הקושי הוא, להפך, ביכולת להגיד את האמת לאמתה...

481   י ל ד.

הַיֶּלֶד עָרְשׁוֹ מִמִּדָּתוֹ תִּגְדַּל,
וּמְלֹא הָאָרֶץ
צַר לַהֲכִילוֹ כְּשֶׁיִּגְדָּל...

פאַרן קינד איז זיין וויגעלע צו גרויס. וואַקסט ער אויס, איז אים די גאַנצע וועלט ענג...

482   י ל ד ו ת.

יְלָדִים בְּיַלְדוּת לֹא חוֹנָנוּ,
בְּלִי שָׁנִים יִזְקָנוּ...

קינדער אָן קינדהייט, ווערן אַלט אָן יאָרן..

483   י ע ר ו ת.

אִם יְעָרוֹת אֵשׁ יְאֻכָּלוּ,
אַל תֵּבְךְּ לְצִיצִים
יִתְמוֹלָלוּ... [1]

ווען גאַנצע וועלדער ווערן דורכן פייער פאַרברענט, דאַן וויין ניט אויף די בלי־מעלעך וואָס קומען אום...

484   י פ י ט ר.

יְפִּטֵר זָעַמְתָּ,
שְׁמַע-מִנָּה אָשָׁמְתָּ...

יופּיטער בינסט בייז, אַ סימן אַז דו ביסט שולדיק...

485   יצא ידי חובה.

לָצֵאת יְדֵי חוֹבַת הַכֹּל רָצָה,
אַף יְדֵי חוֹבַת אֶחָד
לֹא יָצָא...

וויל מען יוצא זיין קעגן אַלעמען, וועט מען קעגן איינעם אויך ניט יוצא זיין...

486   י צ ר.

יִצְרוֹ לְמַלֵּא
גַּם כֶּלֶב יֵדָעֵהוּ,
וְהָאָדָם — לִכְבּוֹשׁ
יִצְרֵהוּ...

נאָכגעבן דעם יצר-הרע דאָס קאָן אַפילו אַ הונט. דער מענטש אָבער דאַרף קאָ־נען איינהאַלטן זיין יצר-הרע...

---

1) מעין «אם בארזים נפלה השלהבת מה יעשו אזובי קיר»...

487 — י ק ר.

יָקָר בִּמְחִירוֹ הוּא הַיֹּשֶׁר, —
מִן הַדִּין שֶׁיִּקְנוּהוּ רַק בַּעֲלֵי-עֹשֶׁר...

דער פרייז פון יושר איז אַ גאַנץ טייערער, פאַסט זיך טאַקע, אַז גבירים זאָלן אים איינהאַנדלען...

488 — י ר א ה.

אֵין הַיִּרְאָה נִקַּחַת בַּחֲכִירָה...

אויף יראת-שמים איז קיין מאָנאָפּאָל ניטאָ...

489

אֵין יִרְאָה מֵאַהֲבָה,
אֵין אַהֲבָה מִיִּרְאָה.

ניטאָ קיין יראה אויס אהבה, ניטאָ קיין אהבה אויס יראה...

490

יִרְאַת-שָׁמַיִם,
מְחַיֶּבֶת כִּפְלַיִם... [1]

יראת-שמים צאָלט דאָפּלט... (דער ירא-שמים האָט אַ סך מער התחייבותן איידער אַ איד וואָס איז פטור פון אַלץ...)

491 — י ר א ת.

אִם יָרֵאתָ שֶׁלֹּא תִּתְחָרֵט אַחֲרֵי-כֵן,
הַקְדֵּם „לָאו" לְ„הֵן"...

האָסטו מורא, דו זאָלסט דערנאָך ניט דאַרפן חרטה האָבן, טאָ זאָג פריער „ניט" און נאָכהער „יע"...

492 — י ש ן.

אִם כֹּחַ לֹא עָצַרְתָּ
לְמַלֵּט הַיָּשָׁן,
גַּם שְׁאִיפָתְךָ לְחָדָשׁ
כְּהִנָּדֵף עָשָׁן...

אויב האָסט קיין כח ניט איינצוהאַלטן דאָס אַלטע, איז אויך דיין שטרעבן צום נייעם אַ רויך ווערט...

---

1) לְמשל, הבאים לְבתי כנסיות נתבעים וחוזרים ונתבעים הרבה יותר מאלה הפוטרים את עצמם מן הדין, במה שאומרים שאינם מכירים בזה...

493

יָשָׁן שֶׁכְּבָר נִשְׁכַּח זִכְרוֹ —
רָחוֹק מִפְּנִינִים מִכְרוֹ... [1]

דאָס אַלטע וואָס איז שוין לאַנג פאַרגעסן (אַלטע אַנטיקן), איז אַ סך ווערטפולער פון גוטע פערל.

494 — י ש ר.

כָּל אֶחָד אֶת הַיָּשָׁר
עַל נֵס מֵרִים,
וּבִלְבַד שֶׁיֵּעָשֶׂה עַל־יְדֵי
אֲחֵרִים...

יעדער שטעלט דעם יושר גאַנץ הויך— בתנאי אָבער, ער זאַל דורך אַנדערע אויסגעפירט ווערן...

495 — י ת ר.

יָתֵר מֵרֵעֵהוּ —
יִתְרוֹנוֹ עָלָיו יְשִׁיתֵנוּ,
וְלֹא שִׁפְלוּת רֵעֵהוּ מִמֶּנוּ...

גרעסער פון זיין חבר — מאַכט דעם מענטשן זיין פ אָ ר צ ו ג (זיין אַבסאָליו־טע מעלה) איבער אים, אָבער ניט דאָס וואָס זיין חבר איז נידעריקער פון אים...

496 — י ת ר.

אַל תִּמְתַּק יֶתֶר מִדַּי
לְבַל יִבְלָעוּךָ,
אַל תֵּמַר יֶתֶר מִדַּי
לְבַל יְקִיאוּךָ...

זיי ניט צו פיל זיס, מען זאָל דיר ניט איינשלינגען, זיי ניט צו פיל ביטער, מען זאָל דיר ניט אויסשפייען...

497 — י ת ר ו ן.

אַל תִּקְרָא יִתְרוֹן,
לַאֲשֶׁר הֶעְדְּרוֹ חֶסְרוֹן...

רוף ניט אַ זאַך—„מותרות“ (לוקסוס), ווען, אַז אויב די זאַך איז ניטאָ—פעלט זי...

---

1) כי תשוקה נצחית טבועה בלבו של אדם לחקרי קדמוניות ועתיקות, לחטט ולנקר בתלי הזמנים והתקופות שחלפו, לחשוף ולדלות מהם רמז, זכר קל למאורע וכו׳.

מִפִּי הָעָם.

498 יְדִיד.

הַיְדִיד בְּפִיד, שְׁמוֹ יְדִיד...

אַ פריינד אין אַן עת צרה הייסט פּריינד.

499 יְדִידוּת.

בְּיְחִידוּת–יְדִידוּת... [1]

אַליין—איז די נשמה ריין... («ביי זיך, בין איך אַ איך»...)

500 יָדַיִם.

רַבּוֹת הַיָּדַיִם,
מְשַׁבְּרוֹת חוֹמוֹתָיִם.

אַ סך הענט, צעברעכן ווענט.

501 יָדַע.

אַל תֹּאמַר
בְּמַה שֶׁלֹּא תֵדַע אֵדַע,
לְבַל תֵּחָשֵׁד בְּמַה
שֶׁתֵּדַע... [2]

זאָג ניט אויף דאָס וואָס דו ווייסט ניט: «איך ווייס», כּדי מען זאָל דיר ניט חושד זיין אין דאָס וואָס דו ווייסט.

502 יְדִיעָה.

מִיַּד הַסֵּפֶר הַיְדִיעָה
נִתָּנָה,
מִפִּי הַחַיִּים–הַהֲבָנָה... [3]

פון בוך לערנען מיר זיך וויסן, פון לעבן — פאַרשטיין.

503 יְהוּדִי.

פְּנֵי יְהוּדִי לְלֹא-זָקָן תֶּהְדָּר,
מִזָּקָן וִיהוּדִי נֶעְדָּר...

בעסער אַ איד אָן אַ באָרד, איידער אַ באָרד אָן אַ איד.

504 יִחוּס.

הַיִּחוּס–בִּשְׂדֵה קְבָרוֹת,
בַּבַּיִת פְּנִימָה–צָרוֹת...

יחוס—אויפן בית-הקברות, אין שטוב—צרות.

---

1) ב«מבחר הפנינים» נאמר: «האוהב הנאמן המתנדב בממונו בעת צורך, בנפשו בעת צרתך». 2) נ. א. «ביחידות — אין ידידות... 2) מעין «למד לשונך לומר איני יודע, שמא תתבדה ותאחז». 3) ובקורן נאמר: «תקופה תקופה וספרה».

505 יחפות.

הֶחָכָם יִמְצָא תָמִיד עֵצָה:
יֶחְסַר מַגָּפַיִם הַהֵלֶךְ,
בְּרַגְלָיו יְחֵפוֹת אָז יֵלֵךְ.

אַ חכם געפינט תּמיד אַן עצה: האָט ער קיין שטיוול ניט, גייט ער דאַן באָרוועס.

506 יין.

יֵינוֹ לְשׁוֹתֵהוּ,
וְלֶחָכָם פּוֹתֵהוּ..[1]

יעדן טרינקער—זיין וויין, יעדן חכם — זיין נאַר...

507 יעוד.

כָּל הַמְיֻעָד לְךָ מִן הַשָּׁמַיִם,
יְבוֹאֲךָ עִם מִלִּין שְׁתַּיִם... [2]

וועט קומען דער באַשערטער, וועט עס ווערן אין צוויי ווערטער.

508

מִמָּרוֹם יֻעַד לִהְיוֹת,
לֹא יְעַכְּבוּ עַל יָדוֹ הַבְּרִיוֹת..

איז עס פון גאָט באַשערט, איז עס פון לייטן ניט פארווערט.

509 יצא.

יָצָא הַדָּבָר
לֹא כְנַפְשְׁךָ רוֹצָה,
יֵשׁ לִרְצוֹת כְּפִי שֶׁיּוֹצָא.. [3]

באַקומט זיך ניט ווי דו ווילסט, דאַן ווי ל ווי ס׳ באַקומט זיך.

510 ירח.

יָקָר הוֹלֵךְ הַיָּרֵחַ,
וְאֶל מוּלוֹ כֶּלֶב נוֹבֵחַ... [4]

אַ הונט בילט אויף אַנטקעגן דער לבנה.

---

1) במסכתא סוטה מ: «קמי דשתי חמרא — חמרא, קמי רפוקא (גנן) — גריוא דיבלי». (סאה ירקות). 2) בתלמוד: «אי חזאי לך לא אזל מינך». 3) צורה כזו «שיוצא» ב«צ» קמוצה, נמצאת ב«קוהלת». 4) נ. א. «לא יאסף נגה הירח, בשביל שכלב שוטה עליו נובח»...

511 י ש ר א ל.

מַה שֶׁיִּקְרֶה אֶת כָּל יִשְׂרָאֵל,
יִקְרֶה אֶת רַבִּי יִשְׂרָאֵל... [1]

דאָס וואָס ס' וועט זיין מיט כ ל ישראל, וועט זיין מיט ר ב ישראל.

512 י ת ד.

יָתֵד נִתְקָעָה,
בְּיָתֵד מוּצָאָה... [2]

אַ קלין — מיט אַ קלין שלאָגט מען אַרויס.

513 י ת ו ם.

הַרְבֵּה אִמָּהוֹת,
לַיָּתוֹם נִמְצָאוֹת... [3]

דער יתום האָט אַ סך מאַמעס... (יעדע איינע האַלט זיך באַרעכטיקט צו לער-נען אים דרך-ארץ...).

514 י ת ר ו ן.

יִתְרוֹן לֶעָנִי,
שֶׁלֹּא יְפַחֵד פֶּן יֵעָנִי...

גוט איז דעם אָרימאַן — ער האָט קיין מורא ניט, טאָמער וועט ער אָרים ווערן.

1) ומשיחת חולין של נ. סוקולוב ז"ל: «ארץ י ש ר א ל (כלומר, היא שייכת לעם ישראל כולו) ולא ארץ של ר ב י ישראל»... (כלומר, של יחיד...). 2) במדרש תדא"ר כ"ט. «אין האילן נעקר אלא בבן מינו»... 3) והרבוי, כידוע, הוא תמיד פחות ממעוטו. למשל, שני אלים הם פחות מאל אחד, שתי נשים הן פחות מאשה אחת וכו' וכו'.

ממדרש עם.

515 **י ג ע.**

יֵש יָגֵעַ בַּתּוֹרָה
בְּאֶצְבַּע קְטַנָּה,
וּבְעֶשֶׂר אֶצְבָּעוֹת
מֶנָּה נֶהֱנָה... [1]

ס׳טרעפט, איינער האָט געהאָרעוועט אין דער תורה מיט איין קלײנעם פינגערל, און הנאה האָט ער פון איר מיט אַלע צען פינגער.

516 **י ג י ע - כ פ י ם.**

חֲזָקָה, שֶׁמִּיגִיעַ-כַּפַּיִם,
אֵין אֶלָּא מַיִם,
לִנְטִילַת יָדַיִם.

דאָס איז שוין אַ חזקה, אַז פון יגיע-כפים איז מער ניט ווי וואַסער אויף נטילת ידים... (פרגל. «יגיע-חאפע און ניט יגיע-כפו»...)

517 **י ד ע.**

אַרְבַּע מִדּוֹת בְּיוֹדְעִים:
יוֹדֵעַ וְיוֹדֵעַ שֶׁיּוֹדֵעַ,
חָכָם, — שְׁאָלֵהוּ,
יוֹדֵעַ וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ שֶׁיּוֹדֵעַ,
— הַזְכִּירֵהוּ,
אֵינוֹ יוֹדֵעַ וְיוֹדֵעַ
שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ, — לַמְּדֵהוּ,
אֵינוֹ יוֹדֵעַ וּמַרְאֶה בְּעַצְמוֹ
שֶׁיּוֹדֵעַ, סָכָל, — הַרְחִיקֵהוּ...

פיר מדרגות וויסנדע: איינער וואָס ווייס באמת, און ער ווייס אַז ער ווייס, איז אַ קלוגער — פרעג ביי אים אַן עצה; איינער וואָס ווייס און ווייס אָבער ניט אַז ער ווייס — דערמאָן עס אים; איינער וואָס ווייסט ניט און ווייס אז ער ווייס ניט — לערן אים; איינער וואָס ווייס ניט און האַלט זיך אָבער אַז ער ווייס, איז אַ שוטה — טרייב אים אוועק פון זיך...

518 **י ה ד ו ת.**

עִם הַיַּהֲדוּת יָרְדוּ צְמוּדִים,
אוֹר לַגּוֹיִים וְשִׂנְאָה
לַיְּהוּדִים... [2]

צוזאַמען מיט דער יהדות (יודאַאיזם) איז אַראָפּ אויף דער וועלט — ליכטיקייט פאַר די גויים און האַס צו די אידן...

---

1) ויש אומר גם להפך: «יגעתי בעשר אצבעותי בתורה, ולא נהניתי ממנה אף באצבע קטנה». 2) היינע אמר, פעם, על ישראל: «לא עדה, לא אומה ולשון, אלא סתם אסון»...

519

כָּל הַמְבַטֵּל אֶת יַהֲדוּתוֹ מֵעֹשֶׁר,
סוֹפוֹ לְקַיְּמָהּ מֵעֹנִי וּמֵחוֹסֶר.

ווער ס'איז מבטל זיין אידישקייט צוליב רייכקייט, וועט ער איר אַ מאָל מקיים זיין (אויפהאַלטן) צוליב אָרימקייט...

520

י ה ו ד י.

בְּהַאי עָלְמָא:
כָּל הַיּוֹם אֲנִי מֻכֶּה
בְּאַרְצוֹת נוּדִי,
מִפְּנֵי שֶׁאֲנִי יְהוּדִי;
בְּעָלְמָא דְאָתֵי:
נָכוֹנוּ לִי יְמֵי עָנְיִי
וּמְרוּדִי,
מִפְּנֵי שֶׁ„לֹא הָיִיתִי"
יְהוּדִי...

אויף ד ע ר וועלט, שלאָגט מען מיר כסדר, ווייל איך בין א י ד; אויף י ע נ ע ר וועלט, וועט מען מיך שלאָגן, ווייל איך בין נ י ט געווען איד. (ד. ה. זיך ניט געפירט מעשה איד...).

521

אַשְׁרֵי הַיְּהוּדִי אֲשֶׁר
לֹא הָלַךְ, לֹא עָמַד וְלֹא יָשַׁב,
וּבֵין הַגּוֹיִים כִּי הוּדִי
לֹא יִתְחַשָּׁב...

ווויל איז דעם יענעם אידן, וועלכער איז ניט געגאַנגען, ניט געשטאַנען און ניט געזעסן, און צווישן די גויים רעכנט ער זיך ניט ווי אַ איד... (אין לעבן, כידוע, איז פאַרקערט: אַ איד וועט קיין זאַך ניט טאָן, און דאָך וועט מען אים באַשולדיקן אין אַלץ אַלס איד.)

522

י ה.

אִישׁ וְאִשָּׁה —
שֵׁם „יָהּ" עָלֵימוֹ,
וְסָר מֵעֲלֵיהֶם —
אֵשׁ יֹאכְלֵמוֹ...

«איש» און «אשה» (מאַן און פרוי)—איז גאָטס נאָמען צווישן זיי (דער חילוק צווישן «איש» און אשה» איז אין די אותיות „יה"-גאָט); טוט זיך אָבער אָפּ אָט דער נאָמען פון זיי — פאַרברענט זיי אַ פייער (ס'ווערט פון זייביידן «אש»-פייער...).

523 — י ו ד י ן.

שְׁנֵי „יוּדִין" (יְהוּדִים)
שׁוֹתִים „לְחַיֵּיהֶם",
שֵׁם „הַשֵּׁם" נִקְרָא
עֲלֵיהֶם... [1]

צוויי «יודן» (אידן) טרינקען «לחיים», איז גאָטס נאָמען אויף זיי... (אַ שפּיל פון וואָרט «יודן»; דער אות «י» אינצווייען מאַכט גאָטס נאָמען...).

524 — י ו ם.

יוֹם אֶתְמוֹל כִּי עָבַר —
יִזָּכֵר,
וּבְיוֹם הוֶֹה קַוֵּה
לְיוֹם מָחָר —
חֶבֶל כֶּסֶף הוּא לֹא יֵרָתֵק,
חוּט מְשֻׁלָּשׁ הוּא
לֹא יִנָּתֵק...

דעם נעכטיקן טאָג וואָס איז אַוועק — געדענקען; אין דעם היינט — האָפן אויף מאָרגן, — דאָס איז אַ זילבערן שטריקעלע וואָס נעמט זיך ניט פונאַנדער, אַ אינדרייען צונויפגעפלאָכטן פאָדים, וואָס רייסט זיך ניט פונאַנדער.

525 — י ו נ ה.

אַרְבַּע שְׁאֵלוֹת
נִשְׁאַל יוֹנָה אֲזַי,
וְאַחַת עָנָה:
„עִבְרִי אָנֹכִי" — וְדַי... [2]

מען האָט אַמאָל יונה הנביא'ן פיר פראַגעס געשטעלט, און געענטפערט האָט ער נאָר איין ענטפער «אַ איד בין איך»... — און דאָס איז שוין גענוג געווען... (ז' באַמערקונג)

526 — י ו נ י ם.

הָרוֹאֶה אַוָּז בְּיוֹמוֹ,
יְצַפֶּה לְיוֹנִים צְלוּיוֹת
בַּחֲלוֹמוֹ... [3]

דער וואָס האָט אַ גענדזל בייטאָג געהאַט, קען האָפן אויף געבראָטענע טויבן אין חלום... (ז' באַמערקונג)

---

1) שתי אותיות «י» בצרופן — שם הויה. 2) את יונה הנביא שאלו: 1) מה מלאכתך, 2) מאין תבוא, 3) מה ארצך, 4) ואי־מזה עם אתה. והתשובה «עברי אנכי» היא תשובה על הכל 3) כי החלום בא ברוב ענין ומראה את המשובח ביותר... ובגמרא איתא: «הרואה אוז בחלומו יצפה לחכמה»...

שָׁנִינוּ: לְפִיכָךְ נִבְרָא
הָאָדָם יְחִידִי,
לְלַמֶּדְךָ, רֵעִי וִידִידִי:
„אָדָם" הָיָה בְּעוֹדֶנּוּ
יְחִידִי...
וּמֵאַחַר שֶׁנִּתְרַבּוּ אֲנָשִׁים
בַּחַיִּין,
„אָדָם" בָּאָרֶץ עוֹד אָיִן...

דעריבער איז באַשאַפן געוואָרן אַ מענטש אין איין צאָל, (ניט, למשל, ווי בוימער גראָז א. א. וו.), כּדי דו זאָלסט דערפון אַרויסלערנען: אַ «מענטש» איז געווען, ווען ער איז נאָך געווען איינער אַליין, און ווי באַלד נאָר די וועלט איז פול מענטשן געוואָרן, איז שוין קיין מענטש ניטאָ...

528 י מ י ם.

„אוֹהֵב יָמִים לִרְאוֹת טוֹב",
נְצוֹר גַּם לֵילוֹתֶיךָ
מִנֶּטֶל חוֹב... [1]

פאַרלאַנגסטו דיינע «טעג» אין גוטעס צו זען, דאַן מאַך ניט קיין צופיל חובות אין דיינע נעכט...

529

„כָּל יְמֵי עָנִי רָעִים",
וְעָשִׁיר זֶה אַף לֵילוֹתָיו
נִכְאִים...

דעם אָרימאַנס אַלע «טעג» זיינען שלעכטע, און דער גביר — אויך זיינע נעכט זיינען אויף צרות...

530 י צ ר י ם.

„שְׁנֵי יְצָרִים נָתַתָּ בָּנוּ",
וּלְכָל אֶחָד מֵהֶם אַרְבַּע
דֵּעוֹת נִתְּנוּ... [2]

דו האָסט אונז, גאָט, געגעבן צוויי יצרים, אַ יצר טוב און אַ יצר רע, און יעדן איינעם — פיר מיינונגען...

1) בתלמוד, פסחים קי"ד: «דאכל אליתא טשי בעליתא, דאכל קקולי אַקיקלא דמתאַ שכב»... 2) תחילת הפסוק «בתפלה זכה».

531   י ק ר.

אִתְּמַר:
מִדֵּי בֹּקֶר, יֹאמַר הַיּוֹקֶר,
וְהַתַּרְנְגֹלֶת זָדָה,
מִמַּלֵּט בֵּיצִים עָמְדָה...

ס'שטייגט דער יקרות פון טאָג, און די הון האָט זיך נאָך פאַרעקש'נט און לייגט קיין אייער אויך ניט...

532   י ר א ה.

אָמַר מַר,
יִרְאָה רַגְזָנִית וְהַשְׂכָּלָה
קַפְּדָנִית —
בָּנוֹת לְגַאֲוָה רַעַבְתָּנִית...

בייזע יראת-שמים און קאַפּריזע השכלה —ביידע זיינען טעכטער פון ליידנ-שאַפּטליכער גאוה...

533

„אוֹצָר נֶחְמָד יִרְאַת יָהּ" —
אִם לֹא יִסְחֲרוּ בָּהּ...

«אַ זעלטענער שאַץ איז יראת-שמים» — אויב נאָר מען האַנדעלט דערמיט ניט...

534   י ר ו ש ל י ם.

לֹא חָרְבָה יְרוּשָׁלַיִם אֶלָּא
בִּשְׁבִיל שִׂנְאַת חִנָּם,
עֲתִידָה לְהִבָּנוֹת אֶלָּא
בִּשְׁבִיל אַהֲבַת חִנָּם... (1

ירושלים איז אַ מאָל חרוב געוואָרן צוליב שנאת-חנם. אויפגעבויט וועט זי ווערן צוליב אהבת חנם... (ז' באַמערקונג)

535   י ש.

נְאֻם ה': „יֵשׁ מֵאַיִן אֶבְרָא",
וַתַּהַפְכֵהוּ
אַיִן מִיֵּשׁ—הַחֶבְרָה...

ס'האָט גאָט געזאָגט: «איך שאַף אַ וועלט פון גאָרניט», האָבן אָבער די מענטשן פאַרוואַנדלט די וועלט אין גאָר-ניט...

---

1) ר"ל, עתידה א"י להבנות אלא בשביל אותה האהבה הבלתי תלויה בדבר והאהבה הכבירה שתתקוף את כל חלקי עם ישראל לנפוצותיהם, וכלם ישתתפו בבנינה.

536 «י״ש».

„יֵ״שׁ קוֹנֶה עוֹלָמוֹ בְּשָׁעָה אַחַת״...
אַשְׁרֵי מִי שֶׁטָּעַם אַחַת, וְגַם שְׁנִיָּה יֹאבֶה קַחַת.... [1]

«יי״ש (אַ שנאַפּס) קויפט איין זיין וועלט אין איין שעה». — ווייל דעם וואָס האָט שוין איינס גענומען און וויל נאָך אַ מאָל... (ז׳ באַמערקונג).

537 ישר.

„דֶּרֶךְ אֱוִיל יָשָׁר בְּעֵינָיו, וְאִם יַצְלִיחַ יְיַשֵּׁר גַּם לִשְׁכֵנָיו...

אַ פּסוק זאָגט: «דער וועג פון נאר גע-פעלט אים» (ד. ה. דעם נאַר אַליין) און אויב דער וועג גליקט אים אָפּ, וועט ער געפעלן אויך אַלע אַנדערע...

538 ישר.

בְּרִית כְּרוּתָה לַאֲשֶׁר לְ״יוֹשֶׁר״ פּוֹנִים, שֶׁלֹּא יִכָּרֵת שְׁמוֹ וְזִכְרוֹ בִּמְלוֹנִים וְלֶקְסִיקוֹנִים... [2]

ס׳איז אַן אָפּמאַך געשלאָסן געוואָרן מיט די וואָס זוכן יושר, אז זיין נאָמען (דעם יושרס) זאָל נאָר דערמאָנט ווערן אין פאַרשיידענע ווערטער - ביכער... (אָבער אין לעבן זעט מען אים ניט...)׳

539

פֵּרוּשׁוֹ שֶׁל „י̊וֹ̊שֶׁ̊ר̊״, רִ׳ שְׁמוּאֵל אַבָּא! — יִתְגַּדַּל וְיִתְקַדַּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּא... [3]

ווייסט איר, וואָס «יושר» מאַכט, ר׳ שמואל אבא? — «יתגדל ויתקדש שמיה רבא»... (ד. ה. יושר איז שוין לאַנג געשטאָרבן...).

1) מאמרות חסידים. פרודיה על המאמר התלמודי הידוע «יש קונה עולמו בשעה אחת». מפי חסידים שמעתי ג״כ כזו: מהו אזיל סומקא ואתי חיורא? והתשובה היא: «אודם לחיי הרבי גבר, סימן שהבקבוק חור»... 2) צפה הקב״ה שעתיד יושר להבטל מן העולם, עמד וצררו וחתמו למשמרת במלונים ובלקסיקונים. 3) כלומר, היושר מת...

540 ישראל.

יִשְׂרָאֵל מְטִיל עֶשֶׂת
לֹא-רְקַע הִנֵּהוּ,
אוֹיְבָיו — כְּבָר הַרְבֵּה
כַּשִּׁיל וְכֵילַפּוֹת נִפְּצוּ
אֱלֵיהוּ... [1]

דאָס אידיש פאָלק איז אַ שטיק ניט-אויסגעשמיטער שטאָל. די שונאים זיינע האָבן שוין אָן אַ שיעור האַמערס צעבראָכן אויף אים...

541 יתום.

יֵשׁ הוֹרֵג אָב וּמְבַקֵּשׁ
חֲנִינָה,
עַל כִּי לְ״יָתוֹם״
אֶת שְׁמוֹ שִׁנָּה...

ס׳הרגעט אַמאָל אַוועק אַ קינד דעם פאָטער, און בעט באַגנעדיקונג, ווייל ער איז דאָך איצטער אַ יתום געוואָרן...

542 יתר.

״כָּל יֶתֶר כְּבָטוּל דָּמֵי״ — [2]
כָּל יָמַי עַל כְּלָל זֶה
חָזַרְתִּי,
וְאפעפ״כ מִכֵּיוָן שֶׁבָּטַל
יֶתֶר זֶה,
צָוַחְתָּ: אַךְ חָסַרְתִּי
חָסַרְתִּי...

מיר האָבן געלערנט: «וואָס «צו» איז איבעריק», (ווי אַראָפּגענומען), — דוכט זיך, אַ גאַנץ ריכטיקער כלל, און פונדעסטוועגן, ווערט נאָר דער דאָזיקער «צו» אַ מאָל אַראָפּגענומען, שרייסטו גלייך געוואַלד: ס׳ פעלט מיר, ס׳פעלט מיר...

1) העו״ד גרוזנברג, בפרוצס הידוע של ביילים... 2) אידיש: «וואָס «צו» איז אומגעזונט»).

543 — י ת ר ו.

אַל יִתְהַלֵּל יִתְרוֹ
בִּשְׁמוֹתָיו שִׁבְעָה,
שְׁמוֹנָה הֵם לֶעָנִי
וְנַפְשׁוֹ בָּהֶם לֹא יָשְׁבָה.. [1]

זאָל זיך יתרו ניט איבערנעמען מיט זיי־נע זיבן נעמען; דער אָרימאַן האָט זיי אַ כ ט, און זאַט דערפון ווערט ער אויך ניט... (ז. באַמערקונג).

1) שמונה שמות העני: עני, אביון, דל, רש, מסכן, חלך, מך, דך. מדרש רבה בהר.

מפי חכמים
כ

כ ב ו ד.

544
גַּם כָּבוֹד שֶׁנִּשּׁוֹם בְּדָמִים—
תְּנוּהוּ לַחֲכָמִים... [1]

אויך אַ באַצאָלטן כבוד (אַ כבוד פאַר וועלכן מען פאָדערט געצאָלט...) גיב אים אָפּ צו אַ קלוגן... (ז׳ באַמערקונג).

545
יְכַבֶּדְךָ מַה שֶּׁבָּךְ, וְלֹא מַה
שֶּׁאֶצְלָךְ...

זאָל דיר כבוד אָפּגעבן דאָס וואָס אין דיר (חכמה, ערלעכקייט א. א. וו.) און ניט וואָס איז נעבן דיר... (געלט א.א.)

546
הַכָּבוֹד לִבְנֵי אִישׁ –
יֵין מִשְׁתֵּהֶם,
יִשְׁתּוּ גַּם יִשְׁכָּרוּ, יָבוּזוּ
מְכַבְּדֵיהֶם...

כבוד פאַר מענטשן — איז ווי דער וויין וואָס זיי טרינקען; זיי טרינקען זיך אָן, פאַרשכורן זיך, און פאַראַכטן זייערע אייגענע פאַרערער...

547
שִׁכּוֹרֵי הַכָּבוֹד יִתְהוֹלָלוּ,
עַד כִּי יְקִיאוּהוּ וְיִחָלָּלוּ... [2]

די פאַרשכורטע פון כבוד צעהוליען זיך ביז זיי מייקענען אים אויס (דעם כבוד) און ווערן נאָך שמוציקער פון שמוציקע...

כ ב ד.

548
תִּכְבַּד יוֹתֵר עֲטֶרֶת זָהָב
עַל הָרֹאשׁ,
מֵאֲשֶׁר כּוֹבַע דַּל
עָלָיו לַחֲבוֹשׁ...

ס'איז ניט דער ערך שווערער אַ גאָלדן קרוין צו טראָגן אַפן קאָפּ, איידער אַן אָרים היטעלע...

549
יֵשׁ וְלָאִשָּׁה
הַרְבֵּה יֶתֶר יִכְבַּד הַשֶּׁבֶר,
אִם אֵין קִנְאָה חֲמַת גָּבֶר...

אַ מאָל איז אַ סך שווערער פאַר אַ פרוי ווען זי זעט פון מאַן קיין אייפערזוכט ניט אַרויס... (דאַן איז עס אַ סימן, אַז ער איז גאָרניט פאַראינטערעסירט אין איר...)

---

1) כי לא נאוה לכסיל הכבוד, אפעפ"י שהוא משלם בעדו במיטב כספו. וכבר אמר החכם מכל אדם: «כצרור אבן במרגמה כן נותן לכסיל כבוד»... 2) וכבר אמרו חכמים: «להשיג כבוד כבד, ונקל לאבד».

550 כ ד.

נִצְטָרֵךְ הֶעָשִׁיר אַךְ לְחֶרֶס בִּלְבַד,
נָטַל וְשָׁבַר הַכַּד...

ס'נויטיקט זיך דער רייכער אין אַ שער-בל, נעמט ער און צעברעכט אַ קריגל...

551 כ ז ב.

אוֹי קוֹרֵא לַאֲהוּבָתוֹ
"שִׁירַת לְבָבוֹ",
וַיִּשְׁכַּח שָׁכוֹחַ כִּי "מֵיטַב
הַשִּׁיר כְּזָבוֹ"...

ס'רופט אָן אַ מאָל איינער זיין געליבטע — «דאָס ליד פון זיין האַרצן», און פאַרגעסט זיך דערביי, אַז «דאָס בעסטע פון ליד איז זיין ליגן»... (הייסט עס אַלזאָ, איז דאָס גופא אויך אַ ליגן...)

552

"מֵיטַב הַשִּׁיר כְּזָבוֹ",
וְאֵין מֵיטַב הַכָּזָב
שִׁיר לָבוֹא... [1]

«דאָס בעסטע פון אַ ליד איז זיין ליגן», אָבער פון דאָס בעסטע פון אַ ליגן מאַכט מען נאָך קיין ליד ניט...

553 כ ח.

מוֹלֶדֶת הַכֹּחַ, בְּחַדְרֵי הַמֹּחַ...

דאָס געבורטס-אָרט פון כח איז דער מוח...

554

לֹא יְמַלֵּא הַכֹּחַ, מְקוֹם
הַמֹּחַ...

ס'פאַרטרעט ניט דער כח דעם פּלאַץ פון מוח...

555 כ ח ו ת ה ט ב ע.

שֶׁעָבֵד הָאָדָם כֹּחוֹת הַטֶּבַע
לִרְצוֹנוֹ,
וַיַּעֲשֵׂם לוֹ הָאָדָם
לֵאלֹהָיו-קוֹנוֹ...

פריער האָט דער מענטש געמאַכט די נאַטור אַ קנעכט צו זיין ווילן, און דער-נאָך האָט ער זי געמאַכט פאַר זיין גאָט...

---

1) מלבד ה«כזב» שבשיר טעון עוד כל משורר לכשרון... ועוד נאמר: «גם למשורר נתנה רשות לכזב אלא בשירו»...

556 כ ח ל.

פְּנֵי הָאֱמֶת וּפְנֵי אִשָּׁה
בְּשָׁתָוּו,
מְעַט כְּחַל וּשְׂרַק לִשְׁתֵּיהֶן
נָאווּ...

דאָס געזיכט פון אמת און דאָס געזיכט פון אַ פרוי זיינען גלייך — ס'שאַדט ביידן ניט אַ ביסעלע פאַרב... (וואַר. «אַן אַלטע פרוי און נייער ווייַן — העלפט ביידן נישט קיין פאַרב...)

557 כ ל א.

לֹא יִכְבַּד לְאִישׁ כִּלְאֵהוּ,
אִם אָסוּר אִתּוֹ יְשָׁרֵהוּ... [1])

ס'איז דעם מענטשן ניט שווער זיין תפיסה, אויב צוזאַמען מיט אים זיצט אויך זיין ערלעכקייט דאָרטן... (און ער ווייס ווי אומשולדיק ער איז... —)

558 כ ל י.

אֵין כְּלִי מְתֻקָּן
בָּא לוֹ לָאָדָם,
אֶלָּא אִם־כֵּן מְקַלְקֵל
לוֹ קֹדֶם...

ס'באַקומט ניט אַ מענטש זיין פולקאָם־איינגעריכטעטע כלי, סיידן ער זאָל פריער ניט קאַליע־מאַכן.

559 כ י ל י.

הוֹ, כִּילַי כִּילַי! מִלַּחְמוֹ
לֹא פָּרַס לַגֶּבֶר,
וּמִבְּשָׂרוֹ תֹּאכַל — הָרִמָּה
בַּקֶּבֶר...

אָ, דער קאַרגער! פון זיין ברויט האָט ער קיינמאָל ניט אַ שטיקל דעם אָרימאַן געגעבן, און פון זיין פלייש — גאַנצע שטיקער וועלן ווערים געניסן...

560 כ מ ו.

הָאֱמֶת אֵין בְּפִיהָ „כְּמוֹ",
הִיא קוֹרְאָה לַשֶּׁקֶר בִּשְׁמוֹ[2])

דער אמת ווייס פון קיינע קווייקלעכישן און וויגעלנישן ניט (פון פאַרשלייערטע און אומקלאָרע דיבורים), ער רופט אָן דעם שקר מיט זיין ריכטיקן נאָמען...

---

1) ואחרים גורסין: «יכבד לאיש כלאהו, אם אסור אתו ישרהו». 2) אין האמת אוהבת לשים מסוה על פניה, לשית חונף וערמה וללכת סחור סחור, אלא מגלה את אמתה כמו שהיא בלי משוא פנים...

561

הָטֵל יָטֵל הַכְּסִיל
נַפְשׁוֹ נִרְעֶשֶׁת,
אֶל אֲשֶׁר גַּם מַלְאָכִים
יֵרְאִים מִגֶּשֶׁת... [1]

כ ס י ל.

אַ נאַר וואַגט זיך אַריינצוואַרפן אַפילו דאָרטן, ווו מלאכים האָבן מורא צוצוגיין...

562

הַכְּסִיל כָּל סִכְלוּתוֹ —
הִתְחַכְּמוּתוֹ... [2]

די גאַנצע נאַרישקייט פון אַ נאַר איז זיין חכמה'נען-זיך...

563

אִם תָּכוּף בִּפְנֵי כְסִיל גַּבְּךָ,
יָשִׂים הֲדוֹם לְרַגְלָיו
גַּם קָדְקֳדֶךָ... [3]

כ פ ך.

וועסטו פאַר אַ נאַרן דיין רוקן אַיינבויגן, וועט ער אויך דיין קאָפּ אַ פוסבענקעלע פאַר זיינע פיס מאַכן.

564

לֹא יִקָּנֶה בַּכֶּסֶף — כּוֹסֶף... [4]

כ ס ף.

פאַר געלט קען מען קיין באַליביקן אַפּעטיט ניט קויפן... (ניט קיין אַפּעטיט צום עסן, ניט קיין אפּעטיט צו וויסן, א.א.וו.)

565

אוֹ כּוֹף, אוֹ יָכוֹף... [5]

כ פ ף.

אָדער ד ו בויג איין (דעם יצר-הרע), אָדער ער וועט ד י ר אַיינבויגן...

566

דּוֹר לוֹמְדִים, חֲסִידִים
וּמַשְׂכִּילִים יַחַד,
כּוֹפְרִים בֵּאלֹהִים
וּמִשֵּׁדִים יִפְחֲדוּ פָּחַד... [6]

כ פ ר.

אַ דור בלויז לומדים, חסידים און משכּילים, לייקענען אין גאָט, און שרעקן זיך פאַר שדים...

---

1) ומרגלא ג"כ בפומא דאינשי: «במקום שאין השטן יכול לבצע זממו, הוא שולח אשה»... 2) וכבר אמר החכם: «אולת אויל, ולא חכמת אויל»... 3) נ. א. «אם תכוף כאגמון גבך, ימצאו פוסעים על ראשך»... דומה בענינו הוא גם «הדיוט קופץ בראש». ר' הפתגם «הדיוט». 4) כוסף — תאבון, כוסף האכילה, כוסף הדעת וכו'. וב«מבחר הפנינים» יש: אני תמה ממי שיקנה עבדים בממונו, ואינו קונה בני חורין ב«טובתו»... 5) מפתגמי אפיקטט היוני. ור"ל, או כוף את יצרך להשתעבד לך, או יצרך יכופך להשתעבד לו, והוא ימשול בך. 6) גרסת ר. בריינין: «כחש באל ובמשיחו יחד, ומשדי ליל יפחד פחד»... וגם גרסא אחרת: «יומם כופר בעקר הנהו, ובלילה אימת שדים תבעתהו»...

567 כ ר ו כ י ם.

הַשְּׁעֲמוּם וְהָעֲצַלְתַּיִם,
יָרְדוּ כְּרוּכִים מִשָּׁמַיִם.

לאַנגווײַליקייט און פוילקייט האָבן אײַנ־אײנעם פון הימל אַראָפּגענידערט...

568 כ ש ר ו ן א ד ם.

גַּם חָכְמַת אָדָם
יֵשׁ בִּמְחִיר תְּקַח צֵידָה,
כִּשְׁרוֹן אָדָם מִבֶּטֶן וּמִלֵּדָה...

אויך חכמה קויפט אַ מאָל אַ מענטש פאַר געלט, אָבער פעאיקייט — מיט דאָס מוז ער געבוירן ווערן...

מפי העם.

569 כ ב ו ד.

לְטוֹל כָּבוֹד לְעַצְמוֹ,
יָכוֹל רַק בַּעַל-עֲגָלָה:
מוֹשִׁיב חֲכָמִים אָחוֹר,
וְהוּא עַל דוּכָנוֹ עָלָה...

זיך אַליין נעמען כבוד קען נאָר אַ בעל-עגלה: די פּאַסאזשירן זעצט ער פון הינטן, און אַליין זעצט ער זיך פון פאָרנט...

570 כ ו ב ע.

אוֹמְרִים: עִם גַּנָּב חוֹלֵק,
כּוֹבְעוֹ עַל רֹאשׁוֹ דוֹלֵק...

אַפן גנב ברענט דאָס היטל.

571 כ ב ש ה.

בְּעֵדֶר פָּרוּעַ כֻּלּוֹ לְשִׁמְצָה,
כִּבְשָׂה נִמְבְזָה אַחַת
לֹא תִמָּצֵא... [1]

אין אַ גאַנצע טשערעדע שמוציקע, ווע-סטו איין שמוציק שעפעלע ניט געפינען. (ווייל אַלע דורכאויס זיינען שמוציקע...).

572 כ ז ב.

מֵיטַב הַכָּזָב בְּעִתּוֹ—אֲמִתּוֹ...

דער בעסטער ליגן אַ מאָל, איז דער אמת...

573 כ ל ה.

כַּלָּתוֹ הִקְדִּיחָה תַּבְשִׁילָהּ,
וּבְבִתּוֹ חֲמָתוֹ כָּלָה... [2]

זאָגן זאָגט מען די טאָכטער, און מיינען מיינט מען די שנור...

574 כ י ל י.

כִּילַי רַע עַיִן,
מְשַׁלֵּם פִּי-שְׁנַיִם...

אַ קאַרגער צאָלט אַלעמאָל דאָפּלט...

575

גּוֹמֵעַ הַכִּילַי בַּמַּזְלֵג מְרָקוֹ,
וְעוֹד מְנַעֲרוֹ וּמְתָקוֹ...

דער קאַרגער זופּט מיט אַ גאָפּל זיין יויך. ער שאָקלט עס נאָך אָפּ און באַ-לעקט זיך דערמיט.

---

1) כיוצא בזה שגור המאמר האידי: «חברה איז קיין גזלן ניט—אַ סך גזלנים»... בקצת שנוי מן הפתגם הרוסי הידוע: "Одна паршивая овца все стадо портит„
2) בתלמוד יש ג"כ: «טוביה חטא וזיגוד מינגיד».

576 כ ל י ל ד.

קִימָא לָן:
כָּל יֶלֶד חָכָם יִוָּלֵד,
וְאֵי־מִזֶּה, רַבּוֹיי שַׁע,
כָּל הָאֱוִילִים בַּחֶלֶד?... [1]

מיר האָבן בקבלה, אַז יעדעס קינד ווערט אַ חכם געבוירן, טאָ פונוואַנען, רבו״שע, נעמען זיך אַזויפיל נאַראָאים אויף דער וועלט?...

577 כ ל מ ה.

מוּטָב וּתְכַס הַפָּנִים כְּלִמָּה,
וְאַל מַכָּה חַדְרֵי בֶטֶן
פְּנִימָה...

בעסער אַ שאַנד אין פנים, איידער אַ קרענק, ר״ל, אין בויך...

578 כ ס י ל.

כָּל אָדָם כְּסִילוֹ,
טָמוּן לוֹ בְּשַׁרְוּלוֹ...

ביי יעדן מענטשן אין אַרבל איז פאַרשטעקט זיין נאַר... (ער דאַרף נאָר אַ טרייסל טאָן, און ער קריכט אַרויס...).

579

סוֹבֵב הוֹלֵךְ אֶל בֵּין חֲנֻיוֹת
כְּסִיל,
וְכָל הַחֶנְוָנִים שְׂמֵחִים
אֱלֵי גִיל...

אַז אַ נאַר גייט צווישן די קראָמען, פרייען זיך אַלע קרעמער...

580

כְּסִיל זוֹרֵק אֶבֶן אֶל הַגֵּב,
לֹא יְמַשׁוּהָ עֲשָׂרָה חַכְמֵי
לֵב...

אַז אַ נאַר וואַרפט אַריין אַ שטיין אין ברונעם, וועלן עס צען קלוגע ניט אַרויסנעמען...

581 כ ס ף.

אַל תַּאֲמִין בְּכַסְפְּךָ,
עַד יוֹם מְנוּחָתְךָ... [2]

גלויב ניט אין דיין געלט, כּל זמן דו ציילסט עס ניט...

---

1) מעין התלמוד: «כד הוינן זוטרי לגברי, השתא דקשישנן לדרדקי». 2) וגם נוסחה אחרת: «אל תאמין בכסף, עד אשר יאָסף»... ושניהם מתיחסים ל«שלום־עליכם».

582 כ ע ס.

כַּעַס וְחֵמָה, עוֹשִׂים אָדָם
בְּהֵמָה...

כעס וחמה, מאַכן אַ מענטשן פאַר אַ בהמה.

583 כ פ ת ו ר.

הָכִין כַּפְתּוֹר לְפִי בִגְדֶךָ,
וְאַל בֶּגֶד לְפִי כַפְתּוֹרֶךָ...

פאַס-צו דעם קנעפּל לויט דיין בגד, און ניט דעם בגד לויט דיין קנעפּל...

584 כ ש ל.

גַם סוּס עַל אַרְבַּע כּוֹשֵׁל,
אַף כִּי אָדָם
שֶׁבִּשְׁתַּיִם מוֹשֵׁל...

מה-דאָך אַ פערד אויף פיר פיס ווערט געשטרויכלט, אַ פשיטא שוין אַ מענטש, וואָס האָט נאָר צוויי פיס...

585 כ ת נ ת.

לְעוֹלָם יִמְכֹּר אָדָם
עַד כְּתָנְתּוֹ הָאַחֲרוֹנָה,
וּתְהִי יָדוֹ מְעַט „אוֹשֶׁר"
קוֹנָה...

אייביק זאָל אַ מענטש זיין לעצטע העמד פאַרקויפן, און זיך אַ ביסל «גליק» דער-פאַר איינקויפן...

ממדרש עם.

כ ב ו ד.

586

„כָּבוֹד חֲכָמִים יִנְחָלוּ" —
הַדְּבָרִים לְאַחֲרֵי מוֹתָם
חָלוּ... [1]

שלמה המלך האָט געזאָגט: «די חכמים וועלן כבוד באַקומען» — באַציען זיך געוויס די ווערטער אַפן נאָכן טויט... (ווייל בחייהם איז זייער זעלטן, אַז מען זאָל זיי כבוד אָפּגעבן...).

587

אִי־לוֹ לַמְבַקֵּר,
קוֹרֵא לַכָּבוֹד „נִתְעָב",
וְלֹא חָלָה וְלֹא הִרְגִּישׁ,
הַמְשַׁקֵּר,
בַּכָּבוֹד עַל בִּקָּרְתּוֹ זוֹ
יִתְאָו...

ווי דעם יענעם קריטיקער, וואָס טענהט־איין, אַז כבוד־זוכעניש איז אָפּשטויסנד, און ער שפירט ניט, דער זעלביקער ליג־נער, דעם כבוד וואָס ער אַליין זוכט פאַר זיין דאָזיקע קריטיק...

588

כָּבוֹד לַחַזָּן מִגְּרוֹנוֹ,
לְחָכָם מֵרַעְיוֹנוֹ,
וְיוֹתֵר לֶעָשִׁיר — מִמָּמוֹנוֹ...

דעם חזנ׳ס כבוד איז מגרונו (פון זיין האַלדז), דעם חכמ׳ס כבוד איז מרעיונו (פון זיינע געדאַנקען), און דער גרעסטער כבוד איז דעם רייכנס — מממונו. (פון זיין געלט).

כ ז י ת.

589

מִן הַ„פֶּסַח" כַּזַּיִת,
וְהַ„הַלֵּל" בָּקַע גַּג הַבַּיִת... [2]

פון קרבן פסח, די גרויס מערניט פון אַ «כזית», (געניסט מען), און דער «הלל» (די לויב־געזאַנגען) אויף דעריין, שפּאַלט דורך דעם באַלקן...

כ ח ו ת.

590

חֶשְׁבּוֹן „כּחוֹת"
עוֹלֶה בַּד בְּבַד,
עִם „רָצוֹן לָהֶם אֶחָד"... [3]

די גמטריא פון וואָרט כחות (קרעפטן) איז פונקט די גמטריא פון די ווערטער «רצון להם אחד»... (ד. ה. אַ סך כוחות דאַרפן האָבן איין ווילן...).

---

1) גם הבדיחה היהודית דורשת סמוכים: «אחרי־מות־קדושים» — לאחרי המיתה חושבים את האדם לקדוש... 2) בלשון הגמרא: «כזיתא פסחא והללא פקע אגרא». 3) ועניננו: כחות רבים ורצון אחד יעשו חיל ויאריכו ימים...

591 — כּ י ס.

בְּכִיסוֹ, בְּכוֹסוֹ וּבְכַעֲסוֹ
נַכִּיר „אָדָם" וּבְנַסוֹ,
וְ„חַוָּה" יַקִּירָה, בְּכַמָּה
נַכִּירָה?...

די גמרא זאָגט: אַ «א ד ם» (דאָ אין זין פון אַ מאַנסביל) ווערט דערקענט דורך דריי זאַכן: בכיסו, בכוסו, בכעסו, פרעגט זיך, דורך וויפל קען מען דערקענען אַ בת-חוה?. (אַ פרויענצימער)...

592 — כל דאלים גבר.

תִּקֹּב הַדֵּעָה אֶת הָהָר,
וְלֹא תָּדִין
„כָּל דְּאַלִּים גְּבַר"... [1]

«זאָל די מיינונג דורכלעכערן אַ באַרג», (אַזאַ תלמודישער אויסדרוק), און ניט זאָגן «כל דאלים גבר»... (ווער ס'איז שטאַרקער דער זיגט...).

593 — כ ס ף.

„כֶּסֶף וְזָהָב מְטַהֵר מַמְזֵרִים",
וּפוֹסֵל כְּשֵׁרִים...

«זילבער און גאָלד כשרט ממזרים», און פסלט כשרים...

594

אוֹי לָהּ לַנֶּפֶשׁ
קְשׁוּרָה כְּבוֹדָהּ בְּכַסְפָּהּ,
וַיְהִי בְּאָבְדַן הַכֶּסֶף —
גַּם כְּבוֹדָהּ חַסְפָּא.

ווי איז דער יעניקער פּערזאָן, וואָס האָט איר כבוד אָפּהענגיק געמאַכט פון איר געלט. און פאַרלירט זי דאָס געלט, איז אויך איר כבוד אַ צובראָכן שערבל.

595 — כ ס פ א.

הַגִּמַטְרִיָּא שֶׁל „כַּסְפָּא" —
„הוּא חַסְפָּא"...

«געלט» איז בגימטריא «בלאָטע»...

596

אָמְנָם כַּסְפָּא חַסְפָּא בְּעָלְמָא,
אֲבָל חַסְפָּא לֹא כַּסְפָּא
לִשְׁלֵמָה...

געלט איז טאַקע מערניט ווי בלאָטע, אָבער בלאָטע איז ניט קיין געלט צו באַצאָלן דערמיט...

---

1) במלחמת הדעות אין דנים דין כזה...

597 כ פ ו ר י ם.

כְּתִיב „יוֹם כִּפּוּרִים" וּקְרִי „כַּפּוּרִים",
הִקִּישׁ הַכָּתוּב יוֹם כִּפּוּרִים לְפּוּרִים:
מִתְחַפְּשִׂים יְהוּדִים לְ„גוֹיִים" בְּפוּרִים,
וְ„גוֹיִים" לִיהוּדִים — בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים...

געשריבן איז «יום כיפורים» (מיט אַ חירק — יום כיפור), קען מען עס אָבער לייענען «כּפּורים» (מיט אַ פּתח «כּ», און איז טייטש «ווי פּורים»). דאָס באַווייזט, אַז יום כיפור איז גלייך צו פּורים; אום פּורים פאַרשטעלן זיך אידן פאַר «גויים», און יום כיפור פאַרשטעלן זיך «גויים» פאַר אידן»...

598 כ פ י ר ה.

הַבְּרִיּוֹת אוֹמְרִים:
לוּ בִּמְקוֹם תְּפִלָּה,
נִצְטָרְכָה הַקְּהִלָּה,
לִשְׁלוֹחַ לַמָּרוֹם כֶּסֶף כִּכָּר,
הָעֲבוֹדָה! כָּל הָעֵדָה
הָיְתָה אָז כּוֹפְרִים בְּעִקָּר...

ווען אָנשטאָט אַ תּפילה צום הימל, וואָלט מען דאַרפן אַ רענדל שיקן, שווער איך אייך, אַז די גאַנצע עדה וואָלט דאַן כּופרים בעיקר געוואָרן... (גאָט-פאַרלייקענער...).

599 «כ פ ף».

גְּמִירָא: כּוֹף וַחֲלוֹב... [1]

ס'איז אַ פעסטגעשטעלטער כּלל: ווען מען דאַרף אויסמעלקן אַ קו, מוז מען זיך פריער איינבויגן... (ז' באַמערק.).

600 «כּ ר ת».

הִתְנַהֵג אָדָם עַל-פִּי תּוֹרָה
שֶׁנִּתְּנָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת —
חַיָּב כָּרֵת

פירט זיך אַ מענטש לויט אַ תּורה וואָס איז געגעבן געוואָרן צו מלאכי השרת — איז חייב כּרת... (אַ מענטש דאַרף זיך פירן לויט דער תּורה וואָס איז געגעבן פאַר מענטשן...).

---

1) אינך יכול לשער, רבי, — התאונן פעם אחת משולח לפני רבו — עד כמה אני מוכרח להשפיל את עצמי ולהשתחוות לפני כל בור וגס, עד שאני מוציא מתחת ידו נדבה כלשהי בעד הישיבה. — אין הכי נמי — ענה הרב — כדי לחלוב את הפרה צריך מתחילה לכרוע ואח"כ לחלוב...

601 כ ש ר ו נ ו ת.

כַּמָּה כִּשְׁרוֹנוֹת נַעֲלִים
אָבְדוּ כְּבָר בַּאֲבִיבָם,
אֶלָּא מִפְּנֵי שֶׁחָסְרָה
חֻצְפָּה פּוֹרְתָּא בְּטִבְעָם...

וויפֿל זעלטענע פעאיקייטן פֿאַרוועלקן עס אין זייער סאַמע פריילינג, מערניט ווייל זייער נאַטור פֿאַרמאָגט ניט איין קאַפּעלע חוצפּה...

602 כתות ועתות.

שָׁלֹשׁ מִפְלָגוֹת בַּיְהוּדִים:
מַשְׂכִּילִים, זֵדִים וַחֲסִידִים.
הַמַּשְׂכִּיל עַל דָּבָר,
יַחֲקוֹר יְבַקֵּר הֶעָבָר,
וְזֶה דְּבַר הֶחָסִיד,
יְבַקֵּשׁ יִדְרוֹשׁ הֶעָתִיד;
וְהַזֵּד מַה יֹּאבֶה? —
רַק אֶת הַהֹוֶה... [1]

פֿאַראַן ביי אידן דריי פּאַרטיעס: משכּילים, אויסגעלאַסענע און פרומע. דער משכּיל גריבלט זיך אין דער פֿאַרגאַנגנהייט, דער חסיד טראַכט וועגן צוקונפט, און דער אויסגעלאַסענער — לעבט נאָר מיטן היינט...

1) הרי״בל. ואבן גבירול אמר: «שלש כתות בחברים, מהם כמזון שאינך יכול להתקיים מבלעדיו, מהם כרפואה שאתה מצטרך לה לפעמים, מהם כמדוה שאינך צריך לו לעולם»...

מפי חכמים.

ל

603 «ל א - א י ש».

אֶפְּלָה נָא בְּיַד „לֹא-אִישׁ”,
וְלֹא בְּיַד „מִי-שֶׁהָיָה אִישׁ”. [1]

בעסער אַ מאָל אַריינפאַלן אין דער האַנט פון אַ אוממענטש, איידער אַריינפאַלן אין דער האַנט פון «אַ געוועזענעם מענטש»... (אַזאַ געוועזענער מענטש פאַרשאַפט אַ מאָל ניט דער ערך גרעסערע יסורים...)

604 «ל א - י ו ח ל».

לֹא-יוּחַל אֶרֶץ בְּיוֹם,
וְלֹא מְשָׁרִים וַעֲבָדִים
לְאוֹם.. [2]

אַ לאַנד ווערט ניט געשאַפן אין איין טאָג. אַ פאָלק באַשטייט ניט פון דורכאויס הארן און קנעכט...

605 ל ב.

לֵב אָדָם בְּסֵתֶר חַיָּיו מְבֻלֶּה,
וְעַל יְדֵי חָכְמָתוֹ אוֹ סִכְלוּתוֹ
מִתְגַּלֶּה...

דעם מענטשנס האַרץ ליגט טיף פאַרבאָרגן. דורך זיין חכמה אָדער נאַרישקייט ווערט עס אַנטפּלעקט...

606

לְבַב הָאָדָם – יַיִן אָסוּף,
הַיַּיִן עִם קֻבַּעְתּוֹ בּוֹ נָסוּף...

דאָס מענטשנס האַרץ — איז אַ קריגל וויין. צונויפגעמישט איז דאָרטן דער וויין מיט זיינע הויוון... (דאָס אָפּגעזעצטע אויפן דעק...)

607

לֵב חָכָם עַל קֻבָּתוֹ,
וְקֵבַת כְּסִיל עַל לִבָּתוֹ...

דעם חכמס האַרץ איז איבער זיין מאָגן, דעם נאַרס מאָגן איז איבער זיין האַרץ...

608 ל ב נ ה.

מְצַפָּה הַלְּבָנָה לַשֶּׁמֶשׁ
וְלַחֲסָדֶיהָ,
לָכֵן חָוְרוּ פָּנֶיהָ...

די לבנה קוקט אויס אויף דעם חסד פון דער זון, דעריבער איז זי אַזוי בלייך...

---

1) זה «מי שהיה» איש והיום חדל מהיות איש, יש והרע יותר מזה ש«לא היה» ולא נחשב מעולם לאיש... ד״ר א. גינצבורג. 2) ומרגלא בפומא דאינשי: «גם העיר רומא לא נבנתה ביום אחד».

609 ל ו ה.

כֶּסֶף מֵאֵת זָר לְוֵה,
וַעֲצַת נֶפֶשׁ מִיַּד קָרוֹב קְנֵה...

געלט לײַ בײַ אַ פרעמדן, אַן עצה נעם בײַ אַן אײגענעם.

610 ל מ ד.

חָכָם לוֹמֵד מִכָּל אָדָם,
וּכְסִיל מְלַמֵּד לְכָל אָדָם...

אַ חכם לערנט זיך פון יעדן מענטשן, אַ נאַר לערנט יעדן מענטשן.

611

לַמֵּד אֶת הָאֵינוֹ יוֹדֵעַ,
לְמַד מִפִּי הַיּוֹדֵעַ.

לערן דעם וואָס ווײס ניט, לערן זיך פון דעם וואָס ווײס.

612

בִּימֵי הַיַּלְדוּת,
דָּבָר לוֹמְדִים,
לְעֵת זִקְנָה עַל אֲמִתּוֹ
עוֹמְדִים...

יונגערהײט לערנט מען די זאַך. צו דער עלטער דערגײט מען איר אמת...

613 ל ק ח י ם.

מֵיטַב לְקָחֵינוּ אֵינָם עוֹלִים,
אֶלָּא לְאַחֲרֵי מִכְשׁוֹלִים... [1]

די בעסטע לעקציע איז יענע, בײַ וועלכער מיר האָבן שוין אײניקע דורכפאַלן געהאַט...

614 ל ש ו ן.

הַלָּשׁוֹן רַכָּה וְאֵין גָּרֶם,
וּמְטִילֵי בַּרְזֶל—וְתִשְׁבָּרֶם... [2]

די צונג איז װײך, אָן בײנער, און שטאַבעס אײַזן ברעכט זי...

1) גיטין מג. «אין אדם עומד על דברי תורה אלא א״כ נכשל בהם». 2) לפי דעת אחדים זהו פרוש הכתוב: «ולשון רכה (אפעפ״י שהיא רכה) תשבר גרם»...

615

הַלָּשׁוֹן בַּיָּד,
הָרֶגֶל לְלֹא-סַד... [1]

איז די צונג אין דיין רשות (ד. ה. דו ביסט דער באַלעבאָס איבער איר), איז אויך זיכער דיין פוס...

616

תַּחַת לְשׁוֹן אָדָם דְּבַשׁ וְחָלָב,
מֵהֶם שָׁתְתָה רָוְתָה וַתַּלְשֵׁן עָלָיו... [2]

«האָניק און מילך אונטערן מענטשנס צונג». זיך אָנגעטרונקען האָט זי (די צונג) און פאַרמסרט אים. (דעם מענטשן).

1) ר"ל, אם הלשון בידך (ברשותך) ואתה אדון לה, נוצר וחוסם אותה לצרכך, אזי לא תושם בסד רגלך ונשמרה מלכד. 2) וזהו שאמרו: „My tongue is my enemy" —«לשוני-שונאי» «דעם מענטשנס צונג איז אַ מסור» ועוד...

מפי העם.

617 ל ב.

לֵב אָדָם חֶבְיוֹנוֹ – שְׁעוֹנוֹ...

דאָס האַרץ איז אַ זייגער.

618 ל ב י ב ה.

מַחֲבַת אֵשׁ, קֶמַח יֵשׁ,
וְגַם שׁוּמָן,
וּלְבִיבָה תֵּאָפֶה, לֹא תֵעָלֶה
יָפָה, בְּלִי יַד אוּמָן...

אַ בראָט-פאַן פאַראַן, מעל און אויך שמאַלץ — אָן אַ געניטער האַנט וועט די בלינצע ניט טויגן.

619 ל ב י ב ו ת.

אוּמָנוּת נְקִיָּה,
קַלָּה וּמְהֻגֶּנֶת –
טָבוֹל לְבִיבוֹת חַמּוֹת
בְּזִבְדָה צוֹנֶנֶת... [1]

די לייכסטע מלאכה איז: טונקען הייסע בלינצעס אין קאַלטע סמעטענע... (ז' באַמערקונג).

620 ל ה ד " ם.

כָּל הָאוֹמֵר „אָהַבְתִּי" סְתָם,
אַחָא – לְהַד"ם... [2]

זאָגן סתם אין דער וועלט אַריין «איך ליב» (אָן באַשטעטנדיקע מעשים דערצו) איז אַ ציבעלע ניט ווערט...

621 ל ה ר " ם.

מֵיטַב הַפְּרוֹגְרַם,
הוּא לְיְהִי"רַ"ם... [3]

די בעסטע פראָגראַם איז — «וו. ד. וו. ב...» (די ראשי-תיבות פון די ווערטער: «ווו דער ווינט בלאָזט»...)

622 ל ח י.

אִשְׁתִּי עַל לֶחְיִי תַּכֶּה,
וּבַל תִּשַּׁק לְחִי הַשֵּׁנִי...

זאָל בעסער מיין ווייב פאַטשן מיין באַק, און ניט קושן אַ צווייטנס באַק...

---

1) כך ענו פעם לאחד שהתאונן על כל המלאכות שהציעו לפניו שהן קשות ובלתי ראויות בשבילו. 2) להד"ם—לא היו דברים מעולם; ר"ל, כל אהבה שאינה מתגלה במעשים יפים בשביל הנאהב, לאו שמה אהבה... 3) ראשי-תיבות של «להיכן הרוח מנשבת»... בימים האלה, כשהרבוי הנפרז של המפלגות השונות גבר למעלה ראש, וכל אחד, לעתים, חבר הוא בעת ובעונה אחת למפלגות אחדות, ואותו הבר-נש שנשאר בדרך נס עומד מחוץ לכל מפלגה, כשנשאל לאיזו מפלגה הוא שייך, התלו-צץ, שהוא שייך למפלגה זו ששמה «להר"ם», כלומר דעתו נוטה תמיד לעבר הרוח המנשבת...

623 — ל ח י ח מ ו ר.

רַבּוֹ״שֶׁע, מִיַּד גִּבּוֹר
אַכַּת שְׂאִיָּה,
וְלֹא בִּלְחִי חֲמוֹר טְרִיָּה... [1]

רבו״שע, צעשלאָגן ווערן פון אַ גבורס האַנט, און ניט פון אַן אייזלשער מאָרדע...

624 — «ל ח יי ם».

מֵרוֹב שְׁתוֹת
„לְחַיֵּי״ אֲחֵרִים וְכַבֵּד,
אֶת חַיָּיו הוּא מְאַבֵּד...

פון אַ סך מאַכן «לחיים» פאַר אַנדערע, ברענגט מען אום דעם אייגענעם «חיים». (דאָס אייגענע לעבן).

625 — ל י ל י ת.

רָאִיתָ מַהֲמוֹרֶת שׁוֹקֶטֶת—
בָּהּ הַלִּילִית מְשׁוֹטֶטֶת... [2]

אין שטילן געמייזאכץ ווינען שדים... (פרגל. «שטילע וואַסער האָבן טיפן גרונד», אָדער: אַ שווייגנדער הונד בייסט אַם ערשטן»...).

626 — ל כ ו ד י ם.

מַתְלָא אָמְרָא:
בִּידֵי „גוֹיִים״ הֱווּ לְכוּדִים,
וְלֹא בְּפִיּוֹת יְהוּדִים...

בעסער אַ מאָל ליגן אין אַ גוי׳ס הענט איידער אין אַ אידיש מויל...

627 — ל מ ד.

לְלַמֵּד דַּרְדְּקֵי וְלַקֶּבֶר,
לְעוֹלָם לֹא יְאַחֵר גֶּבֶר...

קנעלן און שטאַרבן איז קיינמאָל ניט צו שפעט...

628 — ל מ ע נ ו.

מַה שֶּׁיַּעַשׂ לוֹ אִישׁ לְמַעֲנוֹ,
לֹא יוּכַל עֲשׂוֹ רַב מְשַׂנְאוֹ...

וואָס אַ מענטש קאָן טאָן זיך אַליין, וועט דאָס אים דער גרעסטער שונא ניט טאָן.

629 — ל ק ח.

מִי אֲשֶׁר קַחַת תָּאֵב,
תֵּת לֹא אָהֵב... [3]

אַ נעמער איז ניט קיין געבער.... (פרגל. וואָרטשפיל: «אַן עמער איז ניט קיין צעבער»...).

630

בְּקַחְתְּךָ אִשָּׁה,
הִמָּלֵךְ בְּבַעַל אִשָּׁה...

ווען דו נעמסט אַ ווייב, זיי זיך מיישב מיט אַ באַווייבטן...

---

1) בפולין ובליטא שגורה המימרא: «פון אַ שטיוול און ניט פון אַ לאַפּטשע» («לאַפּט-שע»—כנוי לסנדל עץ פשוט של האכרים). 2) ברוסית: „В тихом омуте черти водятся“ 3) בתלמוד, ברכות נג. נמצא כזה: «גמירי דמיהב יהיבי משקל לא שקילי».

631 ל ש ו ן.

לְשְׂשׂוֹנוֹ אוֹ לַאֲסוֹנוֹ,
יֵדַע אָדָם לְהִשְׁתַּמֵּשׁ
בִּלְשׁוֹנוֹ...

אין פריידן, צו אין ליידן, דאַרף אַ מענטש וויסן וואָס צו ריידן.

632

אִם לְשׁוֹנוֹ מַטְאֲטֵא —
הִנֵּה מַדְמֵנָה!
אֲבָל לְיָדוֹ חוֹפֶשׁ בַּל יִתְּנָה...

איז זיין צונג אַ בעזים—אָט איז אַ מיסט-קאַסטן! אָבער דער האַנט זאָל ער קיין פרייהייט ניט געבן...

633 לשכת מודיעין.

לֵב נָשִׁים—בֵּית-קָדָשִׁים,
וּפִיהֶן—לִשְׁכַּת מוֹדִיעִין...

דאָס פרויען-האַרץ איז אַ הייליגטום; זייער מויל—אַן אינפאָרמאַציע-ביוראָ...

ממדרש עם.

634
„נַעַר הָיִיתִי גַם זָקַנְתִּי"
וְ„לֹא-רָאִיתִי"
אֵינָה רְאָיָה – בַּנְתִּי...[1]

«ל א ר א י ת י».
אַ אינגל בין איך געווען, איך בין שוין אויך אַלט געוואָרן, און ס'גילט נאָך אַלץ דער זעלביקער כלל, אַז «ניט געזען איז קיין באַווייז ניט»...

635
„לֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ",
„אֶת" לְרַבּוֹת גַּם עַצְמוֹ
וְאֵשֶׁת בְּרִיתוֹ...[2]

«ל א ת ו נ ו».
דער פסוק זאָגט: «לא תונו איש את עמיתו» («נאַרט ניט איינער דעם צווייטן»). איז דאָס וואָרט «את» (וואָס ווערט שטענדיק אין תלמוד פאַרשטאַנען ווי עפּיס אַ הוספה צום געשריבענעם ענין) מיינט דאָ צוצוגעבן, אַז מען טאָר אויך ניט נאַרן, ניט זיך אַליין און ניט די אייגענע פרוי...

636
גְּמִירָא: לִבּוֹ שֶׁל אָדָם
הוּא שְׁעוֹנוֹ,
בְּרַם הֶבְדֵּל קָטָן
בֵּינוֹ לְבֵין אָדָם:
שְׁעוֹנוֹ „עָמַד"
מִיַּד מְתַקְנוֹ אֲדוֹנוֹ,
וְאֵין תַּקָּנָה עוֹלָמִית
לַלֵּב שֶׁנָּדַם...

ל ב.
דעם מענטשנס האַרץ איז זיין זייגער. נאָר אַ קליינער אונטערשייד איז דאָ צווישן זיי: שטעלט זיך אָפּ אַ זייגער, קען מען אים פאַרריכטן. אַ האַרץ אָבער, אַז עס שטעלט זיך אָפּ, קען מען עס שוין אייביק ניט פאַרריכטן.

637
„לֹא טוֹב לָאָדָם הֱיוֹת
לְבַדּוֹ",
וּמִכָּל שֶׁכֵּן אַחֲרֵי קַחְתּוֹ
עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ...[3]

ל ב ד ו.
ס'איז געזאָגט «ניט גוט איז פאַר אַ מענטשן בלייבן אַליין», אַ פשיטאָ שוין, נאָכדעם ווי ער האָט שוין אַ פרוי גענומען... (חתונה געהאַט און די פרוי איז אים ניט קיין פּאָר, דאַן איז אים נאָך אַ סך ערגער ווי בלייבן «אַליין»...).

1) בתלמוד: «לא ראינו לאו ראיה היא». 2) עפ"י ה«חפץ חיים» זצ"ל. כל «את» שבתורה, כידוע, בא לרבות ולהוסיף איזה דבר. 3) כלומר, בשעה שאשה זו אינה הוגנת לו, והריהו נשאר גם אז «לבדו»... וכבר אמרו חכמי לב: «חיי המשפחה הם חידה מטמטית: איש ואשתו הם שני חצאים, ובכל זאת לא יהיו לאחד»...

638 ל ג י מ ה.

גְדוֹלָה לְגִימַת הַיי"ש,
שֶׁהִיא בַּר-נַשׁ
לִבְרִיָה אֲחֶרֶת עוֹשָׂה;
וַהֲרֵי גַם הַבְּרִיָה, זוֹ הַשְׁנִיָה,
טְעוּנָה לְכוֹסָהּ...

גרויס איז דאָס קאַפּעלע פון ביטערן טראָפּן... דאָס מאַכט דעם מענטשן פאַר גאָר אַן אַנדער מענטש... און אויב אַזוי, דאַרף דאָך שוין דער צווייטער מענטש אויך נעמען אַ ביסעלע אין מויל...

639 ל ח ם.

לֹא עַל הַלֶחֶם —
לֶחֶם שְׂעֹרִים,
כִּי אִם עַל מִגְדָנוֹת
וְאֶשְׁפָּרִים...

ניט צוליב ברויט איז די מלחמה—צוליב צוקערלעקעכלעך...

640

לָמָה נִקְרָא שְׁמוֹ לֶחֶם?
— עָלָיו לָחֶם שְׂעֹרִים,
מָזוֹן? — קוֹרֵא לַזַיִן;
מֶשֶׁק? – עָלָיו יַחֲגוֹר בַּשֶׁק...

פאַרוואָס רופט זיך ברויט—לחם?— ווייל צוליב דעריין פירט מען מלחמה. פאַר-וואָס רופט זיך עס—«מזון»? (שפייז)— ווייל צוליב אים מוז מען אָנקומען צו כלי-זיין («מזון» און «כלי-זיין» זיינען פון זעלביקן אָפּשטאַם). פאַרוואָס רופט זיך עס «משק»? (פּראָוויזיע) — ווייל צוליב אים מוז מען זיך אָנגורטן מיט «נשק». (געווער).

641 ה כ ל «ל פ י».

לְפִי הַלֵב — הַכְּאֵב.
לְפִי הָאֱנוֹשׁ — הָעוֹנֶשׁ.
לְפִי הַגָמָל — הֶעָמָל. [1]
לְפִי הַמְכַבֵּד — הַמְכֻבָּד.
לְפִי הַיָכוֹל — הַמָחוֹל... [2]

וואָס פאַר אַ האַרץ, אַזאַ ווייטיק. וואָס פאַר אַ מענטש אַזאַ שטראָף. וואָס פאַר אַ קעמל אַזאַ משא. וואָס פאַר אַ פּרייז אַזאַ סוחר. וואָס פאַר אַ מכבד (אַ כבוד-געבער) אַזאַ מכובד (כבוד-נעמער). ווי מען קען, אַזוי טאַנצט מען...

---

1) ויש גם כזה: «העמל לפי הגמל, והשכר לפי העמל»... 2) בליטאית: „Kaip moka, taip šoka".

מִפִּי חֲכָמִים.

מ

642 מ א מ י ן.

הַמַּאֲמִין — שְׁאֵלוֹת
לֹא שָׁאַל,
הַבִּלְתִּי מַאֲמִין — כָּל
תְּשׁוּבָה לוֹ נִשְׁאֲרָה מָעַל...

דער וואָס גלויבט — פרעגט קיין קשיות ניט. דער וואָס גלויבט ניט — דאַרף קיין תירוצים ניט.

643

אַשְׁרֵי הַמַּאֲמִין כִּי עָשָׂה
כָּל מַה שֶּׁחֲשָׁבָהוּ,
וְחָשַׁב כָּל מַה שֶּׁעֲשָׂהוּ...

ווייל דעם וואָס גלויבט, אַז געטאָן האָט ער דאָס וואָס געטראַכט, און געטראַכט דאָס וואָס געטאָן...

644 מ ד ע.

הַמַּדָּע הִרְחִיב צַעַד,
וּפָרִים יֹאחֲזֵמוֹ רָעַד... [1]

ווייט פאָרויס איז די וויסנשאַפט אַוועק, אַזש אָקסן האָט אַרומגעכאַפּט אַ שרעק... (ז' באַמערקונג).

645 מ ה ת ל ה.

כָּל מַהֲתַלָּה אָרְכָּה מַשִּׂיגָה,
בְּמֻעוּטָהּ וּבְרִגְעָהּ... [2]

יעדער וויץ דערגרייכט זיין ציל, ווען צו דער צייט, און ניט צופיל...

646 מ ו ח.

כְּשֶׁהַמּוֹחַ עוֹבֵד בִּשְׁבִיל
אֶגְרוֹפֵהוּ,
הַמַּכֶּה הָרִאשׁוֹן יִהְיֶה
שִׂכְלֵהוּ...

אַרבעט דער מוח — לטובת זיין פויסט, וועט דעם ערשטן קלאַפּ באַקומען זיין שכל...

---

1) אנחנו נתמה על החפץ, בשעה שרואים אנו אי-התאמה בין המעשה והתוצאה שהיתה מחויבת לצאת ממנו. המלומד היוני הידוע, פיטגורוס, אחרי שעלה בידו להוכיח אמיתת התיאורימה המפורסמת שלו, העלה מאה פרים קרבן לאלהיו... 2) המהתלה יפה במיעוטה, ולא בשעה שהיא הולכת ונשנית, כי אז ניטלה חריפותה...

647 מ ו מ י ם.

הַמְחַפֵּשׂ מוּמִים יִמְצָאֵם,
וְלֹא מְצָאָם — יִבְרָאֵם...

זוכט איינער פעלערן, וועט ער זיי גע-
פינען: געפינט ער זיי ניט—וועט ער
זיי ש אַ פ ן...

648 מ ו ת.

כְּאוֹרֵחַ לֹא-קָרוּא
הַמָּוֶת יְשַׁחֵר,
וְכִי יִקָּרֵא — יְאַחֵר... [1]

ניט געבעטענערהייט קומט דער טויט,
רופט מען אים— לאָזט ער זיך לאַנג
בעטן...

649

אַל תַּאֲמִין בְּרֵעַ —
עַד יוֹם מוֹתְךָ,
בָּאִשָּׁה — בְּיוֹם מוֹתָהּ,
וּבְצֶאֱצָאֶיךָ — אַחֲרֵי מוֹתְךָ,

גלויב ניט דיין חבר — ב י ז דיין טויט,
דיין ווייב— אין ט אָ ג פון דיין טויט,
און דיינע קינדער — נ אָ ך דיין טויט...

650 מ ח ב א.

כְּסִיל בְּמַחֲבָאוֹ —
צוֹפֵן בַּשַּׂק מַרְצֵעַ... [2]

אַ נאַר פאַרבאַהאַלטן—אַן אָל אין אַ זאַק
פאַרבאַהאַלטן...

651 מ ח ו ל.

פּוֹתֵחַ כָּל אִישׁ
בִּמְחוֹלוֹ הַמְיֻחָד בַּחַיִּים,
וּבַמָּחוֹל הָאֶחָד לַכֹּל
הוּא מְסַיֵּם...

יעדער איינער הויבט-אָן זיין לעבן מיט
זיין אייגנאַרטיקן טאַנץ. אַלע פאַרענדיקן
עס מיט איין און דעם זעלביקן טאַנץ...

652 מ ח ו ק ק.

כָּל חָדָשׁ מְחוּקָק,
אֶת כָּל הַיָּשָׁן לֹא יְבוֹקֵק...

מען פירט ניט דורך אַ נייע אידייע אין לע-
בן, בלויז מיט פאַרניכטן אַלץ וואָס פון
פריער איז געווען...

---

1) ויש מבארים כך את הכתוב ב«איוב»: «המחכים למות ואיננו (בשעה שמחכים למות—איננו) ויחפרוהו ממטמונים» (ויש חופרים מטמונים ואינם חושבים כלל על המות, ימצאוהו אז...). 2) כדרך המליצה בפסוק «וכל צופניה צפן רוח»...

653 מ ח י צ ה.

אֵין רֵעוּת וּשְׂרָרוּת כְּאַחַת,
יְכוֹלוֹת לָדוּר בִּמְחִיצָה
אַחַת...

חבר און הערשער ווינען ניט צוזאַמען.

654 מ ח ס ו ם.

אֵין מַחְסוֹם לְמוֹ מַחֲשָׁבָה,
וְאֵין לוֹקֶה עַל שְׁאָבָה...

ניטאָ קיין שלעסער פאַר דער מחשבה,
און ניטאָ קיין שטראָף פאַרן וועלן...

655 מ ח ר.

אִם אָמַרְתָּ לְהֵיטִיב לְךָ
יוֹם מָחָר,
יוֹם אֶתְמוֹל כִּי עָבַר יִזָּכֵר...

וויל מען דעם מ אָ ר ג ן בעסער מאַכן,
מוז מען אויך דעם נ ע כ ט ן געדיינקען...

656 מ ח ש ב ה.

מִתְּחִלָּה מַעֲשֶׂה
וְאַחַר כַּךְ מַחֲשָׁבָה,
כַּמָּה הֵבִיא כְּבָר לִבְנֵי אָדָם
דְּאָבָה?

פריער געטאָן און נאָכהער געטראַכט—
וויפל פיין האָט עס שוין דעם מענטשן
געבראַכט?...

657 מ ח ש ב ו ת.

רַבּוֹת מַחֲשָׁבוֹת —
כְּמַעֲשֶׂה אֶחָד אֵינָן נָאווֹת. [1]

מחשבות אַ ס ך, זיינען נאָך ניט ווי א י י ן
אָפגעטאָנענע זאַך...

658 מ ט מ ו ן.

מַטְמוֹן — מִיַּד כָּל מִי
שֶׁחֲפָרוֹ,
דְּבַר אֱמֶת — מִפִּי כָּל מִי
שֶׁאֲמָרוֹ... [2]

אַן אוצר (נעם אָן)— פון יעדערן וואָס
גראָבט עס אויס, דעם אמת — פון
יעדערן וואָס זאָגט עס אַרויס...

---

1) כי טוב תמיד «סוף מעשה במחשבה תחלה»... ואמרו ג״כ «סוף מחשבה— תחלת מעשה»... 2) לפי אחדים זוהי כונת הכתוב: «אם תבקשנה ככסף (ר״ל, אם תבקש את האמת ככסף שאינך מקפיד על מי שממציאו לך) וכמטמונים תחפשנה (שאינך מבחין בין חופר לחופר ובלבד שימציאו לך)—אז תבין יראת ה׳»...

מַעֲשֵׂי פַחַז כַּמַּיִם,
כְּקֶצֶף עַל פְּנֵי הַמָּיִם...

די אַרבעט פון אַ מענטש — אַ וואַסער (אַ צעשוווּמענער מענטש...), איז ווי שוים אַפן וואַסער...

660

כּוֹתֵשׁ מַיִם לֹא יִדָּקְמוּ,
וּבִשְׁלָם — מַיִם יִשְׁתֵּמוּ... [1]

פון שטויסן ווערט דאָס וואַסער ניט די־נער, פון קאָכן — בלייבט עס אויך מערניט ווי וואַסער...

661

מַיִם אֵלֶּה עַל גַּבָּם
הֶעֱבִירוּ הָאֳנִיָּה,
מַיִם אֵלֶּה הוֹרִידוּהָ
מְצוּלוֹת בְּשִׁיָּה...

דאָס וואַסער האָט די שיף דורכגעפירט,
דאָס וואַסער האָט די שיף דערטרונקען...

662 מ י מ י ך.

וְהָיוּ מֵימֶיךָ בִּשְׁפָכִים,
בְּמָקוֹם שָׁם צְמָחִים...

דיין וואַסער גיס אויס אין אַן אָרט פון געוויקסן... (וועט דאַן אויך דאָס עצם אויסגיסן ברענגען אַ נוץ...).

663 מ י ת ר.

אַל תֶּרֶב תְּמַתַּח מֵיתָר
לְהוֹעִילוֹ,
טֶרֶם תֵּדַע מַה צְלִילוֹ...

צי ניט אָן צופיל אַ סטרונע, איידער דו ווייסט נאָך וואָס פאַר אַ קלאַנג זי גיט אַרויס...

664 מ כ ת ה.

מְכִתַּת חֶרֶס — הֶרֶס,
מְכִתַּת כֶּסֶף — תֵּאָסֵף... [2]

צעבראָכענע שטיקלעך שערבלעך — וואַרפט מען אַוועק; צעבראָכענע ברעק־לעך זילבער — קלייבט מען צונויף.

---

1) וזהו «אין תחת אין»... 2) כלומר, חרס שנשבר אין לו תקנה, מה שאין כן בכסף.

665 מ ל ה.

הַמִּלָּה, כֵּן דֵּעָה,
צִפּוֹר אֵינֶנָּה,
פָּרְחָה — לֹא תָשׁוּב
תְּצוּדֶנָּה... [1]

אַ וואָרט איז ניט קיין פויגעלע: אַרויס־געפלויגן — ווערסטו עס שוין צוריק ניט כאַפּן.

666 מ ל י ם.

כִּגְדֹל לַמִּלִּים כַּמּוּתָן,
תִּקְטַן אֵיכוּתָן...

וואָס גרעסער די ווערטער זיינען אין צאָל, אַלץ קלענער איז זייער ווערדע...

667 מ ל ח מ ה.

מִלְחֶמֶת הַדֵּעוֹת, וְלֹא
מִלְחֶמֶת בַּעֲלֵי הַדֵּעוֹת...

אַ קאַמף פון מיינונגען, און ניט אַ קאַמף פון די ב ע ל י מיינונגען... (פון די מענטשן, די טרעגער פון די מיינונגען).

668

לָשֵׂאת אִשָּׁה
כְּאִלּוּ לָצֵאת לְמִלְחָמָה,
בִּשְׁנֵיהֶם רַק מִשְׁגֶּה קַל,
וְאַחֲרִיתָם שְׁמָמָה...

נעמען אַ פרוי איז ווי גיין אויף מלחמה: אין ביידן, אַ קליינער פאַרזען, און מען איז פאַרפאַלן אויף אייביק...

669 מ ל ח מ ו ת.

לַמָּוֶת — סִבּוֹת נוֹדָעוֹת,
לַמִּלְחָמוֹת — הַתּוֹצָאוֹת...

דער טויט האָט זיינע סיבות, פון מלחמות — זעט מען נור די ר ע ז ו ל ־ ט אַ ט ן...

670 מ מ ו ן.

לְאִישׁ אִישׁ מְמוֹנוֹ —
אוֹ עַבְדּוֹ הַנֶּאֱמָן
אוֹ אֲדוֹנוֹ... [2]

ביי איינעם איז זיין געלט — אַ טרייער דינער, ביי אַ צווייטן — אַ האַרטער באַלעבאָס איבער אים...

---

1) וזהו, לפי דעת אחדים, פירוש הכתוב «ודבתך לא תשוב»... 2) הכסף עבד נאמן לפזרן ואדון קשה לכילי.

671 מ נ ה ג.

וְשַׁבֵּחַ אֲנִי אֶת הַמִּנְהָג,
אֲשֶׁר לֹא בְּשִׁגָּעוֹן יִנְהָג...

אויך אַ מנהג דאַרף קיין משוגעתן אין זיך ניט האָבן... (אַ נייע מאָדע באַרעכטיקט ניט קיינע ווילדקייטן...)

672 מ ס פ ר.

לְפִי מִסְפַּר שׁוֹמְעֶיךָ,
אַחֲרָיוּת דְּבָרֶיךָ.

וואָס פאַר אַ צאָל צוהערער דו האָסט, אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט טראָגסטו פאַר דיינע ווערטער...

673 מ פ ל ה.

מַחֲשֶׁבֶת לוֹחֵם עַל מַפַּלְתּוֹ—
מַפָּלָה מַנְחַלְתּוֹ...

אַ קעמפנדער פאַרלירט די מלחמה, אויב ער טראַכט, אַז ער וועט פאַרלירן די מלחמה...

674 מ ר ו ם.

מָרוֹם מְקוֹמָתוֹ כִּסְאֵהוּ,
כִּסְאוֹ מַשְׁפִּילֵהוּ...

איז אים צו הויך זיין שטול פאַר זיין וואוקס, וועט אים זיין שטול נידעריקער מאַכן... (בערנאַרד שאָו זאָגט: «וואָס העכער דער פעדעסטאַל איז, אַלץ נידעריקער פאַלט מען אַראָפּ פון אים»...).

675 מ ר ץ.

יַד הַפּוֹרֵץ (תִּכַּר)
לְפִי הַפִּרְצָה,
וְיַד הָעוֹבֵד לְפִי מִרְצָה.

די האַנט פון אַ ברעכער ווערט דערקענט לויטן אויפבראָך, און די האַנט פון אַרבעטער — לויט דער ערנסטקייט...

676 מ ש ג ע.

רָאִיתָ מְשֻׁגָּע – רַחֵם עָלָיו,
אֲבָל בַּל תָּסִיר
מֵעַל יָדָיו כְּבָלָיו...

זעסטו אַ משוגענעם — האָב רחמנות אויף אים, אָבער נעם ניט אַראָפּ די קייטן פון זיינע הענט.

677 מ ש ח י ת.

מִיַּד הַחָכְמָה אִישׁ מַשְׁחִית,
לוֹקֵחַ כְּלִי מַשְׁחִית...

פון דער חכמה'ס האַנט נעמט דער איש משחית (דער פאַרדאַרבער און צושטערער) אַ כלי משחית... (צערשטערונג-מיטלען).

678 מ ש פ ט.

אֶת עֲשׁוּק מִשְׁפָּט,
אֵין בִּשְׁפָּט... [1]

ביי אַ באַרויבטן פון געזעץ פאָדערט מען קיין געזעץ ניט (ז' באַמערקונג.)

679 מ ש ו ר ר.

הַמְשׁוֹרֵר רוּחַ דוֹרוֹ,
פּוֹרֵשׂ עַל כִּנּוֹרוֹ... [2]

דעם דיכטערס פידל שפּילט די מעלאָ-דיע פון דור.

---

2) מכיון שניטלו זכיותיו של אדם ניטלו גם התחיבויותיו ואחריותו. 2) וג"כ «יודע משורר נפש משורר». על דור «המאספים» אמר דליטש: «שירי ישראל הקד-מונים מימי הבינים הם עדות לישראל כי גם בשפלותו ובעבדותו היה בן חורין, כי אחרי נמכר, גאולה היתה לו בעולמו הרוחני; שירי עם ישראל בימי חירותו המדינית הם סימני עבדות בימי גדולתו ואשרו החמרי». (עפ"י ברנפלד).

מפּי העם.

680 מ א כ ל.

מַאֲכָל חָפַצְתָּ כִּי יִמְתָּקֶךָ,
אֱכוֹל מִמֶּנּוּ לֹא דֵי שָׂבְעֶךָ. [1]

ווילסטו, אַז אַ עסן זאָל דיר געשמאַק זיין, עס זיך ניט אָן ביז זאַט.

681 מ ג ר ע ו ת.

מִגְרְעוֹת רֵעֶךָ,
מִשְׁכִּיחוֹת מִגְרְעוֹתֶיךָ... [2]

דיין חבר׳ס פעלערן מאַכן פאַרגעסן ד י י נ ע פעלערן...

682 מ ג ר פ ה.

בְּרֶגֶל פָּגַעְתָּ
מַגְרֵפָה זוֹ עֲקֻלָּה,
גַּם הִיא תִּתַּר
מִמְּקוֹמָהּ בַּהֲמֻלָּה...

ווּעסטו אויף אַ קאָטשערע אַרויפטרעטן, וועט זי אויך פון אָרט אויפשפּרינגען.

683 מ ד ו ן.

לֹא טוֹב
הֱיוֹת רִאשׁוֹן לְמָדוֹן,
וְטוֹב רֵאשִׁית מָדוֹן
מֵאַחֲרִיתוֹ.

ניט גוט איז צו זיין דער ערשטער צום קריג. און בעסער איז דער ערשטער קריג ווי דער לעצטער.

684 מ ד ו ת.

גַּם הַמִּדּוֹת הַטּוֹבוֹת —
רַק בְּמִדָּה טוֹבוֹת...

אויך גוטע מידות זיינען גוט מיט אַ מאָס.

685 מ ו ם.

מוּם הַיּוֹפִי — הַגַּאֲוָה,
מוּם הַשֵּׂכֶל — הַתַּאֲוָה...

דער מום פון שיינקייט איז גאוה, דער מום פון שכל איז תאוה...

---

1) וזהו דיוק הכתוב: «דבש מצאת אכול דיך פן תשבענו והקאתו». 2) ג. א. «במגרעות רעך, זכור מגרעותיך».

686 מ ו ת.

הַיְּלָדוֹת תִּפְגּוֹשׁ בַּמָּוֶת,
וְהַזְּקֵנָה — עַל יָדוֹ נִצֶּבֶת...

יונגע קענען שטאַרבן, אַלטע מוזן שטאַרבן.

687 מ ז ל.

מַזָּל זֶה, צוֹרֶךְ הֱיוֹתוֹ,
גַּם בְּחַיָּיו שֶׁל אָדָם
וְגַם בְּמוֹתוֹ...

מזל איז נויטיק ביים לעבן און אויך ביים טויט.

688

עֵת הַמַּזָּל אָרְחוֹ יָרוּץ,
גַּם הַ„בַּטְלָן" סוֹחֵר חָרוּץ...

לויפט דער מזל פאָרויס, וועט אויך ליאַד אַ בטלן אַ טיכטיקער סוחר ווערן.

689 מ ח י ר.

אַל תֹּאמַר הַשּׁוּקָה צֵאת,
וּמְחִיר קָבַעְתָּ אַתָּה תֵּת...

מיטן אייגענעם מקח פאַרט מען אויפן יריד ניט אַרויס.

690 מ ח ל ה.

כָּל מַחֲלָה עֲצוּמָה —
וְלֹא הַמְּדֻמָּה... [1]

אַן איינריידעניש איז די ערגסטע קרענק.

691 מ ח ו ק.

טֶרֶם קַחְתְּךָ עֵט
עַל גִּלָּיוֹן לָחוּק,
הָכֵן לְךָ גַּם בַּמֶּה מָחוֹק..

איידער מען נעמט די פעדער אין האַנט, דאַרף מען אָנגרייטן דעם מעקער.

692 מ ט א ט א.

אֱלוֹהַּ כִּי יֹאבֶה,
גַּם הַמַּטְאֲטֵא רוֹבֶה...

אַז גאָט וויל, שיסט אויך אַ בעזים.

---

1) ג. א. «מבדות הלב אדם ידוכא, הרבה יתר ממכה בה הוכה»... בדות-בדים (איינריידעניש) מן השורש «בדה» על משקל «פדות».

693 מ ט ב ע.

יֵשׁ הִלְוָה מַטְבֵּעַ,
וְאִבֵּד רֵעַ...

מען פאַרלירט אַ מאָל אַ גוטן פריינט
ווען מען פאַרלייט אים אַ מטבע...

694 מ ט ה.

אִם מַטֶּה בְּיָדֶיךָ,
יִשָּׁמְעוּ דְּבָרֶיךָ...

אָן אַ שטעקן אין האַנט, וועט מען דיר
הערן ווי די וואַנט...

695 מ ט ר ה.

אָמְנָם מַטָּרָה אֵינָן הַמֵּאוֹת,
אֲבָל אֶמְצָעִי טוֹב,
לְכָל הַדֵּעוֹת...

קיין ציל זיינען טאַקע ניט די מאות,
(דאָס געלט), אַ גוטער מיטל אָבער—
לכל הדעות...

696 מ ל א ה.

מְלֵאָה הַשִּׁבּוֹלֶת,
כּוֹפֶפֶת הַגֻּלְגּוֹלֶת... [1]

אַ פולער זאַנג בויגט זיך אַראָפּ.

697 מלאך המות.

מַלְאַךְ הַמָּוֶת לְדַרְכּוֹ נִזְדַּיֵּן,
בְּ„לוּחַ" וּבִתְעוּדַת-לֵדָה
אֵינוֹ מְעַיֵּן... [2]

דער מלאך-המות אַף זיין וועג, רעכנט
זיך ניט מיט קיין «לוח» און מיט קיין
געבורט-שיין...

698 מ ל ק ו ת.

אָמַר יוֹסְקָא זְעִירָא:
אֱמֶת וְיַצִּיב,
סָפַגְתִּי מַלְקוֹת וְגַם רָבּוּ,
אֲבָל יְדֵיהֶם
שֶׁל הַמַּלְקִים צָבוּ...

ס'האָט אַ מאָל אַ באַוווסטער יאָשקע
געזאָגט: אמת ויציב, איך האָב טאַקע
געכאַפּט שמיץ, און גאָר ניט קנאַפּ, אָבער
די הענט פון די שמייסער זיינען גע-
שוואָלן געוואָרן...

---

1) מי שראשו נמלא תורה וחכמה אינו מתגאה. 2) האנגלי אומר: „Death knows no holidays" — המות אינו יודע מכל חג.

מִי אוֹהֵב הַמָּמוֹן,
אֵינוֹ אוֹהֵב הֶהָמוֹן.

האָט מען האָלט קאַפּיטאַל, האָט מען ניט האָלט דעם כּלל...

700

עַל מָמוֹן שֶׁאֵין לוֹ בְּעָלִים,
רַבּוּ הַבְּעָלִים... [1]

אויף געלט וואָס האָט קיין בעל־הבית ניט, געפינען זיך שוין איין אַ סך בעלי־בתים...

701 מנוחה.

אִשְׁתְּךָ „מְנוּחָה",
שִׁמְךָ „שִׂמְחָה"... [2]

הייסט דיין ווייב «מנוחה», הייסט דו «שמחה»... («מנוחה» איז אַ ווייבלעך אייגננאָמען און אויך — רואיקייט; «שמחה»... אַ מענלעך אייגננאָמען, און אויך — פרייד...)

702 מנין.

מִתִּשְׁעָה אֵילֵי כֶּסֶף,
„מִנְיָן" אֶחָד לֹא יֵאָסֵף...

פון ניין מיליאָנערן מאַכט מען קיין איין מנין ניט... (פון צען תּלמוד־תורה איינגלעך — יאָ...).

703 מנות עשרו.

מִמְּנוֹת עָשְׁרוֹ שֶׁל פְּלוֹנִי,
לֹא יֶחְדַּל הֶעָנִי...

פון ציילן יענעמס פאַרמעגן, ווערט מען ניט רייכער... (האַרצווייטאָג, אפשר, ווערט יע מערער...).

704 מעשים.

הַמַּעֲשִׂים צְנוּעִים,
הַמַּעֲשִׂים תַּעְתּוּעִים —
הַכֹּל לְפִי עוֹשֵׂיהֶם... [3]

מעשים זיינען מענטשישע, מעשים זיינען אוממענטשישע — ס'ווענדעט זיך נאָר ווער דער טוער איז...

---

1) בנגוד לכלל האומר: «אל תהי גזבר לממון שאין לו תובעים». 2) «מנוחה» שע"פ של נקבה, «שמחה» שע"פ של זכר, וכאן מובנים כשמות הפעולה. 3) שונה במקצת מן «מעשיך יקרבוך, מעשיך ירחקוך». כיוצא בזה ראה הפתגם «בגד» ערך «ב».

705 מפל-שלחנו.

שׁוּר! מִמַּפַּל-שֻׁלְחָנוֹ
שֶׁל גֶּבֶר עוֹנִי,
וּכְאַיִן נֶגְדּוֹ כָּל עָשְׁרוֹ
שֶׁל פְּלוֹנִי...

וואָס ביי אַן אָרימאַן פאַרוואַלגערט זיך,
פאַרמאָגט עס אַ מאָל דער גביר ניט.

706 «מפני-מה».

כָּל „מִפְּנֵי-מָה",
יֵשׁ לוֹ „מִפְּנֵי-שֶׁ"... [1]

יעדער «וואָרום» האָט זיין «דאַרום»...
(ד. ה. יעדע זאַך האָט איר סיבה).

707

הָאַהֲבָה,
אֵין „מִפְּנֵי-מַה" בָּהּ ... [2]

ליבע איז אָן סיבה... (ס'ליבט זיך אָן
אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוועָן...).

708 מפרסם.

גַּם בְּהֵחָבְאוֹ אֶל הַכֵּלִים,
הַמְפוּרְסָם – יְפוּרְסָם...

ווי ס'זאָל זיך ניט דער מפורסם אויס-
באַהאַלטן, וועט מען אים אַלץ געפינען...

709 מקל.

בְּמַקֵּל חוֹבְלִים
רוֹעֶה צֹאנוֹ יַבְרִיחֵמוֹ.
וּבְמַקֵּל נוֹעַם יְקַבְּצֵמוֹ...

מיט שטרייינגקייט פאַריאָגט דער פאַס-
טוך (הירט) זיין שאָף, מיט ליבשאַפט
קלייבט ער זיי צונויף...

710 מרגליות.

אִם מֵפִיק מַרְגָּלִיּוֹת הַפֶּה,
אֵין עֲדַיִן מוּכָח
שֶׁיֵּשׁ גְּרִיסִין לָזֶה...

אויב דאָס מויל שיט פערל, איז נאָך
ניט געדרונגען, אַז ער פאַרמאָגט אויך
גרויפּן...

---

1) במובן «לכל מסובב יש סבה». 2) וכמה עלובה היתה אותה אהבת יצחק לבנו עשו, שהוכרח הכתוב לתת לה טעם: «ויאהב יצחק את עשו בנו כי ציד בפיו»..

711 משכון

מַשְׁכּוֹן בַּכַּף,
שָׁלוֹם עַל הַסַּף...

אַ משכון אין די הענט — שלום צווישן די ווענט...

712 משל.

יִמְשׁוֹל בְּךָ אוֹיִבְךָ,
וְלֹא אִשְׁתְּךָ...

זאָל געוועלטיקן איבער דיר דיינער אַ פיינט, און ניט דיין ווייב...

713 מתנה.

הוֹ, מַתְּנַת בָּשָׂר וָדָם
מַה-קְּטוּנָּה,
וְכַמָּה מְרֻבֶּה הוּא בִּזְיוֹנָהּ!

דעם מענטשנס מתנה ווי קליין איז זי, און ווי גרויס איז דער בזיון פון איר!

714 מתר בהנאה.

אִם שְׁמוֹ ר׳ בְּנָאָה,
הֲרֵי קְדֵרָתוֹ
מֻתֶּרֶת בַּהֲנָאָה...

הייסט ער ר׳ מענדל, מעג מען עסן פון זיין פענדל...

ממדרש עם.

715 מאמין.

יָגַעְתִּי וּמָצָאתִי —
אַשְׁרֵי הַמַּאֲמִין... [1]

«איך האָב זיך געמיט און געפונען»— וויל איז דעם וואָס גלויבט עס... (ז׳ באַמערק.).

716 מבזבז.

הַמְבַזְבֵּז יֹאכַל פִּתּוֹ:
שַׁחֲרִית מִתּוֹךְ עוֹשֶׁר,
צָהֳרַיִם מִתּוֹךְ חוֹסֶר,
עַרְבִית מִתּוֹךְ כִּשָּׁלוֹן,
וְיִשְׁכַּב מִתּוֹךְ נֶגַע וְקָלוֹן...

דער פאַרשווענדער עסט פרישטיק מיט רייכקייט, מיטאָג מיט מאַנגל, אָוונט-ברויט מיט שוואַכקייט, און לייגט זיך שלאָפן מיט בזיון...

717 מדרש.

לֹא הַמִּדְרָשׁ עִקָּר,
אֶלָּא לֶחֶם כִּכָּר.

ניט דעם מדרש (דאָס דרשנען) איז מען אויסן — אַ לאַבן ברויט אַ גרויסן...

718 מה יעשה הבן?

מַה־יַּעֲשֶׂה הַבֵּן שֶׁלֹּא יֶחֱטָא?
וְאַתָּה, רבו״שע, לֹא הָפַכְתָּ,
תֵּת הַגֵּיהִנּוֹם נֶגֶד הָעֵינַיִם,
וְהַ״יֵּצֶר הָרָע״ בַּשָּׁמַיִם?... [2]

ווי, טאַטעניו, זאָל דען דער זון ניט זינדיקן? — אַז די עצם מעשה האָט דאָ געדאַרפט זיין גאָר פאַרקערט: דעם גיהנום האָסטו געדאַרפט אַוועקשטעלן אַנטקעגן די אויגן, און דעם «יצר-הרע» — אין הימל!... (ז׳ באַמערק.).

---

1) לפנים אמרו: «יגעתי ומצאתי תאמין», והיום אומרים: «אשרי המאמין», כלומר, הדבר תלוי באמונה ורשאי אתה גם לא להאמין, כי המעשים מטפחים על הפנים: מי שלא יגע — מצא, והיגע, ואין בידו מאום 2) כך הצטדק והתנצל פעם בן אחד שחטא והוריו התאוננו עליו והוכיחוהו, שבעד מעשיו אלו סופו לגיהנום, לאותו הגיהנום המתואר בפרוטרוט בספר «ראשית חכמה», והבן טען, שאלמלי היה להפך, כלומר, היצר הרע לא בלבו אלא בשמים, והגיהנום לא בשמים אלא נגד עיניו תמיד, לא היה חוטא...

בְּלָא אַסְתְּרָא בְּלָגִינָא,
מַאי אַהֲנֵי בֵּי-דִינָא?... [1]

אַז ס׳ איז ניטאָ די מטבע, העלפט אַפילו קיין בית-דין אויך ניט...

720 מה שאתה מוצא.

מַה שֶּׁאַתָּה מוֹצֵא בְּמֶרְחָץ
„קַבְּצַנְסְק" עַל הָאִצְטַבָּה,
אַתָּה מוֹצֵא הָאִידְנָא,
בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת
עַל אֶרֶץ רַבָּה... [2]

דאָס וואָס אין «קאַבצאַנסק» זעט מען מערניט ווי אין באָד אויפן פּאָל, זעט מען שוין היינט אין די גרויסע שטעט אויף אַלע הויפּט-גאַסן... (ז׳ באַמערק.).

721 «מ ו ד ה».

יֵשׁ אִוֶּלֶת אֱוִיל בִּיסוֹדָהּ,
שֶׁסּוֹפָהּ — הַ„מוֹדָה"...

פון אַ צופעליקער שטותעריי קומט אויך די «מאָדע» אַרויס...

722 «מוכן ומזומן».

„הֲרֵינִי מוּכָן וּמְזֻמָּן",
פֵּרוּשׁוֹ: אַחֲרֵי מְנוּחוֹ יְאֻמָּן. [3]

«הריני מוכן ומזומן» איז דער פשט: אַ מצוה טאָן דאַרף מען זיין געגרייט ניט דווקא ביז דער קעשענע, נאָר אַפילו אויך, אַז ס׳קומט אויס צו צאָלן מיט «מזומן»...

---

1) ומרגלא בפומא דאנשי: «אין לי איז אַ טענה ביי בית-דין»... באנגלית מעין זה: „What use of crying if the milk is spilt" ובתלמוד בענין ב״ד: «בת דינא בטל דינא» 2) «קבצנסק» — שם כינוי, עפ״י, ממו״ס לכל עירה נדחת שבני ישראל נחתים שם: בקבצנסק אתה מוצא גויות ערמות אלא במסותא. ובכרכים כבר אתה מוצא ערומות למחצה לשליש ולרביע בראשי הומיות, על גפי מרומי קרת... עפ״י ש. אַש. 3) גאון אחד נשאל, מפני מה אנו אומרים לפני עשית מצוה «הריני מוכן ומזומן וכו׳, גם «מוכן» וגם «מזומן», וענה: כי יש אנשים ה«מוכנים« לעשות מצוה רק עד אשר הם מגיעים ל«מזומנים», ולפיכך אנו אומרים כאן «מוכן ומזומן» — מוכן לעשות המצוה אפעפ״י שיהא עלי לשלם בעדה...

723 מ ו ת.

שֶׁבַע שָׁנִים הָיָה הַמָּוֶת
בְּגֵיא צַלְמָוֶת,
וְאָדָם לְלֹא-עֵת,
לֹא מֵת...

זיבן גאַנצע יאָר האָט דער טויט איבער דער שטאָט געפּאָכעט, און אַ מענטש אָן זיין צייט איז ניט געשטאָרבן...

724 מ ו ת ר.

מוֹתַר הָאָדָם מִן הַבְּהֵמָה —
הַדִּבֵּר יָפִיקָה,
וּמוֹתַר הָאָדָם מִן הַכְּסִיל —
הַשְׁתִיקָה...

אַ מענטש שטייט העכער פון דער בהמה — מיט זיין ריידן; אַ מענטש שטייט העכער פון דעם נאַר — מיט זיין שווייגן...

725 מ ז ו נ ו ת.

מֵראש-הַשָּׁנָה קְצוּבִים לוֹ
מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם,
וּלְהַשִּׂיגָם אִם לֹא עָמַל,
יַחְטְפֵם אַחֵר כִּי קָדַם..

דעם מענטשנס שפּייז אויפן יאָר ווערט אים באַשטימט אום ראש-השנה; וועט ער זיך אָבער ניט מיען צו באַקומען דאָס, וועלן עס אַנדערע אַרויסכאַפּן...

726 מ ז ל.

„הַכֹּל תָּלוּי בַּמַּזָּל" —
זֶה קָשׁוּר לוֹ בִּשְׂעָרָה,
וְזֶה בַּעֲבוֹת הָעֲגָלָה;
הָרִאשׁוֹן נִגְדַּע חִישׁ וְאָזַל,
וְהַשֵּׁנִי הָלוֹךְ יֵלֵךְ וְעָלָה...

„אַלע היינגען אָפּ פון מזל": איינער איז אָנגעהאַנגען אויף אים מיט אַ האָר, און אַ צווייטער — אויף אַגראָבע לייצע פון אַ וואָגן; ווערט אַ מאָל טאַקע דער ערשטער גלייך אָפּגעריסן פון אים, און דער צווייטער שטייגט אַלץ העכער...

727

הוֹ, מַזָּל, מַזָּל!
יֵשׁ בָּא רַגְלִי יָחֵף,
וְעַל סוּסִים רַבִּים,
מְרוֹם מוֹשָׁב הֱרִימוֹ,
וְיֵשׁ הַדּוֹר
בַּכִּרְכָּרוֹת וּבַצַּבִּים,
וְעַל רַגְלָיו הֱקִימוֹ... [1]

אָי, אַ קווינט מזל! — קומט איינער צו גיין אַ באָרפוסער צופוס, און כאַפּט זיך אַרויף מיט אים אויף די שענסטע פערד, און אַ צווייטער קומט אין קאַראַטן צו פאָרן און «ווערט געשטעלט צוריק אויף זיינע פיס» (צופוס...) אויף דער ערד.

728

„אֵין מַזָּל לְיִשְׂרָאֵל" —
כָּל הַסּוֹמֵךְ עָלָיו יוֹאֵל,
וְהוּא —
בִּזְכוּת עֲבוֹדָה יִגָּאֵל... [2]

«ניטאָ קיין מזל ביי אידן» — פאַרלאָזן זיך אויף מזל איז נאַריש. מיט אַרבעט גייט מזל...

729 «מ ז ו מ ן».

אֵין בּוֹדְקִין
לְבַעַל מְזוֹנוֹת
וּלְכַוָּנָתוֹ עִמּוֹ, —
יַאֲכִיל אֶת הֶעָנִי וְלוּ רַק
לְ„מְזֻמָּן" לְהַשְׁלִימוֹ... [3]

מען גריבלט זיך ניט אין דער כוונה פון יענעם. ווער עס גיט עמיצן אָפּצועסן, — מאַכט ניט אויס, וואָס ער זאָל מיינען דערביי, אַפילו מערניט אַ«מזומן» צום בענטשן מיט אים צו מאַכן...

---

1) מספרים על הסופר והעסקן הציוני, הלל זלטופולסקי, בשנות המלחמה העולמית בנה עולמות במסחרו הרב שפרץ בארץ והחריבם, ומקורביו אמרו לו: הנח עסקיך כאן בגולה ועלה לא"י, מפני שכאן עסקיך «מורידים» את ה«פריצים» מעל סוסיהם ומכריחים אותם ללכת רגלי, ומגבירים עליך כעסם של שונאי ישראל...
2) בכח העבודה לשנות את המזל, להכין צעדיו ולהטותו אל כל אשר תחפוץ...
3) והדין בתלמוד: «מצוות אינן צריכות כונה»...

„גַם אֱוִיל מַחֲרִישׁ
לְחָכָם יֵחָשֵׁב",
וְחָכָם מַחֲרִישׁ,
יֵשׁ וְשׁוֹטֶה יֵחָשֵׁב...

«אויך אַ נאַרן ווען ער שווייגט האַלט מען פאַר אַ קלוגן». אַ חכם אַז ער שווייגט, האַלט מען אים אַמאָל פאַר אַ שוטה...

731 מ ט א ט א.

אִתְּמַר:
מַטְאֲטֵא וְגֶבֶר-סְמַרְטוּט
כְּאֶחָד נִפְקָדִים:
שְׁנֵיהֶם מִן הַמְכַבְּדִים
וְאֵינָם מְכֻבָּדִים.

זאָגט די וועלט: אַ בעזים און אַ מענטש-אַ שמאַטע האָבן ביידע דיזעלביקע ווערדע: ביידע פוצן אַנדערע, און אַליין בלייבן זיי שמוציק...

732 מ ט ב ע.

עֲגֻלָּה הִיא
הַמַּטְבֵּעַ הַמְצַלְצֶלֶת,
וְלֹא תָּמִיד לִמְקוֹמָהּ
הָרָאוּי מִתְגַּלְגֶּלֶת...

קיילעכדיק איז די קלינגענדיקע מטבע, ניט אַלעמאָל אָבער קייקלט זי זיך צו צום פּאַסיקן אָרט...

733

מַטְבֵּעַ שֶׁל הַנּוֹעַר:
מוֹץ יְסוֹעֵר, מִצַּד זֶה,
עֶצֶם הַשָּׁמַיִם לָטֹהַר,
מִצַּד זֶה... [1]

די מטבע (עמבלעם) פון דער יוגנט-צייט איז: אַ קאָרן-פּלעווע (אַ הייטל), וואָס טראָגט זיך מיטן ווינט אַוועק — פון איין זייט; אַ זילבער-לויטערער הימל — פון דער צווייטער זייט... (ז' באַמערק.).

1) «די יוגנט-צייט — אמר משורר יהודי — איז אומריין-ריין»... תכלת שמים, עושר חלומות, תום, סנטימנטליות, אמונה בכל וכו' מצד זה' רגשות חיתו טרף, קנאה, שנאה, סדיזם וכו' מצד זה... פרדריק לעמבערט, סופר צרפתי, מתאר תקופת הנעורים בדברים כאלה: «ימי הנעורים הם תקופת זהב אבל גם יחד עם זה הרת מתלאות. זוהי השעה שכלי-הזמר של תזמורת החיים מתכונים, והצלילים היוצאים מתוך האינסטרומנטים הללו אינם מתוקנים עדיין כל צרכם ומשוללי הרמוניה. התזמורת כולה היא עכשיו במצב «התנגננותה» (צוזאַמענשפּיל) ו«התהרמנותה», ורק יחידי סגולה מאושרים, זוכים ליהנות מיפיה, אפילו מתוך הצלילים הצורמים הללו. הקונצרט האמתי של החיים מתחיל כשכל התזמורת מנגנת ביחד, כשכלי-הזמר הולכים ושופעים ושופכים את קולותיהם כל צרכם, ואז מרגישים במוסיקה האמתית»..

734

מַטְבֵּעַ שֶׁל יִשְׂרָאֵל בַּגּוֹלָה:
מַלְאָךְ „כַּאנִיאֵל"
בְּפִיו שְׂפַת „אִידִית" מִכַּאן,
מַלְאָךְ „תַּמְנִיאֵל"
בְּיָדוֹ קַרְקַע „עִידִית"
מִכָּאן... [1]

די אידישע מטבע (עמבלעם) אין גלות איז: דער מלאך «כאַניאל» («דאָאיקייט») מיט דער שפּראַך «אידיש» אין מויל — פון איין זייט; דער מלאך «תמניאל» («דאָרטיקייט» - ארץ - ישראל») מיט אַ שטיקל באָדן «עידית» (דאָס בעסטע פון דער קרקע) אין האַנט — פון דער צווייטער זייט... (ז׳ באמערקונג)

735 מ י ת ה.

אָמַר מַר:
אֵיזוֹהִי מִיתָה בִּנְשִׁיקָה?
כָּל שֶׁנְּשִׁיקָתוֹ
לַחֻפָּה מַזִּיקָה...

וואָס איז עס, וואָס מען רופט — אַ «מיתה בנשיקה»? (אַ טויט דורכן קוש) — אויב זיין קוש צווינגט אים צו דער חופה גיין...

736 מ ל א ך.

אַל יְהִי הָרַב
בְּעֵינֶיךָ כְּמַלְאָךְ,
וְכָל מִגְרַעַת יְלוּד-אִשָּׁה בּוֹ,
אַתָּה סַלָּח...

האַלט ניט דעם רב ווי אַ מלאך, וועסטו אים מוחל זיין דעם פעלער פון אַ ילוד-אשה... (פון אַ פשוטן מענטש).

737 מ ל א כ ה.

אֱהַב אֶת הַמְּלָאכָה,
וְקַלָּה לְךָ הַמְּלָאכָה... [2]

ל י ב די מלאכה, וועט דיר לייכט זיין די מלאכה...

---

1) רמז למלחמת הדעות בישראל בשנות השלושים למאת העשרים: הציונים ראו גאולתו של ישראל בגאולת ארצו, בהחיאת שפתו וכו׳ והם נשאו עיניהם רק לעבר «שם»... («דאָרטיקע»), ומתנגדיהם אמרו, שעיקר עבודתנו ל«כאן» («דאָאיקע») והשפה המדוברת «אידית» היא שפתנו. 2) להדגיש כאן את המלים «א ה ב» «ו ק ל ה».

מ ל ה.

לאַ כָל מִלָּה בַּלֵּב תִּשָּׁמֵר —
לְהֵאָמֵר,
לאַ כָל נֶאֱמֶרֶת —
לָעֵט עוֹפֶרֶת,
לאַ כָל כְּתוּבָה —
לִדְפוּס תּוּבָא,
לאַ כָל בִּדְפוּס נְתוּנָה —
קְרִיאָה טְעוּנָה...

ניט יעטווידער וואָרט דאַרף ווערן אַרויסגעזאָגט, ניט יעטווידער אַרויסגעזאָגט וואָרט דאַרף ווערן פאַרשריבן, ניט יעטווידער פאַרשריבן וואָרט דאַרף ווערן געדרוקט, ניט יעטווידער געדרוקט וואָרט דאַרף ווערן געלייענט.

739

מ מ ו ן.

„רֵיחַ מָמוֹן חָסֵר",
וְאַף מִיַּד יְהוּדִי לאַ יֵאָסֵר.. [1]

«געלט האָט קיין ריח ניט»—מען קען עס אויך פון אַ אידן נעמען... (ז' באַמערק.).

740

מ נ ה.

„מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ מָנֶה",
יְכַבֵּד גַּם עַל שֶׁקָּרָא
וְשָׁנָה... [2]

דער וואָס האָט געלט, דער ווערט אויך געערט פאַר זיין בילדונג... (ז' באַמערק.).

741

מן «וכך היה אומר».

מִן „וְכַךְ הָיָה אוֹמֵר"
עַד "וְכַךְ הָיָה מוֹנֶה" —
רַב הַדֶּרֶךְ,
וִיהוּדִים, בֵּינָתַיִם,
כּוֹרְעִים בֶּרֶךְ... [3]

פון «וכך היה אומר» ביז «וכך היה מונה» איז ווייט, און, בינתים, פאַלן אידן «כורעים»... (ז' באַמערק.).

---

1) מעין התלמודי: «מלח ממון חסר». שגור גם כזה באידית: «דער איד איז טרייף, זיין גראָשן איז כשר»... 2) פרודיה על המאמר «מי שיש לו מנה רוצה מאתים». כי מי שאין לו מנה (כסף), אפע"פי שקרא ושנה ושימש ת"ח הרבה, כל חכמתו מאפע ולא יחשבוה לו... 3) בסדר ה«עבודה» שליוה"כ, בין הפסוקים של «וכך היה אומר» «וכך היה מונה» נופלים «כורעים»... וההלצה היא כאן, שמזמן האמירה וההבטחה לשלם את החוב עד הפרעון, השעה שצריך למנות «מזומנים» ממש — רב הדרך, ויהודים, בינתים, נופלים על פניהם, כלומר, פושטים את הרגל...

742 מנול.

„פֶּגַע בְּךָ מְנֻוָּל, לב"ה מָשְׁכֵהוּ", אֲבָל הִזָּהֵר שֶׁלֹּא יְנַוְּלֵהוּ...

«באַגעגנט דיר דער מנוול, פיר אים אין בית-מדרש אַריין» — גיב אָבער אַכטונג ער זאָל דעם בית-מדרש ניט באַשמוצן...

743 מספיקין.

הָאוֹמֵר:
אֶחְיֶה בִּשְׁבִיל שֶׁאוֹכַל,
אֵין מַסְפִּיקִין בְּיָדוֹ
לֹא לֶאֱכוֹל וְלֹא לִחְיוֹת... [1])

ווער ס׳ זאָגט: «איך וועל לעבן כדי איך זאָל עסן», דער וועט ניט צוקומען ניט צום עסן און ניט צום לעבן..

744 מעלות.

מִן הַמַּעֲלוֹת שֶׁמָּנוּ חֲכָמִים
בַּ„מִין הַיָּפֶה":
יֵשׁ בְּתוּלָה, מְשׁוּלָה,
לְחֶמְדָּה גְנוּזָה,
שֶׁנִּבְרְאָה לְשֵׁם נוֹי בִּלְבַד;
וְיֵשׁ בְּתוּלָה, מְשׁוּלָּה,
לִמְזוּזָה —
שֶׁמִּצְוָה לְנַשְּׁקָהּ מִיָּד...

פון די מעלות וואָס חכמים רעכענען אויס אין דעם «שיינעם געשלעכט»: פאַראַן אַ בתולה, וואָס איז כולה שאַץ, געשאַפן בלויז פאַר דער הנאה פון אויג, און פאַראַן אַ בתולה, וואָס איז כולה — מזוזה, ווען ס׳ איז אַ מצוה צו קושן...

745 מצא.

„וּמְצָא חֵן וְשֵׂכֶל טוֹב" —
וּמִי פֶּתִי, הַגֵּד,
אִבְּדָם בָּרְחוֹב?...

דער פסוק זאָגט: «געפין אויס חן און גוטן שכל» — פרעגט זיך: און ווו איז דער נאַר וואָס האָט עס פאַרלאָרן?...

---

1) ונראים דברי בעל «החפץ חיים» ז"צל שהמליץ בכתוב: «זכרנו לחיים, מלך חפץ בחיים» — נא תזכרנו לחיים כאלה, ש א ת ה, מלכנו, חפץ בהם...

746

ו„מְצָא חֵן וְשֵׂכֶל טוֹב" —
וְלֹא מְצָאתָם — גְּנוֹב...

«געפינן חן און גוטן שכל», און געפינ-סטו ניט — גנבע עס פון אַנדערע...

747

אַשְׁרֵי אָדָם
מָצָא חָכְמָה וְשִׁחֲרָהּ,
כִּי לִקְנוֹתָהּ רָחוֹק מִכְרָהּ...

«ווייל דעם מענטשן וואָס האָט געפונען חכמה ווייל קויפן עס פאַר געלט קען מען ניט...

748

„כַּבִּיר מָצְאָה יָדוֹ" — קְרָא,
עַל מִי שֶׁבְּאַבְּדוֹ לָמַד-מָה...

ווען ביים פאַרלירן עפּעס, האָט מען אויסגעלערנט עפּעס, הייסט, עס אַז מען האָט אַ סך גפונען...

749

מִלְּפָנִים לְחַפֵּשׂ אֲתוֹנוֹת
שָׁאוּל יָצָא,
וּמְלוּכָה מָצָא,
וְחָכָם כַּיּוֹם
עַד אֲתוֹנוֹת לֹא מָצָא,
לְחַפֵּשׂ מְלוּכָה לֹא יָצָא...

פאַרצייטן איז שאול געגאַנגען זוכן אייזלען, האָט ער די מלוכה געפונען, היינט איידער מען געפינט אויס די אייז-לען גייט מען קיין מלוכה ניט זוכן...

750

מ צ ו ה.

אִם הַ„מִּצְוָה" בָּאֲדָמָה,
„הִדּוּר מִצְוָה" לָמָּה?...

ליגט די ע צ ם מצוה אין דער אדמה, טאָ צו וואָס טויג דאַן דער «הידור-מצוה?»... (דער פּוץ אַרום דער מצוה. ז' באַמ.).

1) כי הדיוטים, כידוע, מדקדקים ב«הדור מצוה» יותר מבמצוה...

751 מצוות.

הַמִּצְוֹת שֶׁהֶחֱזִיקוּ בָהֶן הַמִּינִים, הַרְבֵּה מְדַקְדְּקִין בָּהֶן יוֹתֵר מִן הַמַּאֲמִינִים...

די מצוות פון וועלכע אַפּיקורסים האַלטן, (למשל, עסן ערב יום-כפור די סעודה המפסקת, ניט לייגן קיין תּפילין אום תשעה-באב, און ניט לייענען «קריאת-שמע» די ערשטע נאַכט פּסח) היטן זיי נאָך שטאַרקער פון גלויביקע...

752 מצלה.

אִלְמָלֵי זָכוּ אָז בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, בְּשָׁעָה שבי״המ הָיָה קַיָּם, הָיְתָה נִתְלֵית לוֹ לבי״המ מְצִלָּה בְּגַגּוֹ, כְּדֵי לְצַלְצֵל בּוֹ בִּשְׁעַת חַגּוֹ, וּבְיָדֵינוּ הָיְתָה עַכְשָׁיו מַסֶּכְתָּא אוֹ מְגִלָּה בְּשֵׁם "מְצִלָּה"...

וואָלטן אידן ווערט געווען דאַן ווען דער בית-המקדש איז נאָך געשטאַנען, וואָלט מען דאַן אַ גלאָק אויפגעהאַנגען אויפן דאַך פון ביה״מ, כּדי צו קלינגען מיט אים בשעת אַ יו״ט. און מיר וואָלטן איצטער געהאַט אַ «מסכתא גלאָק»...

753 מקום.

יֵשׁ מְקוֹמוֹ לְפִי מַעֲשָׂיו, וְיֵשׁ מַעֲשָׂיו לְפִי מְקוֹמוֹ; יֵשׁ יוֹמוֹ לְפִי דַעְתּוֹ, וְיֵשׁ דַּעְתּוֹ לְפִי יוֹמוֹ...

פאַראַן אַן אָרט לויט די מעשים, און פאַראַן מעשים לויטן אָרט; פאַראַן אַ טאָג לויט דער מיינונג, און פאַראַן אַ מיינונג לויטן טאָג...

754

אָכֵן, לֹא זֶהוּ מְקוֹמָם,
אֲשֶׁר בְּנֵי-אָדָם מְמִירִים,
אִם בִּצְדָקָה
עוֹסְקִים עֲנִיִּים יוֹמָם,
וּבִקְרִיאַת „תְּהִלִּים" —
הָעֲשִׁירִים... [1]

ווירקלעך, ניט ד אָ ס הייסט דאָס ריכ־טיק אָרט, אַז גבירים זאָלן ביי טאָג זיצן און זאָגן «תהילים», און אָרימעלייט זאָלן זיך עוסק בצדקה זיין...

755 מ ק ר י ם.

מִקְרֵי תֵבֵל —
אוֹתִיּוֹת בּוֹדְדוֹת נִפְזָרוּ,
בְּיַד חָכָם לְפִתְגָּם
שָׁלֵם חֻבָּרוּ...

די וועלט-פּאַסירונגען—דאָס זיינען צע־שפּרייטע אותיות, און אונטער דעם חכמ׳ס האַנט ווערן זיי אַלס אַ גאַנץ שפּריכ־וואָרט צוזאַמענגעזעצט...

756 מ ק ש ן.

„סְתָם מַקְשָׁן עַם-אָרֶץ",
סְתָם „מֵשִׁיב" —
שׁוֹטֶה וְעַם-אָרֶץ...

«אַ סתם מקשן (וואָס האַלט אין איין פרעגן קשיות) איז אַן עם—ארץ», אַ סתם ענט־פערער איז אַ שוטה אויך דערצו...

757 מר-בר-רב-אַשי.

יֵשׁ וְגַם מַר-בַּר-רַב-אַשִׁי,
לֹא דָק פּוֹרְתָא
בְּפָסוּק „רַשִׁ"י"... [2]

ס׳ טרעפט אַמאָל, אַז אַ «מר-בר-רב-אַשי» אַליין, כאַפּט ניט אַ פּשוטע שטיקל רש״י... (ז׳ באַמ.).

---

1) תפקידם של הגבירים לתת צדקה ביום, ועשיר המונע עצמו מן הצדקה באמצע היום והולך ויושב בביה״מ וקורא «תהילים». עליו הכתוב אומר «וגזלת העני בביתו»..
2) מעין «לפום חורפא שבשתא»...

758 מ ר מ מ ו ת.

„אִשָּׁה רָעָה מַר מִמָּוֶת",
כִּי הַמָּוֶת פּוֹדֶה מָנָה חַיָּתוֹ,
וְהִיא–מְבִיאָתוֹ... [1]

«אַ שלעכטע פרוי איז ביטערער פון טויט», ווייל דער טויט באַפרייט דעם מענטשן פון איר, און זי ברענגט אים...

759 מ ש ב ר.

מֵאֵימָתַי קוֹרְאִים –
„מַשְׁבֵּר?"
מְשֻׁגַּע כְּבָר בְּנֶפֶשׁ
„תַּשְׁבֵּ"ר"... [2]

פון ווען-אָן רופט זיך שוין דער אמתער קריזיס? — ווען ס'האָט שוין אָנגערירט אַזש די תינוקות של בית רבן. (קינדער אין די שולן ... ז' באַמ.).

760 מ ש ג ע.

ר"ת שֶׁל „מְשֻׁגָּע" —
הֲשָׁמַעְתָּ?
— מִ*י שִׁ*לֵּם גְּ*מַ"ח עַ*תָּה!.. [3]

האָסטו אפשר געהערט דעם ראשי-תיבות פון וואָרט «משוגע?» — דאָס מאַכט: «מי שלם גמ"ח עתה... (ווער צאָלט עס היינטיקע צייטן אַ גמילות-חסד?,..)

761 מ ש ו ר ר.

אִתְּמַר,
דֶּרֶךְ הַמְשׁוֹרֵר בְּבְלוֹרִית,
וְדֶרֶךְ הַבְּלוֹרִית –
בְּבוֹרִית... [4]

זאָגט די וועלט: יעדער דיכטער דאַרף האָבן אַ שעוועליור, (לאַנגע האָר). יעדע שעוועליור דאַרף האָבן זייף... (ז' באַמ.).

---

1) ואמרי אינשי ג"כ: «יש ושבח אני גט מנישואים, משום שיש בו מפדיון שבויים... (לפעמים האיש והאשה שבויים זה ביד זו, והגט מתיר אסורים... 2) כל כובד המשבר מורגש, בשעה שכבר ננעצה חרבו בבית-ספרם של תינוקות שאינו יכול להחזיק מעמד ולהתקיים. 3) כך ענה בימים האלה, בימי המשבר הכלכלי, אחד לבעלי-חובותיו שבא לדרוש נשיהו מידו.. 4). ד. פרישמן. הני משורריא, מכיון שגדלה להם בלורית, רוצים הם לפתות את עצמם ואת האחרים, שהם כבר משוררים בחסד עליון והכל חיבים בכבודם, וההלצה מיעצת להם שירבו להם בורית וירחצוה היטב...

הָהּ, מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד
לָמָּה פִּגֵּר?
— אוֹ הַמָּשִׁיחַ עִוֵּר
אוֹ חֲמוֹרוֹ חִגֵּר... [1]

געוואַלד. וואָס זאַמט זיך אַזוי דער מלך המשיח?— אָדער ער אַליין איז בלינד, אָדער זיין אייזעלע הינקט-צו. (ז׳ באַמ.)

763

מִקּוֹל הֲמוֹנָם שֶׁל חוֹבְקֵי-יַד
מַרְבֵּי-שִׂיחַ,
יִפְחַד פַּחַד גַּם מֶלֶךְ
הַמָּשִׁיחַ... [2]

פון דעם געפּילדער פון די אַלע פּוסט- און פּאַסטניקעס (וועלכע טוען גאָרניט און האַקן כסדר אַ טשאַיניק...) שרעקט זיך אויך דער מלך המשיח... (ז׳ באַמ.)

764 משיחים.

בִּי מְשִׁיחִים עֲתִידִים לָנוּ
מִשּׁוּם מַה? — שְׁמָעוּ!
הָרִאשׁוֹן יִגְאַל הַגּוֹלָה
מִיִּשְׂרָאֵל,
וְהַשֵּׁנִי יִגְאַל מִן הַגּוֹלָה
אֶת יִשְׂרָאֵל... [3]

פאַרוואָס שטייען אונז, אידן, פּאָר, צוויי משיחים? (פריער משיח בן יוסף, און דערנאָך משיח בן דוד) — איינער וועט דאַרפן אויסלייזן דעם גלות פון די אידן, און דער צווייטער — די אידן פון גלות... (ז׳ באַמערקונג)

765 משכיל.

„אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל״—
אִם אֵינוֹ מַשְׂכִּיל דָּל...

«אשרי משכיל אל דל״» (ווייל איז דעם, וואָס זוכט צו העלפן דעם אָרימאַן), ווענדעט זיך עס אַלץ אָבער, אויב ער אַליין איז ניט קיין «משכיל דל״... (אַ געבילדעטער אָרימאַן — דאַן האָט זיין הילף קיין ממשות ניט...)

---

1) כי המשיח, כידוע, יבוא עני רוכב על החמור... 2) כלומר, חייבים אנו לקמץ בדברים ולהרבות במעשים, ואז נביא את מלך המשיח. 3) בשם ר׳ שמואל מוהילובי ז״ל. כלומר, הראשון, משיח בן יוסף, יבוא ראשון לחלץ את הגולה, כל מה שדבק ונטפל עלינו מן המכוער והמגונה במשך גלותנו הארוכה, ואח״כ יבוא משיח בן דוד ויגאל אותנו מן הגלות.. ומ. אוסישקין אמר: «כאשר עם ישראל יגאל את א״י, אז א״י תגאל את עם ישראל»... ועוד אמר: «ארץ ישראל אנו צריכים לגאול מידי הגויים, ושפת ישראל — מידי היהודים»...

מ ש כ ל ת.

אֶרֶץ מְשַׂכֶּלֶת חֲכָמֶיהָ,
מְשַׂכֶּלֶת גַּם אֱוִילֶיהָ...

אַ לאַנד וואָס ברענגט אום זיינע חכמים,
ברענגט אויך אום זיינע נאַראָנים...

767

מ ש פ ט.

„יֵשׁ נִסְפֶּה בְּלֹא מִשְׁפָּט",
עַל כִּי לֹא יָדַע
דְּרוֹשׁ מִשְׁפָּט... [1]

«ס' קומט אום אַ מאָל איינער אָן רעכט»,
ווייל ער האָט ניט געקאָנט פ אָ ד ע ר ן
דאָס רעכט...

1) כי האדם יהי' תמיד למרמס תחת רגלי כל בהמה שפלה אם לא י ד ע לדרוש משפט...

נ

768 נ ב ו ן.

לִכְסִיל חֲצִי עָוֹן,
מוֹחֵל הַנָּבוֹן.

אַ נאַרן איז מען מוחל אַ האַלבע זינד...

769 נ ב ל ה.

מְקוֹם נִבְלָה עַל בִּתְרֶיהָ,
הָעַיִט סָבִיב עָלֶיהָ...

אַרום אַ נבלה קלייבן זיך אַלע רויב-פויגלען.

770 נ ט ה.

הָאָסוֹן עוֹז דַרְכּוֹ,
מֵעוֹלָם אֵינוֹ נוֹטֶה
מִנִּי אָרְחוֹ... [1]

דאָס אומגליק פאַרבלאָנדזשעט קיינמאָל ניט...

771 נ ט ל.

נֵטֶל שָׁנִים יִכְפֶּה גֵו,
נֵטֶל תְּלָאוֹת יִכְפֶּה לֵב.

די לאַסט פון יאָרן בויגט-איין דעם גוף, די לאַסט פון ליידן בויגט-איין דאָס האַרץ...

772 נ מ ו ס.

הַנִּמּוּס—לַחָכְמָה פִּרְחָהּ,
הַמִּדּוֹת הַטּוֹבוֹת—פִּרְיָהּ...

העפליכקייט — דאָס איז דער חכמה'ס בלום, די גוטע מידות — אירע פרוכט...

773

אוֹי לִי מִנִּמּוּסִי,
אוֹי לִי מִמְּנֻמָּסִי... [2]

ווײ איז מיר פון מיין העפליכקייט, (ווען זי איז אַ געצווונגענע...), ווײ איז מיר פון מיין העפליכן... (ז' באַמערק.).

---

1) ג. א. «מעולם לא ראיתי אסון ופגע, כי יתע דרך ויאחר רגע». 2) רע לו לאדם בשעה שהוא מוכרח לעשות דבר אלא מפני הנמוס ולבו בל עמו, או בשעה שהוא רואה שהשני סובלהו אלא מפני הנמוס...

נ נ ס י ם.

774

אוֹי לָהּ לַשָּׁעָה הַגְּדוֹלָה
כִּי בָּאָה,
וְדוֹר שֶׁל נַנָּסִים מָצְאָה...

ווײ, ווען די גרויסע שעה איז געקומען, און אַ דור פון קאַרליקעס (צווערגעלעך) געפונען...

נ ס י ו ן.

775

הַנִּסָּיוֹן יְלִיד הַזְּמָן,
בָּא תָמִיד בְּאִחוּר זְמָן... [1]

דערפאַרונג איז דער צייט'ס אַ קינד, אָבער קומט שטענדיק מיט אַ פאַרשפּעטיקונג...

776

נִסָּיוֹן לְלֹא-תְבוּנָה,
עִוֵּר לְמַד-דֶּרֶךְ כֻּנָּה...

דערפאַרונג אָן פאַרשטאַנד הייסט — אַ בלינדער צוגעווינט צו זיין וועג...

נ פ ל.

777

בִּנְפוֹל אֶרֶז תִּוָּדַע קוֹמָתוֹ,
וּבְמוֹת חָכָם
תִּוָּדַע חָכְמָתוֹ...

פאַלט אַנידער אַ צעדערבוים, דערקענט מען זיין וווקס, שטאַרבט אָפּ אַ חכם, דערקענט מען זיין חכמה.

נ פ ש.

778

נֶפֶשׁ רַעֲנָנָה,
חֶבֶל תֵּאָסֵר בּוֹ
אֵין לְמַעֲנָה...

ניטאָ די שטריק צו בינדן דערמיט אַ פריש-צאַפּלדיקע נשמה...

779

אַל לְנֶפֶשׁ שׁוֹקֶקֶת,
הֱיוֹת מְחוּקֶּקֶת... [2]

די ברויזנדע נשמה קען קיין געזעצ-געבערין ניט זיין...

1) ג"כ: «הטוב שבמורים הנסיון, אלא שמאחר תמיד בואו»... 2) ג. א. «לא טוב היות הלב מחוקק, ורע מזה מחוקק בלעדיו»...

780

נֶפֶשׁ כְּבוּדָה תְּגוּרְךָ בִּפְנִים,
תָּבֶז לְכָל כָּבוֹד מִמְתִים... [1]

זיצט אינוויינִיק ביי דיר אַ בּכבודיקע נשמה, דאַרפסטו קיין כבוד ניט פון אַרוּמיקן דרויסן...

781 נ צ ח ו ן.

לַכִּיר אֶת הַשּׂוֹנֵא
אֶל נָכוֹן —
חֲצִי נִצָּחוֹן...

דערקענען דעם שונא אויף ריכטיק — איז שוין אַ האַלבער נצחון...

782

נִצְּחוֹן הָאֶגְרוֹף
עַד אַרְגִּיעָה,
נִצְּחוֹן הָאֱמֶת — כְּיָמֶיהָ...

דער נצחון פון פויסט געדויערט אַ רגע
דער נצחון פון אמת (געדויערט) — ווי דער אמת אַליין... (אויף אייביק).

783 נ ו צ ץ.

לֹא כָל נוֹצֵץ — שֹׁהַם,
וְלֹא כָל הוֹעֵם — מְזוּהָם...

ניט אַלץ וואָס שיינט איז גאָלד; ניט אַלץ וואָס שיינט ניט איז מיאוס...

784 נ ק ל.

נָקֵל לִמְצוֹא עֵצָה וְתַחְבֻּלָה,
וַאֲחֵרִים יוֹצִיאוּהָ לִפְעוּלָה...

ס'איז לייכט אַן עצה צו געפינען, אַנדערע אָבער, זאָלן עס דורכפירן...

785 נ ש ר.

הַנֶּשֶׁר בַּשָּׁמַיִם דַּרְכּוֹ,
צוּד זְבוּבִים
לֹא לְפִי עֶרְכּוֹ...

דער אָדלער פליט צו די הימלען, — כאַפּן פליגן שטייט אים ניט אָן...

---

1) ומה נשגבה היא מליצת אביר משוררינו, ר' יהודה הלוי, על רוממות הנפש היקרה: «איך אפחדה מאיש—ולי נפש חתו אריות מכפיריה, איך אדאגה מריש — והחכמה אחצב פנינים מהרריה; אם ארעבה—הנה מגדיה, או אצמאה—אמצא נהריה! איך אשבה שומם—וכנורה אותי ישעשע בשיריה, איך אדרשה רע ישיחני—עת אשמעה חכמת דבריה»...

786

גַם בְּרֶדֶת נֶשֶׁר מָטָה,
לְראש אֶרֶז עֵינוֹ נִבָּטָה...

אויך ווען דער אָדלער נידערט אַראָפּ אונטן, קוקט זיין אויג צום שפּיץ צע-דערבוים...

מפּי העם.

787 נ ג ע.

לֹא יַכְאִיב נֶגַע אֶת רוֹאוֹ,
אִם אֵצֶל פְּלוֹנִי הוּא,
תַּחַת זְרוֹעוֹ...

אַ מכּה איז גוט צו זען ביי אַ צווייטן אונטערן אָרם.

788 נ ו צ ה.

יֵשׁ מַפִּיל שְׁנֵי כָּרִים,
וְנוֹצָה אַחַת יָרִים...

ס'וואַרפט איינער אַ מאָל אַראָפּ צוויי קישנס, און הויבט אויף איין פעדער.

789 נ י מ א.

אַל תִּמְתַּח יֶתֶר מִדַּי נִימָא,
לְבַל תִּתְפַּקַע בִּנְהִימָה...

אַז מען ציט-אָן צופיל די סטרונע, מוז זי פּלאַצן.

780 נ נ ס.

כְּמַדּוֹ יִתְפְּרוּ לוֹ בֶגֶד,
בִּקֵּשׁ הַנַּנָּס,—
צַר בִּגְדּוֹ כִּי יִתְכַּנֵּס...

באַשטעלט דער קליינגעוויקסיקער אַ בגד פאַר זיך פונקט לויט זיין מאָס, וועט אים דער בגד על-פּי רוב ענג זיין... (דער שניידער וועט דאָך טראַכטן, אַז ס'איז גענוג פאַר אַזאַ איינעם סחורה אַ קטנות, און דער בגד וועט בלייבן פאַרקירצט און פאַרשמעלט)...

791 נ ס ה.

כָּל מִי שֶׁאֵינוֹ מְנַסֶּה,
גַּם מִשְׁגֶּה לֹא יַעֲשֶׂה.

פּרוּווט מען ניט, מאַכט מען קיין פע-לערן ניט...

792 נ ס י ו ן.

הֱוֵה מְמַעֵט בְּחִזָּיוֹן,
וּמַרְבֶּה בְּנִסָּיוֹן...

קנאַפּער פאַנטאַזירן, מערער פּרובירן.

793 נ ע ו ר י ם.

אֵי הַסּוּס לֶאֱסוֹר בָּעֲגָלָה,
אֲשֶׁר הַנְּעוּרִים גָּזוּ
יַדְבִּיק יוּכָלָה?...

ווו נעמט מען דעם פערד און וואָגן, די אַוועקגעפלויגענע יונגע טעג צו דעריאָגן?

794 נ ע ל.

אֵין יוֹדֵעַ אִישׁ מִשְׁנֵהוּ,
עַד כַּמָּה לְחִיצַת נַעֲלֵהוּ...

קיינער ווייס ניט, ביי וועמען דער שוך דריקט.

795 נ ע ר ה.

לַחֲמוֹר אֶחָד נְעָרָה,
בָּלְעָה זְמִירִים עֲשָׂרָה...

איין אייזל קען איבערשרייען צען נאַכ-טיגאַלן...

796 נ פ ל.

לוּ יָדַע הַנּוֹפֵל
מְקוֹם שֶׁיִּפּוֹל תַּחַת,
הָיָה שׁוֹטֵחַ לוֹ תַּחְתָּיו
עֲרֵמוֹת שַׁחַת...

וואָלט דער פאַלער וויסן, ווו ער וועט אַרונטערפאַלן, וואָלט ער זיך פריער אַ קופּע היי אונטערגעבעט.

797

גַּם בִּנְפוֹל אֻמְלָל עַל גַּבֵּהוּ,
יִפְצַע חָטְמֵהוּ...

פאַלט אַפילו דער שלימזל אויף זיין רו-קן, צעשעדיקט ער זיין נאָז...

798 נ ק ה.

לִפְנֵי פִּתְחוֹ
לוּ נִקָּה אִישׁ אִישׁ,
וְנִקּוּ אֶרֶץ וְחוּצוֹת חִישׁ...

ווען יעדער איינער וואָלט אָפּרייניקן נאָר פאַר זיין אייגן טיר, וואָלטן גיך אַלע גאַסן ריין געוואָרן.

799 נ ק ר.

אָמְנָם רוּחַ הִיא בֶּאֱנוֹשׁ:
לִי עַיִן אַחַת נֵקֶר,
וּבִלְבַד אֶת שְׁתֵּי עֵינָיו
לוֹ אֲנַקֵּר... [1])

אַזוי איז עס שוין מיטן מענטשן: זיך איין אויג, אַבי יענעם ביידע אויגן... (פרגל. אויך: «נעם אַרויס יענעם ביידע אויגן, כדי ער זאָל דיר חלילה קיין עין-הרע ניט געבן).

800 נ ר פ ה.

חָזִיתָ אָדוֹן נִרְפֶּה
בְּמִשְׁפַּחְתּוֹ,
שָׁם הַגַּנָּב מָהִיר בִּמְלַאכְתּוֹ.

ווו דער באַלעבאָס איז אַ פוילער, איז דער גנב אַ פלינקער.

801 נ ש י ה.

כָּל אֲשֶׁר תֶּאְטַר עָלָיו
בְּאֵר פִּיהָ —
מָהֵר לִנְשִׁיָּה...

וואָס די ערד דעקט-צו מוז ווערן פאַר-געסן.

802 נ ש י ם.

לַנָּשִׁים הָאוּנִבֶרְסִיטָה —
חֲדַר הַבִּשּׁוּל וְהַמִּטָּה...

פאַר ווייבער אַן אוניווערסיטעט — די קיך און דער שלאָפצימער.

803

מְאֻשָּׁרוֹת הַנָּשִׁים,
שֶׁאֵין לָהֶן נָשִׁים...

גליקלעך זיינען ווייבער, ווייל זיי האָבן קיין ווייבער ניט...

804

נָשִׁים מֵתוֹת,
עַל עֶבְרֵי פִּי קֶבֶר —
יְשִׁיבֵן לִתְחִיָּה צְחוֹק גָּבֶר...

אַן אָפּשטאַרבנדיקע פרוי, ביים ראַנד פון קבר—ווע אַ מאַנסבילשער שמייכל צוריקברענגען צום לעבן...

---

1) מקורו של הניב הזה בדמותו ובצורתו זו ממש, כבר אנו מוצאים ב«ספר מדות» שנתחבר, לפי דעת גידעמאַן, בשנת 1335 בצרפת.

805 נ ש מ ה.

נִשְׁמַת יְהוּדִי גַּם בְּדַלְדוּלָהּ,
בְּפָז לֹא תְסֻלָּא...

אַ אידישע נשמה קען מען מיט גאָלד ניט אָפּשאַצן.

806 נ ש י ק ו ת.

אַחָא, נְשִׁיקוֹת גְּרֵידָא,
לַדֶּרֶךְ אֵינָן צֵידָה...

ברודער לעבן! קושן אַליין זיינען ניט קיין צידה לדרך...

807 נ ת ק.

טָבְלֵהוּ בְחוֹמֶץ,
טָבְלֵהוּ בְּמֶתֶק –
בְּעֵינוֹ עוֹמֵד הַנֶּתֶק...

דער פויער, קאָך אים אין זיס, קאָך אים אין זויער, — בלייבט פויער.

808

שׁוּר! הִתְחִילוּ מְצָרְפִים
לְ״מִבְיָן״ אֶת הַנָּתוּק הַלָּז,
וּמִי יִדְמֶה, מִי יִשְׁוֶה,
מִי יַעֲרֹךְ לוֹ מֵאָז!...

קוק! מען האָט נאָר דעם «פּאַרך» צום «מנין» צוגערעכנט, און ער ווייס שוין ניט ווי דעם קאָפּ צו האַלטן...

ממדרש עם.

809 נאה דורש.

נָאֶה דוֹרֵשׁ וְאֵין נָאֶה מְקַיֵּם,
מָשׁוּל לְתַמְרוּר
הִצִּיבוּ בְּרֹאשׁ דֶּרֶךְ:
לְכָל אֶחָד דַּרְכּוֹ יוֹרֶה,
וְהוּא — לֹא יָזִיז בֶּרֶךְ...

דער שיינער דרשן, וואָס טוט ניט ווי ער רעדט, איז געגליכן צו אַ סלופּ: ער ווייזט אַלעמען דעם וועג, און ער אַליין רירט זיך ניט פון אָרט...

810 נוהג.

הֲרֵי הָעוֹלָם, אָח,
מִקַּדְמַת דְּנָא נוֹהֵג כָּךְ:
לִפְעוֹל בַּיַּד — נִבְרָא הַזֶּה,
וְהַשֵּׁנִי נִבְרָא — לִפְעוֹל בַּפֶּה;
הָאֶחָד לְצַוּוֹת — מְפַקֵּד רַב.
וְכֻלָּנוּ — לְקַבֵּל צָו...

אַזוי, ברודער, פירט זיך שוין פון איי-ביק-אָן אונזער וועלטל: איינער איז באַשאַפן געוואָרן צו אַרבעטן מיט די הענט, אַ צווייטער — מיטן מויל; איינער איז באַשאַפן געוואָרן צו געבן באַפעלן, און מיר אַלע — שטריינג אָפּצוהיטן די באַפעלן...

811 נזם זהב.

נֶזֶם זָהָב בְּאַף חֲזִיר —
אִשָּׁה יָפָה תָּשִׁיר לוֹ שִׁיר...

טו-אָן אַ גאָלדענעם נאָזבאַנד אויף דער נאָז פון אַ חזיר, און אַ שיינע פרוי וועט אים אַ לידל זינגען...

812 נח.

אֵלֶה תּוֹלְדוֹת נֹחַ:
הַיַּיִן יִתֵּן כֹּחַ;
יוֹלֵד בָּנוֹת — יְחַנְּקָן,
וּבָנִים שְׁלֹשָׁה —
יֵשְׁתְּ מְלֹא הַקַּנְקָן... [1]

«אלה תולדות נח», פון בראַנפן קריגט מען כוח; האָט מען טעכטער—דאַרף מען זיי דערווערגן, האָט מען דריי בנים—מעג מען טרינקען פון פולן קריגל... (ז' באַמערק.).

---

1) נח התנצל והצדיק את עצמו על שנטע כרם ושתה לשכרה, מפני שהיה אב לשלשה בנים נשואים ולא אב לבנות בוגרות פנויות. עיין בכיוצא בזה «שכור לוט».

813 נ י ב.

לְעוֹלָם יַעֲמוֹד
אָדָם עַל כָּל נִיב,
כְּאִלּוּ אֹזֶן אוֹיְבוֹ
סְמוּכָה לְפִיו.

ביי יעדן אַרויסגערעדטן וואָרט זאָל זיך דער מענטש פאָרשטעלן, כאילו (אַזוי ווי) זיין פיינדס אויער איז דאָ נאָענט ביי זיין מויל...

814 נ מ ל ה.

לֵךְ אֶל נְמָלָה, חָרוּץ,
וַחֲכָם,
כִּי הֶעָצֵל תֹּאחֲזֶהוּ
תְנוּמָה גַם שָׁם...

גיי צו דער מילב, דו פֿלייסיקער, וועסטו קליגער ווערן: ווייל דער פֿוילער וועט אַנטשלאָפן ווערן אויך דאָרטן... (אין פסוק איז געזאָגט: «לך אל נמלה עצל»...).

815 נ ס י ם.

עַל הַנִּסִּים וְעַל הַפּוּרְקָן
וְעַל הַתְּשׁוּעוֹת,
שֶׁעָשִׂיתָ לַאֲבוֹתֵינוּ
לִפְנֵי הַתְּקִיעוֹת וְהַתְּרוּעוֹת,
וְלֹא הִצְרַכְתָּנוּ בִּמְקוֹם
„לַמְנַצֵּחַ" קְצַר בֶּרֶךְ,
לוֹמַר ז' פְּעָמִים
„אַשְׁרֵי תְמִימֵי דֶרֶךְ"... [1]

אַ דאַנק דיר, גאָט, פֿאַר די ניסים און ישועות, וואָס דו האָסט געטאָן מיט אונז בשעת די תקיעות און תרועות, און האָסט אונז ניט געהייסן, אָנשטאָט דעם קורצן «למנצח» (אַ קליינער קאַפּיטל פון תהילים) זאָגן זיבן מאָל «אשרי תמימי דרך»... (דער גרעסטער קאַפּיטל פון תהילים).

1) הלצת העם יודעת ע"ד עוד נסים אחדים כאלה...

816 נ פ י ל ה.

קִימָא לָן:
אֵין נְפִילָה
אֶלָּא מִמְּרוֹמֵי שִׂיא,
אֶל תּוֹךְ גְּרַף שֶׁל רְעִי... [1]

מיר האָבן אַ כלל: אַראָפּגעפאַלן הייסט דאַן, אַז מען פאַלט אַראָפּ פון דער העכס-טער הויך אַפן סאַמע מיסטקאַסטן...

817 נ פ ש.

כָּל אֲשֶׁר לוֹ יִתֵּן הָאָדָם
בְּעַד הַנֶּפֶשׁ,
וְנַפְשׁוֹ – בְּעַד הַבְלֵי
שָׁוְא וָאֶפֶס...

אַלץ וואָס אַ מענטש פאַרמאָגט גיט ער אָפּ פאַר זיין נפש, און זיין נפש—פאַר אַ גאָרנישט שבגאָרנישט.

818

יָבוֹא בַּעַל נֶפֶשׁ,
וִיכַבֵּס כִּתְמֵי נֶפֶשׁ...

די פלעקן פון נפש (זעלע), דאַרף וואַשן אַ ב ע ל נ פ ש... (אַזאַ וואָס באַזיצט אַ מענטשיש נפש...).

819 נ ק ו ד ה.

כַּמָּה גְדוֹלָה נְקוּדַּת הָעִבְרִי!
שֶׁמְּהַפֶּכֶת גַּם „שִׁבְרִי"
לְ„סִבְרִי"... [2]

גרויס איז דאָס פינטעלע איד! — דאָס פאַרוואַנדלט אויך «ש ב ר י» (מיט אַ «שין ימין»— מיין בראָך) אין «ס ב ר י». (מיט אַ שין שמאל»— מיין האָפענונג... ז' באַמערקונג).

1) כעין זה מדייקים ג"כ בפסוק: «אם החלות לנפול נפול תפול»—אויב געפאַלן— זאָל זיין געפאַלן... 2) בשם הפרופ. צבי הרמן שפירא, יוצר הקרן הקימת, ור"ל, הנקודה היהודית («דאָס פינטעלע איד») המהבהבת בלבו של היהודי ומשתלהבת מפקידה לפקידה, תעניקהו לזמנים גאוה לאומית מיוחדת; עברי זה, גם בשברו הגדול כים, לא יתיאש מכל וכל וימצא תמיד איזה קו תקוה שיעודדהו ויעוררהו לחיים ולפעולה...

820 נקיון.

שָׁנִינוּ: הַמְּמִירָה
נִקְּיוֹן הַבַּיִת בְּנִקְיוֹן יָדַיִם,
מְבִיאָה לְבַעְלָהּ
נִקְיוֹן שִׁנַּיִם...

מיר האָבן געלערנט: די, וועלכע פאַר־בייט די שטוב־ריינקייט אויף האַנט־ריינקייט (ד. ה. וועלכע איז נאָר אָפּגע־לייגט, אירע פינגער חו"ש ניט איינריכ־טן), ברענגט איר מאַן צו «צאָן־ריינקייט».. (ער וועט ניט האָבן וואָס צו קייען, וועלן אים שטענדיק די ציין זיין ריין).

821 נקל.

הַרְבֵּה יוֹתֵר נָקֵל:
נַחֵם עֲגוּמִים,
מְקַבֵּל תַּנְחוּמִים,
שָׁמוֹעַ סוֹד בְּהֵאָמְרוֹ,
מֵאֲשֶׁר בַּלֵּב לְשָׁמְרוֹ;
מִדְּחֵה לַעֲשׂוֹתוֹ,
מֵאֲשֶׁר לַהֲגוֹתוֹ; [1]
יָזוֹם מְזִמָּה,
מֵאֲשֶׁר לַהֲקִימָהּ;
לְשַׁלֵּחַ מְדָנִים,
מֵהַפְרִיד בֵּין נִרְגָּנִים;
זָרוֹק בְּאַחֵר מָרָה,
מִשְּׁמוֹעַ גְּעָרָה...

ס'איז אַ סך גרינגער: טרייסטן אַנדערע איידער אַליין אָננעמען טרייסט: הערן אַ סוד, איידער היטן אַ סוד; מאַכן אַ פּעלער, איידער אָפּשאַפן אַ פעלער; פאַרלייגן עפּעס, איידער מקיים זיין עפּעס: אָנמאַכן קריג, איידער פאַנאַנ־דערנעמען אַ קריג; מאַכן פאָרוווּרף, איידער אויסהערן פאָרוווּרף...

1) להגותו מן המסלה.

יֵשׁ וּנְקַם עֶלְבּוֹנוֹ
נָקַם כָּל הַיּוֹם,
וְנֶחְבָּל יוֹתֵר מִנְּשׂוֹא
עֶלְבּוֹנוֹ דוֹם... [1]

ס'לײַדט גאַנץ אָפּט אַ סך שטאַרקער דער וואָס ברענט פון נקמה, איידער ווער ס'טראָגט עס שטיל איבער...

823 נ ק נ י ת.

„אֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל
נִקְנֵית בְּיִסּוּרִים",
וּבְכֶסֶף וּבְרוּחַ
וּבְכֹחַ בַּחוּרִים...

«ארץ ישראל ווערט אײַנגעקויפט דורך יסורים», אָבער אויך דורך געלט, גײַסט און יוגנט-כּח...

824

„הָאִשָּׁה נִקְנֵית לְבַעֲלָהּ
בְּג' דְרָכִים",
וּמִפָּנֶיהָ לֹא תִבְרַח
גַּם בְּשִׁבְעָה דְרָכִים... [2]

דער דין איז, אַז «אַ פרוי ווערט נקנה צו איר מאַן (גייט אַריבער אין מאַנס רשות) מיט דרײַ וועגן», אַנטלויפן אָבער פון איר, וועסטו מיט זיבן וועגן אויך ניט.

825 נ ר.

„נֵר" לְרַגְלֵי הָאָדָם הַמַּדָּע:
זֶה „נִצַּח" בּוֹ,
זֶה „רִצַּח" בּוֹ... [3]

אַ ליכט איז די וויסנשאַפט בײַ דעם מענטשנס פיס: איינער באַלײַכט דערמיט די מענטשן, איינער פאַרבּרענט דערמיט די מענטשן... (ז' באַמערק.).

1) סנהדרין, ז: טוביה דשמע ואדיש חלפוה בישתיה מאה». וגם אמרו: «נוחם המכה — נקמת המוכה»... 2) בגמרא: «האשה נקנית לבעלה בג' דרכים, בכסף, בשטר ובביאה». 3) במכשירי המדע, כידוע, מרצחים נפשות... האות «נ» של המלה «נר» עושה «נצח» והאות «ר»—«רצח»...

826 נרדף.

אֱלֹהִים יְבַקֵּשׁ נִרְדָּף״ —
וּמָתַי סוֹף סוֹף
יִמְצָאֵהוּ אֱלֹהִים?... [1]

קוהלת זאָגט: «גאָט זוכט דעם פאַרפאָלג-טן»—פרעגט זיך, ווען, ענדליך, וועט ער אים געפינען?...

827 נשה.

הַרְבֵּה בְּהקבּ״ה נוֹשִׁים,
וְחוֹבָם הֵם לוֹ —
הֵם שׁוֹכְחִים-נוֹשִׁים... [2]

אַ סך מאָנען פון רבו״שע, און וועגן זייערע אייגענע חובות צו אים— פאַר-געסן זיי לגמרי...

828 נשואין.

לִכְשֶׁתִּרְצֶה
הַשִּׂיא אֶת הַבֵּן,
לִכְשֶׁתּוּכַל
אִישׁ לְבִתְּךָ תֵּן...

ווען דו ווילסט מאַך חתונה דעם זון, ווען דו קענסט מאַך חתונה די טאָכ-טער...

829

לִשָּׂא אִשָּׁה —
צָעִיר בַּל יָחִישָׁה,
זָקֵן רוֹעֵד —
כְּבָר הֶעֱבִיר הַמּוֹעֵד,
וּבֵינָתַיִם — הֲרֵי בִּכְלָל
אֵין נִשּׂוּאִין כְּדָאִים...

חתונה-האָבן יונגערהייט—דאַרף מען זיך ניט איילן, אַלטערהייט — איז שוין צו שפּעט, און אינצווישן דעריין — לווינט דאָך בכלל ניט חתונה-האָבן...

---

1) ג. א. «אלהים יבקש נרדף, ונרדף יבקש אלהים». 2) «נשה» בעברית פירושו—לתבוע חוב, וגם—לשכח.

830 נ ת ן.

אִי-לוֹ לַנוֹתֵן
וְלֹא אָבָה תֵת,
אַךְ וְרַק עַל כִּי בוֹשׁ
לֹא לָתֵת...

ווי איז דעם וואָס גיט און וויל ניט געבן, מערניט ווייל ער שעמט זיך ניט צו געבן...

מפי חכמים.
ס

831 סבל.

לַהֲנָאָתְךָ הִשְׁתַּמֵּשׁ
בֶּאֱוִיל וּבְאִוַּלְתּוֹ,
מִן הַדִּין שֶׁתְּהֵא רוּחֲךָ
סוֹבַלְתּוֹ..

האָסטו זיך באַנוצט מיט דעם נאַרס נאַ-רישקייט, דאַרפסטו אים אויך קאָנען פאַרטראָגן...

832 סבלנות.

יֵשׁ וּנְקַם הַסַּבְלָנוּת,
הַגְּדוֹלָה בַּפּוּרְעָנוּת... [1]

געדולד איז אַ מאָל די גרעסטע נקמה...

833 סוד.

סוֹד רֵישְׁךָ, דַּל,
גַּם לְרֵעֲךָ הַטּוֹב אַל תְּגַל. [2]

דעם סוד פון דיין אָרימקייט אַנטפּלעק אַפילו ניט פאַר דיין בעסטן חבר...

834 סוס.

סוּס לְמַד רִסְנוֹ —
אוֹהֵב שֶׁאֵין לוֹ הַחוֹפֶשׁ
גַּם לִשְׂנוֹא... [3]

ווי אַ פערד איינגעוווינט אין זיין צוים, אַזוי איז אויך דער ליבנדער, וואָס האָט ניט די פרייהייט אַ מאָל אויך פיינט-צו-האָבן...

835 סחים.

סָחִים מַה שֶּׁיּוֹדְעִים—
הָאֱוִילִים,
יוֹדְעִים מַה שֶּׁסָּחִים —
הַמַּשְׂכִּילִים.

נאַראָנים ריידן וואָס זיי ווייסן, קלוגע ווייסן וואָס זיי ריידן...

1) אומרים ג"כ: «הסבלונות מרה ופריה מתוק»... דיוק כזה מוצאים ג"כ בפסוק «משמע דומה ומשא»... 2) כי ישמע השומע ונס מפניך כנס מפני חלי המתדבק... 3) ר"ל, אוהב שאין לו החופש לשנוא, אל תבטח באהבתו... ומעין זה אמר אבן - גבירול: «לא הוכחתי מעולם אדם שלא מצאתיו מחפש על מומי»...

836

הַשֵּׂכֶל הַטּוֹב יִשְׁתָּרֵר,
לֹא יִתְלַהֵב, לֹא יִתְקָרֵר...

דער גוטער שכל היצט זיך ניט שטאַרק,
און ווערט ניט אָפּגעקילט גיך...

837

הַשֵּׂכֶל — עַיִן כֵּהָה,
וְהָעַפְעַף הַמֵּגֵן עָלֶיהָ —
הָאֱמוּנָה... [1]

דער שכל — דאָס איז דעם מענטשנס אויג; די אמונה — דאָס אויג-לעדעלע.. (וואָס באַשיצט דאָס אויג...).

838

שֵׂכֶל שׁוֹמֵר אֱמוּנָה
מֵאֱמוּנָה תְּפֵלָה,
וֶאֱמוּנָה שׁוֹמֶרֶת הַשֵּׂכֶל
מִתַּאֲוָה שְׁפֵלָה...

דער שכל היט אָפּ דעם גלויבן פון אַבער-גלויבן; דער גלויבן היט אָפּ דעם שכל פון נידעריקער תאוה...

839

שֵׂכֶל נֶעֱזָר בְּכֹחַ —
עוֹלָמוֹת יִבְנֵמוֹ,
כֹּחַ נֶעֱזָר בַּשֵּׂכֶל —
יֶהֶרְסֵמוֹ...

דער שכל געשטיצט אויף כוח — וועט וועלטן אויפבויען; דער כוח געשטיצט אויף שכל—וועט זיי צעשטערן...

840

שֵׂכֶל לְאָדָם קוֹנוֹ —
עֵינֵי רְצוֹנוֹ...

דער שכל פון מענטשן איז—די אויגן פון זיין ווילן...

841

שֵׂכֶל לֹא יַרְגִּישׁ,
וְרֶגֶשׁ לֹא יָבִין...

שכל פילט ניט, געפיל פאַרשטייט ניט...

---

1) וכדאי להזכיר בכאן מאמר החכם יאקאבי תלמידו של קנט: «בשכלי אני כופר בכל, אבל בלבי ובנפשי אני מאמין בכל»...

842

הַשֵּׂכֶל וְהַשּׁוֹטֵר נִשְׁתָּווּ,
שְׁנֵיהֶם לְאַחַר זְמַן יִקְרָבוּ...

דער שכל און דער אָרדנונג-אויפקוקער (מיליציאַנט) זיינען גלייך—ביידע פאַר-שפּעטיקן שטענדיק...

843 סליחה.

הַסְּלִיחָה וְהַכַּפָּרָה,
בַּנְּקָמוֹת הַנֶּאֱדָרָה... [1]

די זיסטע נקמה איז — אַנטשולדיקן...

844 סלף.

בְּרֵעוֹ צֵל סֶלֶף,
לֹא יְכַסּוּ עָלָיו מַעֲלוֹתָיו
אָלֶף... [2]

ביי אַ צווייטן אַ שאָטן פון אַ פעלער, וועלן ניט פאַרדעקן זיינע טויזנט מעלות.

845 סמרטוט.

הָאֶחָד נְיָרוֹ מִסְמַרְטוּט
לְקָחוֹ,
וְהַשֵּׁנִי—בְּעֵטוֹ לִסְמַרְטוּט
הֲפָכוֹ...

איינער באַקומט פּאַפּיר פון אַ שמאַטע, און אַ צווייטער מיט זיין פעדער — פאַרוואַנדלט פּאַפּיר אין אַ שמאַטע.

846 שנא.

אִם הָאָדָם בְּשִׂנְאָה
עַל מַעֲלוֹתָיו,
נֶחְפָּשׂוֹת מִגְרְעוֹתָיו...

ווערט אַ מענטש געהאַסט צוליב זיינע מעלות, ווערן אויפגעזוכט זיינע פעלערן.

847

אַל תִּשְׂנָא אֱוִיל עַל מָשְׁחָתוֹ,
כִּי לֹא אָשֵׁם בְּמַחֲלָתוֹ...

האַס ניט דעם נאַר צוליב זיינע נאַריש-קייט — ער איז דאָך נעבעך ניט שול-דיק אין זיין מחלה... (נאַרישקייט איז די גרעסטע קרענק...)

---

1) ג. א. «הערבה בנקמות — הסליחה. 2) ג. א. «נקל למצוא בעמיתו חסרונות אלף, ממצוא בנפשו גם צל סלף». ובתלמוד: «אמר לו טול קיסם מבין שניך, אמר לו טול קורה מבין עיניך».

848

אוֹי לוֹ לְמִי שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ
מָה הוּא שׂוֹנֵא,
אֶלָּא אֶת מִי הוּא שׂוֹנֵא.[1]

ווײ דעם וואָס ווײס ניט וואָס ער האָט פײנט, נאָר וועמען ער האָט פײנט.

849

שִׂנְאַת חִנָּם יָדַעְתִּי,
אַהֲבַת חִנָּם גַּם שִׁמְהָ
לֹא שָׁמַעְתִּי...

שנאת חנם — ווײס איך וואָס דאָס איז; אהבת חנם — האָב איך אַפילו דעם נאָמען ניט געהערט...

850

הָה, מַה-שְּׂנֵאתִי
מְכַבֵּד נִכְבָּדוֹ,
רַק לְבַעֲבוּר הַכָּבְדוֹ הוּא
עַל יָדוֹ...

פײנט האָב איך דעם יעניקן, וואָס האָט זיך אַ נכבד אויסגעפונען וועמען כבוד אָפּצוגעבן, און איז אָבער אויסן מיט דעם, אַ שטיקעלע כבוד פאַר זיך אַלײן אַרײנצוכאַפּן...

---

1) זו היא רעה חולה, שהשנאה עפ"י רוב אינה באה מתוך הכרה ברורה, והשונא יודע מראש את מי הוא צריך לשנוא...

מפי העם.

851 ס ב י ן.

מִן הַסְּבִין, רבי״שע,
מִמַּפָּל הַנָּפָה,
אֲבָל לֹא בְמִלְוֶה
וְלֹא בְהַקָּפָה...

פון דעם אָפּפאַל פון קלייען, אַבי, רבו״שע, ניט באָרגן און ניט לייען...

852 ס ב ל ן.

סַבְלָן הוּא מִטִּבְעוֹ הַנְּיָר —
אֵינוֹ מַבְחִין בֵּין תֶּבֶן לְבָר.

דאָס פּאַפּיר איז געדולדיק... (עס קאָן פאַרטראָגן אַלץ אין דער וועלט...

853 ס ו ד.

אִם בֵּין שְׁלשָׁה נִגְלָה הַסּוֹד,
כְּבָר חָלַף הָלַךְ וְאֵינֶנּוּ עוֹד.

אויב דריי ווייסן דעם סוד, איז עס שוין קיין סוד ניט.

854

סוֹד טָמוּן בְּלֵב אִישׁ,
עֲלֵי יַיִן יָצוּף חִישׁ... [1]

אויפן וויין שווימט אַרויס דער סוד...

855 ס ו מ א.

סוּמָא בְּפִגְעוֹ,
מַטֶּה מַנְהִיגוֹ... [2]

דעם בלינדן פירט דער שטעקן...

856 ס ו ס.

סוּס נִתָּן בְּמַתָּנָה,
שִׁנָּיו מִי מָנָה?...

אַ געשענקטן (וואָר. אַ געגנבעטן) פערד, קוקט מען אין די ציינער ניט...

---

1) בתלמוד: «נכנס יין יצא סוד». פעם נשאל פילוסוף אחד: מפני מה הוא שונא את היין? והשיב, מפני שהיין מועל בשליחותו: הריני שולחהו אל הבטן והוא עולה אל הראש... 2) ובתלמוד: «כד רגיז רעיא על ענא, עביד לנגדא סמותא»...

857 ס ח ב ו ת.

בִּסְחָבוֹת יִסְחָרָה,
לְבוּשׁוֹ תִּפְאָרָה... [1]

ווער ס'האַנדלט מיט שמאַטעס, קליידט זיך אין זיידנס...

858 ס ח ו ר ה.

שֶׁבַע מְדוֹד הַסְחוֹרָה,
אַחַת וְלֹא תִשְׁנֶה — גְזוֹרָה.

זיבן מאָל מעסט, איין מאָל—שנייד.

859 ש ט ן.

נִצְבוּ נָשִׁים לְפַקֵּד,
שָׁם הַשָּׂטָן מְרַקֵּד... [2]

ווו ווייבער פירן, דאָרטן שדים שפּאַצי-רן...

860

מֵעַל גַּב הַשָּׂטָן תַּפְשִׁיטֵהוּ,
וְתָשַׁב בִּטְנוֹ הוּא וְתִבְלָעֵהוּ.

פון דעם טייוול אַוועקגענומען, צו דעם טייוול אַוועקגעגעבן... (ד. ה. אָנגעקומען מיט יסורים, און אַוועק מיט יסורים).

861 ס כ ל.

שֶׁבֶת, חַכּוֹת וְהִסְתַּכֵּל —
דַּעַת רַבִּים יְסַכֵּל...

«האָפּפען אונד האַררען, מאַכען מאַנכען צום נאַררען».

862 ס כ ל ו ת.

אַף לַשָּׁוְא יֶחְכַּם וְיַשְׂכִּילָה,
אִם סִכְלוּתוֹ כֹּה מוֹעִילָה.

וואָס טויג די חכמה, אויב די נאַרישקייט גילט?

863 ש כ ל.

בְּיוֹם צַח, הַשֵּׂכֶל זַךְ... [3]

אין אַ קלאָרן טאָג, איז אויך דער שכל קלערער.

---

1) נ. א. «סחבות סחרהו, משי מעטהו». 2) פולנית: גדזע באַבי ראָנדזיע, טאַם דיאוואָל בלאָנדזיע». 3) בתלמוד: «שמעתא בעי צילותא».

864

שֵׂכֶל טוֹב וּתְבוּנָה יָפָה,
בְּכֶסֶף לֹא יָקְנוּ,
אַף־כִּי בְּהַקָּפָה.

שכל קען מען פאַר געלט ניט קויפן, אַ פשיטא־שוין אויף באָרג...

865 ס ל ם.

סֻלָּם מִתַּחַת הֶחָתוּל בָּטֵּלְתָּ,
רַחִימָאִי! מָה־הוֹעַלְתָּ?..

מיטן צונעמען פון דער קאַץ דעם לייטער, טוט מען, ליבינקער, גאָרניט אויף.

866 ס מ ן.

סִמָּן לַחָכְמָה,
הַתְּשׁוּקָה לַחָכְמָה... [1]

דער סימן פון חכמה, איז די ת ש ו ק ה צו חכמה. (דאָס זוכן צו דערגיין חכמה, דאָס גופא איז שוין חכמה).

867 ש נ א ה.

גַּם שִׂנְאַת חִנָּם,
לֹא בָאָה בְּחִנָּם...

אויך אומזיסטע שנאה קומט ניט אומזיסט.

868 ש ו נ א י ם.

יְהִי לָהֶם, רִבּוֹי״שׁע,
לִמְשַׂנְאַי מַשְׂטִינַי
וְכָל עוֹשֵׂי דְבָרָם,
יֶלֶד אַךְ אֶחָד
וְכֻתֹּנֶת אַחַת לִבְשָׂרָם.

זאָלן, רבוי״שע, אַלע די וואָס ווינטשן מיר בייז, האָבן איין העמד אַפן לייב, און איין קינד אין שטוב.

---

1) כעין זה מדייקים בפסוק: «ראשית חכמה קנה חכמה»...

869 ס נ ד ל ר.

אוֹמְרִים,
יֵשׁ גַּם סַנְדְּלָר תַּחַת הַשָּׁמַיִם,
שֶׁאֵינוֹ יְחַף-רַגְלַיִם...

מען זאָגט, אַז אין לעבן טרעפט אויך אַ שוסטער, וועלכער גייט ניט באָרפוס.. (ניט געקוקט אַפן כלל: «אַלע שוסטער גייען באָרפוס»).

870 ס ע ו ד.

אַךְ טוֹב סָעוֹד עִם יְהוּדִי
בְּפַשְׁטִידָא,
וְגַם זֶה לֹא מִתּוֹךְ
פִּנְכָּא יְחִידָה...

מיט אַ אידן איז גוט קוגל צו עסן, און דאָס אויך, ניט פון א יי ן טעלער...

871 ס פ ו ד.

גַּם סְפוֹד גַּם רְקוֹד,
צִוָּה הַמַּחְסוֹר לְמוֹד... [1]

די נויט לערנט אויס אי וויינען אי טאַנצן...

872 ס פ ר.

מְחִיר הַסֵּפֶר אֶחָד לַכֹּל,
עֶרְכּוֹ אֵינוֹ אֶחָד לַכֹּל.

דער פרייז פון בוך איז פאַר אַלעמען דער זעלבער, אָבער די ווערדע פון בוך איז ניט פאַר אַלעמען גלייך...

873 ס ת ו ם.

אִי-אֶפְשָׁר לִסְתּוֹם פִּיּוֹת
שֶׁל בְּרִיּוֹת:
פִּיּוֹת אֲנָשִׁים,
קו״ח שֶׁל נָשִׁים...

מען קען מענטשן די מיילער ניט פאַר-מאַכן: מענטשן-מענער, אַ פשיטא שוין ווייבער...

1) «בא הצורך והוליד את היכולת». ברוסית: „Нужда научает и плакать и скакать“.

874

**לֹא תִסְתּוֹם בִּצְרוֹר,
אֶת פִּי הַיְאוֹר...**

מיט אַ שפּענדל וועסטו דעם ים ניט פאַרשטאָפּן.

ממדרש עם.

875 ס ב ה.

יוֹם נוֹלַדְתִּי בוֹ,
בִּבְכִי עָלַי עָבַר,
וְכָל יוֹם לִי אַחֲרָיו
מַעֲמִידֵנִי עַל סִבַּת הַדָּבָר...

דער טאָג, אין וועלכן איך בין געבוירן געוואָרן, איז מיר אַריבער אין געוויין; יעדער טאָג נאָכהער האָט מיר אויפגעקלערט די סיבה דערפון... (ד. ה. ס'איז פאַראַן פאַרוואָס צו וויינען...)

876 ס ד ר.

„סֵדֶר" לְיִשְׂרָאֵל אַךְ אַחַת לְשָׁנָה,
וּמִיַּד שׁוֹאֲלִין „מַה נִּשְׁתַּנָּה".

ביי אידן איז «סדר» איין מאָל אין יאָר, און גלייך פרעגט מען שוין מה-נשתנה».

877 ס ה ר.

קַבָּלָה הִיא בְּיָדֵינוּ:
הָלוֹךְ יֵלֵךְ וְחָוֹר הַסַּהַר,
עַד יֶחְדַּל לְהַלְבִּין פָּנָיו
כָּל מְשׁוֹרֵר נָעַר... [1])

מיר האָבן בקבלה: די לבנה וועט ווערן אַלץ בלאַסער און בלאַסער, ביזוואַנען ס'וועט אויפהערן יעדער דיכטער איר מבייש צו זיין... (ז' באַמערק).

878 סוחר טוב.

נַקְטִינַן: לֹא כָל סוֹחֵר טוֹב—
שׁוֹחֵר טוֹב.
לֹא כָל שֶׁמֶן טוֹב —
סִמָּן טוֹב... [2])

מיר האָבן בקבלה, אַז ניט יעדער «סוחר טוב„ איז אַ «שוחר טוב», («סוחר טוב» — אַגוטער סוחר; «שוחר טוב»— אַ ערליכקייט-פאָדערער), און ניט יעדער «שמן טוב« (גוטער בוימאייל) איז אַ «סימן טוב»...

1) ד. פרישמן. ור"ל. כי אין משורר בעולם שלא ימשמש בידיו ב«לבנה» ולא יספר עליה אח"כ דברים שבהבל יסודם... 2) את שני המבטאים השגורים מאד «סוחר טוב» ו«שוחר טוב» מחליף לפעמים היהודי הליטאי במבטאו...

879 ס ו ס.

„אַל תִּהְיוּ כְּסוּס״ —
נִצְּטוּ עָלֶיהָ כָּל הָעוֹמְדִים
עַל גַּב הָאֵבוּס... [1]

אין פסוק שטייט: «אל תהיו כסוס—«זייט ניט קיין פערד» — מיינט מען טאַקע דערמיט אויך (קיין פערד ניט צו זיין).. די אַלע וואָס שטייען ביי דער קאָריטע. (ביי דער שיסעלע...).

880 ס ו פ ר י ם.

נִכָּרִים סוֹפְרֵי אֱמֶת
בְּכִשְׁרוֹנָם —
לְכַסּוֹת בּוֹ מַעֲרֻמֵּי
רַעְיוֹנָם... [2]

אמתע שרייבער זיינען די, וועלכע קענען מיט זייער טאַלאַנט צודעקן די נאַקעטקייט פון זייער געדאַנק...

881 ש י ח ה.

„אַל תַּרְבֶּה שִׂיחָה
עִם הָאִשָּׁה״—
דַּי לָהּ רַק מִלָּה בִּלְחִישָׁה...

«רייד קיין סך ניט מיט דער פרוי» ווייל ס' קלעקט איר איינאונאיינציק וואָרט אינדערשטיל... (זי וועט עס שוין צופויקן איבער דער שטאָט...).

882

בַּעֲשָׂרָה קַבִּים שֶׁל שִׂיחָה
שֶׁיָּרְדוּ לָעוֹלָם,
חֲצִי קַב חָכְמָה מִמִּינָם,
תִּשְׁעָה וָחֵצִי שֶׁל סִכְלוּת
מִשְּׂמֹאלָם...

פון די צען טעפ רייד וואָס זיינען אַראָפּ אויף דער וועלט, איז אַ האַלבער טעפּל חכמה, און ניין אַ האַלב — נאַרישקייטן...

1) אלה הקרובים תמיד אל קפת הקהל ומורים התר לעצמם בה... 2) וסופרים כאלה מאמתים תמיד את המאמר «לא נבראה הלשון אלא לכסות בה מערומי הלב»...

883 שכל.

„הָרוֹצֶה לְאַבֵּד מָעוֹתָיו",
יִשְׁתַּמֵּשׁ בְּשֵׂכֶל אִשְׁתּוֹ
אוֹ בְּנוֹתָיו... [1]

«ווער סוויל פאַרלירן זיינע געלט», זאָל זיך באַנוצן מיט דעם שכל פון זיין ווייב אָדער זיינע טעכטער. (ז' באַמערק.).

884

מַה שֶּׁיַּעֲשֶׂה הַזְּמַן,
הַשֵּׂכֶל בָּן... [2]

וואָס די צייט מאַכט, פאַרשטייט שוין אויך דער שכל...

885 שלמה.

לְגוּף אֶדֶר שַׁלְמָה —
הֶרֶב שַׁלְמָה,
וּכְרֵסְךָ לְמַלֵּא —
רַק דֵי שָׁוְיָה הָעֲלֵה... [3]

אַ בגד זיך מאַכן — באַצאָל וויפל ניט ווערט איז, די בויך אָנפילן — מערניט וואָס ווערט איז...

886 סמאל.

כְּשֶׁסַּמָּאֵל רוֹאֶה צוֹרֶךְ
בְּכַךְ,
יִפְסוֹק פְּסוּקוֹ גַּם מִן
הַתַּנַ"ךְ...

אַז סמאל (דער מלאך-חבלה) האָט נויטיק אַ זאַך, קאָן ער געפינען אַ פסוק אויף דעריין אַפילו פון סאַמע תנ"ך...

887 סימן.

בֵּין יְהוּדִי וְכֶלֶב
רָאִיתָ זִקָּה —
סִמָּן שֶׁאֶחָד מֵהֶם טָעוּן
בְּדִיקָה... [4]

זעסטו אַ אידן מיט אַ הונט לעבן אין פריינדשאַפט, איז עס אַ סימן, אַז איינער פון זיי דאַרף ווערן אונטערזוכט... (אָדער דער איד איז קיין איד ניט, אָדער דער הונט איז קיין הונט ניט...)

---

1) פרודיה על המאמר התלמודי הידוע: «הרוצה לאבד מעותיו ישתמש בכלי זכוכית». 2) המקובל הוא «מה שיעשה הזמן לא יעשה השכל». אבל כל פלאות הטבע, מכיון שהעין דשה בהן, נעשות לו «מובנות» שאינן מעוררות בקרבו כל פלא... 3) בסגנון התלמוד: «עשיק לגוף ושוי לכרסך». 4) כי יהודי וכלב, כידוע, צהובים (שונאים) זה לזה משׁשת ימי בראשית...

888 שנא.

אַהֲבַת אֱנָשׁוּת כֻּלָּהּ
עוֹלָמוֹ יִבָּנֶה,
וַאֲנָשֶׁיהָ בָּהּ, חֲזֵה,
הוּא שָׂנֵא... [1]

ס׳טרעפט, איינער בויט-אויף זיין וועלט (זיינע אָנשויאונגען) אויף «מענטשהייט-ליבע», און די מענטשן פון דער וועלט, האַסט ער...

889 שונאך.

„אִם רָעֵב שׂוֹנַאֲךָ
הַאֲכִילֵהוּ",
אַךְ אִם שָׂבֵעַ–הַרְעִיבֵהוּ...

«איז דיין שונא הונגעריק — גיב אים עסן»; איז ער אָבער זאַט — לאָז אים אויסהונגערן...

890 ספר.

סֵפֶר שֶׁכָּל עִקָּרוֹ הַהוֹוֶה,
בְּנֵזֶק הֶעָבַר וְהֶעָתִיד
אֵינוֹ שָׁוֶה... [2]

אַ בוך, וואָס זיין גאַנצער עיקר איז די געגנוואַרט, איז ניט ווערט דעם שאָדן פון צייט, וואָס מען האָט געהאַט צוליב אים פריער און וואָס מען וועט נאָך האָבן דערנאָך...

891 ספרת חכמה.

לְעַיִן בּוֹחֶנֶת
בְּנֶפֶשׁ מַשְׂכֶּלֶת,
עַל הֶחָצִיר סִפְרַת חָכְמָה
מִתְגּוֹלֶלֶת... [3]

פאַר אַ קלוגע דורכדרינגליכע אויג, וואַלגערט זיך אַפן גראָז אַ גאַנצע ביבליאָטעק פון חכמה...

---

1) כלומר, יש וזרועות עולם, כל האנושיות כולה, הוא חובק באהבתו, ואת האנשים הבודדים בתוך האנושיות הלזו, הוא שונא... 2) ספר שאינו מאריך ימים ממחברו, אינו שוה בנזק העת... 3) ר"ל, לו פקח האדם עיניו, ראה ספרי חכמה בחציר שתחת רגליו; וזה מעין הענין «מלפנו מבהמות ארץ»..

סְתִירַת זְקֵנִים,
לְאַחֲרֵי בִּנְיָן-עִנְיָן,
בִּנְיַן צְעִירִים, לִפְנֵי
סְתִירָה–
גַּם זֶה לְטוֹב נַכִּירָה...

ווען אַלטע ברעכן נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין עפּעס אַנדערש אויפגעבויט—מאַכט ניט אויס; ווען יונגע בויען-אויף עפּעס איידער זיי האָבן דאָס פריערדיקע צע-בראָכן—איז אויך ניט שלעכט.

מפי חכמים.

ע

893 ע ב ד.

עֶבֶד הָרָצוֹן לְשֵׂכֶל הֶחָכָם,
וּכְסִיל אָדָם הֲפָכָם... [1]

דער ווילן איז אַ קנעכט פון חכמ'ס שכל; דער שכל איז אַ קנעכט פון נאַר'ס ווילן...

894

עֶבֶד כִּי יִמְשׁוֹל יִנָּשֵׂא,
עֵת הִתְקוֹמֵם אַף הוּא
לַאֲדוֹנוֹ הַקָּשֶׁה... [2]

ווען אַ קנעכט ווערט אַ הערשער, פאַרגעסט ער, ווי ע ר אַליין האָט געליטן פון ז יי ן הערשער..

895 ע ב ד ו ת.

עַבְדוּת מֵחִבָּה,
שְׂרָרָה בְּחֻבָּה... [3]

קנעכטשאַפט אויס ליבע איז פריי פון הערשאפט...

896 ע ב ו ד ה.

הָעֲבוֹדָה יַעֲשׂוּהָ עֲמֵלִים,
רַב הוֹדָהּ בְּפִי עֲצֵלִים... [4]

אַרבעט, וואָס אַנדערע זאָלן אַרבעטן, ווערט שטאַרק פאַרהערליכט אינם מויל פון פוילן...

897 ע ו ל ה.

רַע הַמַּצְדִּיק עַוְלָה
מִבַּעַל עַוְלָה...

ערגער איז דער וואָס באַרעכטיקט אַן עוולה פון דעם וואָס טוט אַן עוולה.

898 ע ז.

גַּם הָעַז שֶׁבַּזִּכָּרוֹן,
אֵין כַּרְפָּה שֶׁבַּדְיוֹ לְבִצָּרוֹן. [5]

די שוואַכסטע טינט האַלט מערער ווי דער שטאַרקסטער זכרון...

1) הפכם, כלומר, משעבד את שכלו לרצונו. 2) נ. א. «לעבדות מתקומם עבד, שואף להיות אדון»... 3) ג. א. «עבדות מאהבה חפשית משררה». 4) הה, מה רבו בקרבנו האלה שאין בפיהם די מלים לספר תהלת העבודה וקדושתה ובלבד שתיעשה ע"י אחרים... 5) ברוסית: „Что написано пером, не вырубишь топором".

899 ע י ן.

עֵין הָאָדָם —
בּוֹר אֲשֶׁר חָפַר,
לֹא תִשְׂבַּע הוֹן
עַד יְכַסֶּנָּה עָפָר.

דעם מענטשנס אויג איז אַן אויסגעגראָ-
בענע גרוב; ווערט ניט זאַט, ביזוואַנען
אַ שטיק ערד דעקט עס צו...

900 ע ם.

הָעוֹבֵד בְּעַד הָעָם,
יִכּוֹן לִקְרַאת נִבְחַת
כַּלְבֵי הָעָם.

דער וואָס אַרבעט פאַרן פאָלק, דאַרף
זיין אויך געגרייט צום בילן פון די
הינט פון פאָלק...

901 ע מ ל.

אֵין עָמָל בֶּעָמָל,
אִם יֵדַע הֶעָמֵל,
שֶׁלּוֹ הוּא עָמֵל.

קיין אַרבעט איז ניט צו שווער, ווען דער
אַרבעטער ווייס, אַז ער אַרבעט פאַר
זיך אליין...

902 ע נ י ו.

אִי-לוֹ מַעֲמִיד פָּנָיו,
כְּעָנָו,
וְגָנַב (דעת הבריות)
מָהִיר מִיָּהִיר...

אַ מענטש שטעלט-אָן אַ פנים פון אַ
עניו, און באַגנבעט דערמיט (דעם דעת
הבריות) נאָך מערער ווי דער אָנערקענ-
טער חצוף...

903 ע נ ו ה.

עֲנָוָה נִפְרָזָה,
כְּגַאֲוָה נִפְרָזָה.

איבערמאָסיקע עניוות איז ווי איבערמאָסי-
קע גאווה...

904

גַאֲוַת אָדָם תַּשְׁפִּילֶנּוּ,
וַעֲנָוָתוֹ,
יֵשׁ עַד דַּכָּא תְּשִׁיבֶנּוּ..

די גאוה מאַכט דעם מענטשן נידעריקער. עניוות צעברעכט אים אַ מאָל אינגאַנצן.

905 ע ו נ י.

יַשְׁקִיף הֶעָוֹנִי
לְבֵית חָרוּץ בְּעַד חַלּוֹנוֹ,
וְאֶל הֶעָצֵל —
בְּעַד הַפֶּתַח לִמְעוֹנוֹ...

די אָרימקייט קוקט אַריין ביי דעם פלייסיקן אין וווינונג, דורכן פענסטער, און ביי דעם פוילן—דורך דער טיר...

906 ע נ י ו ת.

מֵאֵימָתַי נֶחְשֶׁבֶת הָעֲנִיּוּת
לִכְלִמָּה?
—מִשֶּׁנִּקְלֶטָה בַּנֶּפֶשׁ
פְּנִימָה. [1]

פון ווען-אָן רעכנט זיך שוין אָרימקייט ווי אַ שאַנד?— ווען די אָרימקייט איז שוין אין טיפעניש פון נשמה אַריין...

907 ע נ ש.

הַמְקַנֵּא תַּעַנְשֵׁהוּ—
שִׂמְחַת רֵעֵהוּ... [2]

דער בעל-מקנא באַקומט זיין שטראָף אין דער שמחה פון זיין חבר...

908 ע צ ה.

יֵשׁ וְיָעוּץ לֶאֱוִיל עֲצַת
אִוֶּלֶת,
וְהִיא טוֹבָה כְּפוּלָה
וּמְכֻפֶּלֶת... [3]

מען גיט אַ מאָל דעם נאַרן אַ נאַרישע עצה, און די טובה דערפון איז אַ דאָפּלטע... (ז' באַמערקונג).

---

1) ג. א. «משנקלטה העניות בנפש העני, לא יעשירוהו גם עשרת אלפים ככר כסף». 2) ענשו של המקנא, ששמחת אחרים תשבית שמחתו ומנוחתו... 3) ראשית, היועץ בעצמו לא שחת דבריו היפים, ושנית, האויל נוח לו לקבלה באופן זה, כי רמות ונשגבות לא יבין...

909

הַלֵּב יוֹעֵץ בְּטֶרֶם יִשְׁאַל, לָכֵן שְׁמוֹעַ לַעֲצָתוֹ אַל תִּבָּהֵל...

דאָס האַרץ גיט אַן עצה איידער מען פרעגט עס נאָך, אייל זיך דעריבער ניט אָנצונעמען זיין עצה...

910

אִם יִרְבּוּ בַּעֲלֵי הָעֵצוֹת, תִּהְיֶה אוֹבֵד עֵצוֹת... [1]

פון אַ סך עצה-געבער בלייבט מען אָן אַ עצה...

911

כְּסִיל אֵינֶנּוּ אוֹבֵד עֵצוֹת, אֶלָּא מְאַבֵּד עֵצוֹת...

אַ נאַר איז ניט פאַרלאָרן פון די עצות, ער פאַרלירט די עצות...

912 עקום.

עָקוֹם בְּהִלּוֹ— עָקוֹם בְּצִלּוֹ... [2]

פון אַ קרומען ליכט, איז אויך דער שאָטן קרום...

913 עקש.

אִבֵּד הָעִקֵּשׁ בְּעִקְשׁוּתוֹ, יוֹתֵר מֵהַסָּכָל בְּסִכְלוּתוֹ.

אַן עקשן פאַרלירט מערער דורך זיין עקשנות, ווי דער נאַר דורך זיין נאַרישקייט...

914 ערובה.

הָעַיִן עֲרֻבָּה, לַנֶּפֶשׁ תְּחֻבָּא... [3]

דאָס אויג איז די גאַראַנטיע פאַר דער נשמה...

---

1) ואמר החכם ג"כ: «שמע עצת רבים ולא עצות רבות». ומעין זה מדייקים ג"כ בפסוק: «ותשועות ברוב יועץ»—ולא ברוב יועצים... 2) מפתגמי לוקמן הערבי: «אעוג אַעוג טלה». 3) ר"ל, עפ"י העין מכירים מצפוני הלב.

915 ערוך.

עָרוּךְ מֵאֶתְמוֹל בְּלֵב אָדָם
עֵדֶן וְתֹפֶת,
וּבְמוֹ פִּיו — יַחַד
אֶרֶס וָנוֹפֶת...

אין אַ מענטשנס האַרצן איז אי אַ גן-עדן אי אַ גיהנום; אין זיין מויל — אי גיפט אי האָניק.

916 עת.

עֵת לְלַבּוֹת,
וְעֵת לְכַבּוֹת... [1]

ס׳ איז אַ צייט אויף אויפצופלאַקערן, ס׳איז אַ צייט אויף צו פאַרלעשן..

917 עתיד.

רְאֵה עֲתִידְךָ
כְּאִלּוּ כְּבָר עָבַר,
וְחָיִיתָ לְלֹא-דָאוֹג
לְדָבָר...

שטעל זיך פאָר, כּאילו ס׳איז שוין פאָר-איבער דיין מאָרגן, וועסטו לעבן אָן זאָרגן...

---

1) ר׳ בר ממזריטש (רביד הזהב, פ״א) ראה שהתלמידים התלהבו יותר מדי לעבודה, אמר להם «למדו היטב» כלומר, הפירוש «היטב» מלשון «בהיטיבו את הנרות», ור״ל הרגילו עצמכם שתוכלו ג״כ לכבות את ההתלהבות לצורך עליה...

מפי העם.

918 עבי-כרס.

עֳבִי כְּרֵס וְחָזֶה,
רֻבָּם מוֹחָם רָזֶה...

ווען די בויך איז גראָב, איז אַממערסטן דער מוח מאָגער...

919 עגלה.

הוֹשִׁיבְךָ פְּלוֹנִי בְּעֶגְלָתוֹ,
שִׁירָה לוֹ, אַחָא,
מִשִּׁירָתוֹ.. [1]

אויף וואָס פאַר אַ וואָגן דו זיצסט, אַזאַ לידעלע זינג.

920 עון.

הַשֵּׂה כָּל עֲווֹנוֹ —
לַזְּאֵב רַעֲבוֹנוֹ... [2]

דער גאַנצער חטא פון שעפס—וואָס דער וואָלף איז הונגעריק...

921 עולם.

כַּמָּה מְרֻבֶּה קִלְקוּל הָעוֹלָם,
אִם רִ׳ צוֹצְלִי זֶה
הוּא מִמְתַקְּנֵי עוֹלָם...

ווי שטאַרק טאַקע איז שוין די וועלט איבערגעפירט, אַז אָטאָ דער ר׳צאָצעלע איז פון אירע אויפבויער....

922 עורב.

עָף הָעוֹרֵב
מֵעַל גַּפֵּי מְרוֹמֵי עִיר,
וְנִשְׁאָר עוֹמֵד
עַל גַּבֵּי חֲזִיר...

אַ וואָראָנע (אַ ראָב) פליט הויך-הויך. און בלייבט שטיין אויף אַ חזיר...

923 עז.

כְּבָשִׂים לַגֵּז,
חֶרְדַּת הָעֵז... [3]

אַז מען שערט די שעפסן, ציטערן די לעמער.

1) מעין התלמוד: «אתית לקרתא זיל בנימוסיה». 2) מנדלסון אמר: כל משאת נפשו של הזאב, להפך בשר כבשה לבשר זאב»... 3) מעין הכתוב ב«משלי»: «לץ תכה ופתי יערים»...

924 — ע ז ר ה.

עֶזְרָה בְּעִתָּהּ,
פִּי-שְׁנַיִם מוֹשִׁיטָה...

אין דער צייט געהאָלפן — דאָפּלט גע-האָלפן...

925

כָּל עֶזְרַת חָבֵר יְקָרָה,
חוּץ מֵעֶזְרָה
לְמַה שֶׁבַּקְּעָרָה...

יעדע מיטהילף פון אַ חבר איז טייער, חוץ די מיטהילף צום שיסעלע... (ווען ער איז אַ מיט-עסער פון זעלביקן שי-סעלע...).

926 — ע ט ר ה.

אִם הָעֲטָרָה גּוֹרְמָה לְךָ
רַק צַעַר,
מַה-יַּמְרִיצְךָ לְשֵׂאתָהּ,
בָּעַר!...

ווען די קרוין פאַרשאַפט דיר אַזוי פיל צער, טאָ ווער צווינגט עס דיר צו טראָגן—נאַר?!...

927 — ע כ ב ר.

אֶל תּוֹךְ סִיר מְגֻלֶּה עוֹמֵד,
הָעַכְבָּר תְּקוֹעַ רֹאשׁוֹ
חוֹמֵד... [1]

אין אַן אָפענעם טעפּל, רוקט די מויז איר קעפּל...

928 — «ע ם א ר ץ».

חָפֵץ אֵל לְהָשִׁיב
„עַם-אָרֶץ" עַד דַּכָּא,
אֶל תּוֹךְ גְּרוֹנוֹ
„פָּסוּק" תָּקַע...

ווייל גאָט דעם «עם-ארץ» שטראָפן, שטעקט ער אים אַ פסוק אין האַלדז אַריין... (ניטאָ קיין מערער לעכערליכע זאַך ווי ווען אַן עם-ארץ באַנוצט זיך מיט אַ פסוק).

1) ובתלמוד: «לאו עכברא גנב, אלא חורא גנב»...

929 ע מ ד.

אַל תַּעֲמוֹד
מֵאֲחוֹרֵי דֶלֶת וָסָף,
לָמָה יִסְבּוֹל תַּחְתֶּיךָ הָאָף?.

שטיי ניט הינטערן טיר—פאַרוואָס זאָל ליידן צוליב דיר דיין נאָז?...

930 ע נ י.

אֵימָתַי נֶפֶשׁ הֶעָנִי עָלְצָה?
—לִכְשֶׁאִבֵּד-מָה וְחָזַר וּמָצָא.

ווען פרייט זיך דער אָרימאַן? — ווען ער פאַרלירט און געפינט.

931

הֶעָנִי, תָּמִיד לוֹ הָרוּחַ
אֶל עֵבֶר פָּנָיו יָפוּחַ...

ווי דער אָרימאַן זאָל ניט גיין, איז אים אַלעמאָל דער ווינט אין פנים אַריין...

932 ע נ י ו ת.

אֵין הָעֲנִיּוּת בּוּשָׁה,
אֲבָל גַּם לֹא הָדָר לְבוּשָׁה...

אָרימקייט איז קיין שאַנדע ניט. אָבער קיין פוץ איז דאָס אויך ניט.

933 ע צ ה.

מִפִּי כָּל עֵצָה שְׁמַע,
אֲבָל גַּם מִשְׁפָּטְךָ אַתָּה דַע.

ביי אַנדערע פרעג אַן עצה, אָבער דיין אייגענע מיינונג זאָלסטו אויך האָבן...

934

אַךְ שָׁוְא עֵצָה יְבַקֵּשׁ,
אֲשֶׁר שְׁמוֹעַ יִתְעַקֵּשׁ. [1]

וואָס טויג אַן עצה דעם וואָס וויל ניט פאָלגן?...

935

אֵין עֵצָה וְאֵין תְּבוּנָה,
לְנֶגֶד סוּסָה בְּמֵאוּנָה....

אין עצה ואין תבונה כנגד אַ נאַראָוויס-טע קליאַטשע...

---

1) ג. א. «יש ישאל פי רעהו, למען דעת איך לעשות הפכהו»...

936 ע צ ל.

רַבּוֹת הַתְחָלוֹת
לֶעָצֵל קַלוֹת,
מֵאֲשֶׁר פַּעַם אַחַת לְכַלּוֹת [1]

דעם פוילער איז לייכטער פיל מאָל אָנפאַנגען אַ זאַך, איידער איין מאָל ענדיקן

937 ע ר ו ב ה.

אֵין עֲרֻבָּה לָאִישׁ,
מִמַּחֲלָה וָרִישׁ...

פון קראַנקייט און אָרימקייט איז קיינער ניט באַוואָרנט.

938 ע ש ה.

לְעוֹלָם עֲשׂוֹת בְּיָדְךָ
הֱוֵה שָׁקוּד,
כִּי בְּיַד זָר—
אַךְ לַחְתּוֹת אֵשׁ מִיָּקוּד...

מיט פרעמדע הענט איז נאָר גוט פייער צו פאַרשאַרן...

939 ע ו ש ר.

אָמַר הָעֹשֶׁר: אֲנִי הַיֹּשֶׁר. [2]

ביי דעם עושר איז דער יושר...

940 ע ת.

לֹא תָמִיד מִתְנַהֵל לְאִטּוֹ,
מַקְדִּים עִתּוֹ...

ניט אַלעמאָל דער וואָס פאָרט לאַנגזאַמער, קומט גיכער. (דער כלל איז אָבער: לאַנגזאַמער געפאָרן, גיכער געקומען»).

1) על העצל אומרים ג״כ: «העצל אפילו בתקופת תמוז יקצר לו היום».
2) נ. א. «אימתי שירצה העושר — שעת הכושר». ועל היושר אמר החכם: «היושר— מין אקדח של ילדים שאינו רובה, משתמש בו החלש כנגד מי שתקיף ממנו»...

ממדרש עם.

941 עבדים.

עֲבָדִים מָשְׁלוּ בָאָדָם,
בְּנֵי־חוֹרִים
פּוֹרְקִים מִיָּדָם.. [1]

קנעכט געוועלטיקן איבער אונז — וועלן פרייע דערלייזן פון זייערע הענט... (ז׳ באַמערק.)

942 עבודה.

עֲבוֹדָה גוֹרֶרֶת עֲבוֹדָה...

אַרבעט ברענגט אַרבעט.

943

עֲבוֹדָה שֶׁבַּלֵּב — תְּפִלָּה,
וְלֹא כָל תְּפִלָּה —
עֲבוֹדָה שֶׁבַּלֵּב... [2]

דער באַגריף «גאָט דינען מיטן האַרצן» הייסט—תפילה, אָבער ניט יעדע תפילה הייסט—גאָט געדינט מיטן האַרצן...

944 עברה.

אִלְמָלֵי הָיְתָה עֲבֵרָה,
כְּלוּם לֹא גָזַר עָלֶיהָ
„הָרַב" גְּזֵרָה?
אִלְמָלֵי הָיְתָה סַכָּנָה,
כְּלוּם חָזַר עָלֶיהָ הָרוֹפֵא
וְשָׁנָה? [3]

וואָלט עס אַן עבירה געווען, וואָלט עס דער רב ניט געטאָן; וואָלט עס אַ סכנה געווען, וואָלט עס דער דאָקטאָר ניט טאָן.

---

1) כלומר, בני־חורין, בגופם וברוחם, יכולים לפרוק מיד עבדים, אבל לא «עבדים» שכמותם... 2) גמרא: «איזוהי עבודה שבלבז—תפלה». 3) פריה ורביה.

945 ע ג ל ו ן.

נָפַל סוּסְךָ, עֶגְלוֹן —
עֶגְלָתְךָ הַעֲמֵד,
לֵךְ כְּנוֹס תַּלְמִידִים
וֶהֱוֵה מְלַמֵּד!... [1]

איז דיין פערדל געפאַלן — שטעל אַוועק דיין וועגל; גיי קלייב צונויף תּלמידים און ווער אַ מלמד... (ז׳ באַמערק).

946 ע ד.

עֵד שֶׁקֶר עוֹנֶה בְרֵעֵהוּ,
בּוֹז יָבוּז לוֹ
גַם הַשּׂוֹכְרֵהוּ. [2]

דעם פאַלשן עדות האָט פיינט אַפילו דער אייגענער דינגער זיינער...

947 ע ו ל ם.

„עוֹלָם חֶסֶד יִבָּנֶה",
עַם עִם דְּרוֹשׁ מִשְׁפָּטוֹ
יִבָּנֶה... [3]

אַ פסוק זאָגט: «די וועלט בויט זיך אויף חסד», דאַרף מען נאָך דערצו מוסיף זיין: אַ פאָלק בויט זיך אויף זיין רעכט-פאָדערן...

948

הָעוֹלָם הַזֶּה
נְהַר קֶרַח נָמֵס
מָלֵא „קַרְחוֹנִיָּה" —
חֲטוֹף וּקְפוֹץ
מֵאַחַת לִשְׁנִיָּה... [4]

אונזער וועלט איז געגליכן צו אַ האַלבּ-פאַרפראָרענעם טייך, וואָס איז פול מיט «קריעס» (אייז-שטיקער) — כאַפּ, בן-אדם, און שפרינג פון איין קריע צו דער צווייטער...

---

1) רמז לאותם הימים, שמלמד בישראל יכול היה להעשות כל הרוצה וכל מי שפרנסתו קופחה לו ממקום אחר, ומלאכה זו לא דרשה מבעליה כל ידיעה והכשרה קודמת... 2) בסנהדרין כ״ט: «סהדי שקרי אַאוגריהו זילי». 3) נורדוי. העולם בכללו יכול להתקיים על יסודות החסד הכללי שישתלט על הארץ כולה, וה«עם» הצפוי רק לחסדם של אחרים, נכנע ומשועבד לרצונם ואינו חי חייו הוא... לא חסד אנו דורשים, כ״א משפטנו וזכותנו לחיות שיש לנו ככל הגויים... 4) ש. אש. העולם קיים על המומנט, מומנט ההצלה. אתה קופץ מגב קרחוניה אחת לחברתה, ואין אתה רשאי להתעכב הרבה על אחת מהן, מפני שהיא מתמסמסת מתחת לרגליך ואתה יורד למצולות...

949 עז-פנים.

„עַז-פָּנִים לְגֵיהִנּוֹם״—
בְּעָלְמָא דְאָתֵי;
בּוֹשׁ פָּנִים לְגֵיהִנּוֹם—
בְּהַאי עָלְמָא...

אן עזות-פנים וועט דעם גיהנום האָבן אויף יענער וועלט; אַ בושת-פנים האָט דעם גיהנום אויף דער וועלט...

950 עינים.

בִּשְׁבוּעָה! לֹא הָיִיתִי יוֹדֵעַ
מִכָּל מַאֲוַיַּי,
אֵלּוּ שֶׁיֶּשְׁנָם לִי בְּחַיַּי,
אִלְמָלֵי לֹא נִתְּנוּ עֵינַיִם
לְכָל זוּלָתִי
תַּחַת הַשָּׁמַיִם... [1]

איך שווער! וואָלטן אַלע אַנדערע מענטשן קיין אויגן ניט געהאַט, וואָלט איך אַלע מיינע פאַרלאַנגען אין לעבן ניט געהאַט.

951 עכבר.

עַל דְּבָרִים שׁוֹכֵב עַכְבָּר,
בְּפִי הֶחָתוּל שְׁמוֹ עַכְבָּר. [2]

ווען אויף רענדלעך ליגט אַן עכבר (אַ מויז), אויך דאַן איז ער דער קאַץ ניט קיין נאַכבאַר... (אַ דייטש-אידיש ווערטל. (ז' באַמערק.).

952 עול.

קָיְמָא לָן: לֹא כָּל עוֹל,
פֵּרוּשׁוֹ: סְבוֹל... [3]

זאָגט די וועלט: «ניט יעדער יאָך הייסט — געליטן»... (ז' באַמערק.).

---

1) ד״ר פרנקלין. וזהו פירוש הכתוב ב«קוהלת» ד. «וראיתי אני את כל עמל ואת כל כשרון המעשה כי היא קנאת-איש מרעהו». 2) «עכברא דשכיב אַדינרי», מליצה לכל כילי וקמצן, עפ״י התלמוד. 3) נ. א. «אשרי עול, מחולל קול, אוי ואללי לעול, אלם שאול»... ור״ל יש עול שהוא מחולל קול מחאה, מפרה את המחשבה, ומשיח אלמים לדרוש משפטם בשער, כשכבר כשל כח הסבל, ויש עול שהאדם גופו מקבלו באהבה וברצון, מתוך הכרת רגש נעים, מפני שהעול הזה חביב עליו, כמו עול מצוות ליראי שמים («מצוות מכבידות רק לבועטים בהן»...) או עול האהבה שבינו לבינה...

953 עלבון.

אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת
מֵעֶלְבּוֹנָם שֶׁל חַיֵּיהֶם,
שֶׁלֹּא נִתְּנוּ אֶלָּא לַמְּמִיתִים
עַצְמָם עֲלֵיהֶם... [1])

ווייַ איז די מענטשן פון לעבן־באַליי־דיקטע, וועלכע קענען אים, דעם לעבן, אַנדערש ניט באַקומען, סיידן זיי זאָלן זיך אַוועקממיתן וועגן אים...

954 על דאטפת.

„עַל דְּאַטֵּפְתְּ אַטִּיפוּךְ״ —
בַּ„פֶּרֶק״ שָׁנִינוּ;
„עַל דְּלָא אַטֵּפְתְּ אַטִּיפוּךְ״ —
בְּעֵינֵינוּ רָאִינוּ... [2])

«ווייל דו האָסט דערטרונקען דעם צווייטן, דערטרינקט מען דיר» — דאָס האָבן מיר אין «פּרק» געלערנט; «ווייל דו האָסט ניט דערטרונקען דעם צווייטן, דערטרינקט מען דיר, דאָס זעען מיר כסדר מיט די אויגן...

955 על־חטא.

לוּ גַּם שִׁבְעָתַיִם יֶאֱרַךְ
הָ„עַל־חֵטְא״,
קָשֶׁה הִימֶנּוּ עֲוֹון הֶגֶה זֶה
שֶׁל „אֶט״... [3])

ווען אונזער «על־חטא» וואָלט אַפילו זיבן מאָל אַזוי גרויס געווען, איז אַלץ דער גרעסטער חטא — אָטאָ דער «עט». (ז׳ באַמ.).

956

אוֹי לוֹ לְמִי שֶׁכָּל
הָ„עַל־חֵטְא״
בִּשְׁבִילוֹ עוֹד מְעַט, —
וְלֹא הֵתַם מֶנּוּ שָׁאַב,
מִסְפַּר חֲטָאָיו... [4])

ווייַ דעם יעניקן, ווער ס׳האָט שוין דעט גאַנצן «על־חטא» פאַרענדיקט, און האָט נאָך אָבער ניט אַרויסגעשעפּט פון דאָרטן די גאַנצע צאָל חטאים זיינע...

---

1) ועל גבר לא־יצלח בימיו, אמר רבי אברהם בן־עזרא: «לו יהיו נרות סחורתי — לא יחשך שמש עדי מותי! לו אהיה סוחר בתכריכין — לא יגועון אישים בכל ימי!... 2) מעין הגמרא: «הבא להרגך השכם להרגו». 3) זהו הביטול בחדא מחתא, בעקימת חוטם וכו׳, שרגיל בו היהודי באמירת «אט» בעלמא... 4) מי שרשימת ה«על־חטא» מעטה בשבילו ואינה מכילה ומקיפה כל חטאיו, מפני שהם, חטאיו, רבו הרבה יותר..

957

אוֹי מַגִּיעַ לְ״עַל-חֵטְא״ פְּלוֹנִי, וּמוֹצֵא שֶׁלֹּא קִיְּמוֹ מֵעוֹנִי... [1]

ווי איז דעם, וואָס איז צו אַן «על-חטא» צוגעקומען, און געפינט אויס, אַז ער האָט ד ע ם «על-חטא» ניט געקאָנט אויספירן, צוליב זיין אָרימקייט...

958 «ע ל י ה».

יֵשׁ מְקַבֵּל ״עֲלִיָּה״ יָפָה, וְאֵינוֹ מְקַבֵּל ״הַקָּפָה״...

ס'באַקומט אַ מאָל איינער אַ שיינע „עליה" (אין בית-מדרש), און באַקומט אָבער ניט קיין „הקפה"... („הקפה" מיינט אין העב-רעאיש אַ „הקפה" מיט דער ספר-תורה אום שמחת-תורה, און אויך—קרעדיט...).

959 עם-ארץ.

הָהּ, מִי יַעֲמוֹד לָנוּ בַּפֶּרֶץ? כְּבָר צוֹעֵד קוֹמְמִיּוּת ״עַם-הָאָרֶץ!״.. [2]

אָי, געוואַלד, ווער קען זיך היינט פאַר אונז איינשטעלן? דער עם-ארץ, דער עם-ארץ שפרייזט!.. (ז' באַמ.):

960 ע מ ל.

״כָּל עֲמַל אָדָם לְפִיהוּ״— וּלְפֶה חֵלֶק גַּם עֲמַל אָחִיהוּ.

אַ פסוק: „די גאנצע מי פון אַ מענטשן איז פאַר זיין אייגן מויל"; אַ גלאַטינקע מיילכעלע נעמט ס'רוב אויך אַריין די מי פון אַ צווייטן...

961 ע מ ק.

הֶחָכָם הָעֲמֵק יִשְׁאָלֶה, וּכְסִיל אָדָם — הַגְבֵּהַ לְמָעְלָה...

דער חכם רעדט ט י ף, דער נאַר—הויך...

---

1) יש והרבה מצטער האדם בשעה שנזכר, שעברה זו נתגלגלה לידו ולא עשאה אלא מפני שהפרוטה לא היתה מצויה באותה שעה בכיסו... 2) כי אוי לו לדור שעם-הארצות והבורות נעשתה בו לשיטה («דוקטרינה» בלע"ז) בחיים, ובה יתימרו.

962 ע נ י.

עָנִי־חָשׁוּב כְּמֵת,
עָנִי־חָשׁוּב—מְמֵת...

אַן אָרימאַן איז חשוב כמת (פאַררעכנט ווי אַ טויטער), אַ חשובער אָרימאַן, איז נאָך ערגער פון אַ טויטן..

963 ע ס ה.

כִּי קָרָא ה׳
לְקַלּוּת־דַעַת וְלִקְשִׁי־עֹרֶף
גַם יַחַד,
וַיֹּאמֶר לָהֶם: הֱווּ עֵסָה,
וְאַתֶּם, בְּנֵי אָדָם,
קִרְאוּהָ: „אִשָּׁה"... [1])

גאָט האָט צוגערופן די לייכטזיניקייט און די האַרטנעקיקייט צוזאַמען, און גע־זאָגט צו זיי: ווערן זאָל פון אייךביידן איין שטיק טייג, און מענטשן זאָלן עס רופן — «פרוי»... (אין העבר, גילט דאָ דאָס שפּיל פון „עסה"—טייג, און „אשה"— פרוי...).

964 ע צ ל.

אָמַר עָצֵל קוֹף בַּחוּץ,
וְלִרְאוֹתוֹ אֲמַהֵר רוּץ... [2])

דער פוילער זאָגט, אַ מאַלפּע אויף דער גאַס, איך מוז גיך לויפן עס זען.. (ז׳ באַמערק.).

965 עקרת הבית.

לָמָּה נִקְרָא שְׁמָהּ
„עֲקֶרֶת הַבַּיִת?"
— אִם הָאִשָּׁה הַגְּבֶרֶת,
אֶת הַבַּיִת עוֹקֶרֶת...

פאַרוואָס רופט זיך אַ באַלעבאָסטע — עקרת הבית? —ווייל אויב זי פירט דאָס הויז, איז זי עוקר דאָס הויז..

966 ע ק ש ו ת.

רוֹב עִקְשׁוּת לֵב,
בָּאָה מִמֹּרֶךְ־לֵב... [3])

דאָס רוב עקשנות קומט פון פחדנות... (פון מורא, טאָמער וועט דער צווייטער אויספירן...)

1) האשה קלת דעת וקשת עורף... 2) פרודיה על הכתוב ב«משלי»: «אמר עצל ארי בחוץ בתוך רחובות ארצח». 3) שמתירא שמא ינצחהו אחר.

967 עקבתא דמשיחא.

וְגָר חָסִיד עִם מִתְנַגֵּד,
וְ„אָסְט-יוּדְע"
עִם „וֶסְט-יוּדְע" יִתְאַגֵּד,
וּמִתְנַגֵּד כֶּחָסִיד יִקָּרֵא
„וְיַצְמַח פּוּרְקָנֵיהּ",
וְאָהַב הָאֶחָד מַה שֶׁהַשֵּׁנִי
לֹא שָׂנֵא,
וְחָתַם הָאֶחָד עַל שְׁטָר
וּפָדָה,
וְגָמוּל (גמ"ח) בְּיָדוֹ הָדָה.

(אין משיח'ס צייטן). און ס' וועט ווויַנען צוזאַמען אַ חסיד מיט אַ מתנגד: און צונויפבינדן וועלן זיך אַ «אסט-יודע» מיט אַ «וועסט-יודע»; און דער מתנגד ווי דער חסיד וועט זאָגן «ויצמח פורקניה»; און האָלט-האָבן וועט איינער וואָס דער צווייטער האָט ניט פיינט; און אַן אונטערגעשריבן וועקסל וועט מען אויסקויפן, און אַ גמילות-חסד וועט מען מיט דער אייגענער האַנט אָפּטראָגן.

968 ע ר מ ה.

„אֲנִי חָכְמָה שָׁכַנְתִּי עָרְמָה",
וְהָעָרְמָה יוֹצֵאת בְּהִנּוּמָא.[1]

די חכמה זאָגט: איך, חכמה, גיי אַרום אַ נאַקעטע, און די ערמה (כיטראָסט-שלויהייט) איז אויסגעפּוצט אין גאַליינד-לעך...

969 ע ש י ר.

„עָשִׁיר" מִי שֶׁאֵין בּוֹ נוֹשׁוֹ:
לֹא „עֵינוֹ", לֹא „שִׁנּוֹ"
וְלֹא „רֹאשׁוֹ"..[2]

ווער איז אַ עשיר? — ביי וועמען אַלע אותיות זיינען געזונט.. («עשיר» באַשטייט פון«עין»-אויג, «שין»-צאָן, «יוד-האַנט, «ריש»-קאָפּ..)

---

1) פרודיה על כתוב ב«משלי» ח' י"ב: «אני חכמה שכנתי ערמה ודעת מזמות אמצא». 2) ג' האותיות של «עשר» — «עין» — עינים; «שין» — שנים: «ריש» — ראש...

970

אָמַר מַר... עָשִׁיר יוֹתֵר
מִי שֶׁמַּלְוִים לוֹ בֶּהָמוֹן,
מִמִּי שֶׁיֵּשׁ לוֹ מִשֶּׁלוֹ מָמוֹן.

ס׳ איז רייכער דעריעניקער, וועמען אַלע פֿאַרלייען, איידער אַזאַ, וואָס פֿאַרמאָגט אייגן געלט...

מפי חכמים.

פ

971 פ ה.

עִם נֶשֶׁב הַפֶּה הָאֵשׁ רָבָתָה,
עִם נֶשֶׁב הַפֶּה הָאֵשׁ כָּבָתָה.

מיט אַ בלאָז פון מויל, ווערט דאָס פייער גרעסער, מיט אַבלאָז פון מויל, ווערט דאָס פייער פאַרלאָשן...

972 פ נ י ם.

חָכְמָתְךָ פָּנֶיךָ תָּאִיר,
עָשְׁרְךָ פְּנֵי אֲחֵרִים יָאִיר...

דיין חכמה וועט באַלייכטן דיין געזיכט: דיין רייכקייט — דאָס געזיכט פון אַנדערע...

973 פ ע ל.

יְהַלֵּל הַפּוֹעֵל פּוֹעֲלוֹ,
וְאַל יְהַלֵּל הַפּוֹעֵל פָּעֳלוֹ...

עס זאָל די ארבעט רימען איר אַרבעטער, און ניט דער אַרבעטער זיין אַרבעט.

974

זַךְ וְיָשָׁר
פּוֹעַל אָדָם בְּעֵינֵיהוּ,
וְלַעַג לוֹ אִם אַחֵר יַעֲשֵׂהוּ..

קלאָר און ערלעך איז דעם מענטשנס טואונג אין זיינע אויגן; ער לאַכט אָבער, ווען אַן אַנדערער טוט עס...

975 פ ע מ ו ן.

בְּצַוַּאר חֲמוֹר פַּעֲמוֹן תָּלָה—
מְלַמֵּד תּוֹרָה לְנֶפֶשׁ סְכָלָה.

ווער ס׳ לערנט תורה אַ נאַר, איז ווי דער וואָס הענגט-אָן אַ גלעקל אויפן האַלדז פון אַן אייזל...

976 פעמי-חייו.

מֵחִישׁ פַּעֲמֵי חַיָּיו —
מְקַצֵּה רַגְלֵי חַיָּיו... [1]

ווער עס פאַרשנעלערט די טריט פון זיין לעבן, דער האַקט אונטער די פיס פון זיין לעבן... (ז׳ באַמערק.).

---

1) זהו החי, ההולך «וחוטף» מן החיים במשך יום אחד כל כך הרבה, מה שהוא צריך לזה לשבועות וחדשים...

977 פ צ ע.

פֶּצַע מִיַּד אוֹהֵב —
אֵין כּוֹאֵב,
וְאֵין כּוֹאֵב — כְּפֶצַע
מִיַּד אוֹהֵב...

אַ קלאַפּ פון אַ געליבטן, טוט ניט וויי; און ניטאָ נאָך אַזאַ ווייטאָג — ווי אַ קלאַפּ פון אַ געליבטן...

978 פ ר ח.

אַרְסָה בַּפֶּרַח
הַשְּׂמָמִית אוֹרָה,
וְדִבְשָׁהּ שָׂם — הַדְּבוֹרָה...

פון בלום נעמט דער שפּין זיין גיפט אַרויס, און די בין — איר האָניג...

979 פ ר ץ.

ה' בְּחָכְמָה יָסַד אֶרֶץ, —
וַיִּפְרְצוּהָ שׁוֹטִים
פֶּרֶץ עַל-פְּנֵי פָרֶץ..

אַ קלוגע וועלט האָט גאָט באַשאַפן, — האָבן איר נאַראָאים צעבראָכן...

980 פ ר ש ה.

פָּרָשַׁת כָּל שְׁבָחָיו
וּמַעֲלוֹתָיו —
לְאָדָם לְהַלְלוֹ,
וַעֲקִימַת חֹטֶם כָּלְשֶׁהִי —
לְחַלְלוֹ...

וויל מען אַ מענטשן לויבן, דאַרף מען אויסלייגן די גאַנצע סדרה פון זיינע שבחים און מעלות: וויל מען אַ מענטשן טאַדלען — איז גענוג איין קרים מיטן נאָז...

981 פת שחרית.

אָכַל הֶעָשִׁיר פַּת-שַׁחֲרִיתוֹ
לִכְשֶׁרָצָה,
וְהֶעָנִי — לִכְשֶׁמָּצָא...

אַ רייכער עסט זיין פרישטיק ווען ער ווי ל, אַן אָרימאַן—ווען ער האָט...

פֶּשַׁע עֲמִיתֵנוּ
בְּעֵט בַּרְזֶל יוּחֲקָה,
עֲדֵי שְׁאוֹל,
וְחַסְדוֹ — כִּכְתֹבֶת קַעֲקַע,
עַל-פְּנֵי חוֹל...

פ ש ע.

די שולד פון אונזער חבר קריצן מיר זיך איין מיט אַן אייזערנעם פעדער, ביזן גרוב׳ דעם חסד פון אונזער חבר, שרייבן מיר אַרויף אויפן זאַמד...

מפי העם.

983 פ ג ש.

פָּגוּשׁ בְּחָכָם וְהַפְסֵד עִמָּדוֹ,
וְאַל אֱוִיל וְרֶוַח מִיָּדוֹ...

בעסער מיט אַ קלוגן צו פאַרלירן, איי-
דער מיט אַ נאַר צו געווינען.

984 פ ר.

הַפָּר אֶרֶךְ-לָשׁוֹן מְלַדָּה,
וּתְקוֹעַ בְּשׁוֹפָר לֹא יָדָע...

אַן אָקס האָט אַ לאַנגע צונג, און קאָן
קיין שופר ניט בלאָזן...

985 פ ר ה.

הַפָּרָה מְעֻבָּרָה,
וְהָרֶפֶת נִשְׂרֶפֶת... [1]

מען נעמט די קו פון שטאַל אַרויס, און
דעם שטאַל פאַרברענט מען...

986 פ ר ו ט ה.

פְּרוּטָה חֲשֻׂכָה,
פְּרוּטָה הֻרְוָחָה...

אַ פאַרשפּאָרער איז בעסער פון אַ פאַר-
דינער.

987 פ ר י.

אֶחָד בָּעֵץ יָגִיעַ,
וְשֵׁנִי אֶל פִּרְיוֹ יַגִּיעַ...

ווער עס שאָקלט דעם בוים, און ווער
עס קלייבט די עפּל...

988 פ ר י-ב ט ן.

לִפְרִי-בִטְנָם הַהוֹרִים,
אוֹ עִוְרִים אוֹ שִׁכּוֹרִים.

עלטערן צו קינדער, זיינען אָדער בלינד
אָדער שיכּור... («טאַטע-מאַמע האָבן
גלעזערנע אויגן»).

989 פ ר ו כ ת.

אַחֲרֵי בְּלוֹתָהּ הָאִשָּׁה,
אֶת סִנוֹרָהּ לְפָרוֹכֶת
הַקְּדוֹשָׁה... [2]

אַ פרוי, ווען זי ווערט אַלט, גיט זי אָפּ
דעם פאַרטוך פאַר אַ פּרוכת.

---

1) מוסב בעיקר על הנושא אשה שמשפחתה, לפי דבריו, אינה הוגנת לו...
2) מעין זה בתלמוד: «חסריה לגנבא נפשיה לשלמא נקיט».

990 פ ר ע ו ן.

בִּפְרוֹעַ פְּרָעוֹן, יִשְׂרָאֵל,
בְּהִתְנַדֵּב אַל תְּבָהֵל... [1]

אַז דו האָסט נאָך, ר׳ ישראל, חובות אויסצוצאָלן, זיי ניט קיין צו גרויסער נדבן...

991 פ ש ט א.

„וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ״—פְּשָׁטָא,
אֲכִילָה שֶׁיֵּשׁ בָּהּ
בָּשָׂר וְדָגִים וְקוֹמְפּוֹטָא...

«ואכלת ושבעת» איז פשט: אויב עסן— זאָל זיין געגעסן: מיט פלייש, פיש און קאָמפּאָט...

992 פ ת ו ת.

עַד שֶׁתֹּאבַד מִמַּתַּת-יָהּ
פְּתוֹת דַּקָּה,
מוּטָב שֶׁהַבֶּטֶן תִּתְפַּקַּע... [2]

איידער ס׳זאָל פון גאָטס גאָב אין ניוועץ גיין אַ ברעקל, זאָל בעסער די בויך צעפּלאַצט ווערן...

993 פ ת י ם.

אַל תַּשְׁלֵךְ כִּכַּר חִטִּים,
וְהָלַכְתָּ לָנוּעַ עַל פִּתִּים...

וואַרף ניט אַוועק ברויט, גיין זוכן ברעקלעך...

1) כך דייק הגאון ר׳ חיים מבריסק זצ״ל בשירת דבורה: «בפרוע פרעות בישראל בהתנדב עם — מתחילה לפרוע חוב ואח״כ להתנדב... 2) ואמרי אינשי: «אכול למלא הקיבה ולא להריק הקערה»...

ממדרש עם.

994 פ ג ש.

רבו״שע!
פָּגוֹשׁ דב שַׁכּוּל וְנָמֵר,
וְאַל ״עַם-אָרֶץ״
לְלַמְדָן מִתְאַמֵּר...

רבו״שע! בעסער אַ בער אָדער אַ טיגער אָנטרעפן, איידער אַן עם-אַרץ, וואָס האַלט זיך פאַר אַ למדן.

995 פ ה.

הַשְׁמַע לְפִיךָ,
וְלֹא תַרְבֶּה שִׂיחָה... [1]

זאָל שטענדיק דיין מוילריידן דאָס געהערטע, וועסטו שוין ממילא קיין סך ניט ריידן... (די צרה איז שטענדיק, וואָס אַ מענטש רעדט, ניט דאָס וואָס געהערט און געזען, און דעריבער רעדט ער אָן אַ סוף...)

996

הַפֶּה שֶׁאָסַר פָּרָתוֹ
שֶׁל שְׁמוּאֵל-אַבָּא,
הוּא הַפֶּה שֶׁהִתִּיר פָּרָתוֹ
שֶׁל רַאבּ״ע... [2]

דעם רבינס קו מעג... (ז׳ באַמערקונג).

997 פ ו ח ת.

הוֹלֵךְ וּפוֹחֵת:
הָרִאשׁוֹנִים—בְּנֵי אָדָם,
אַחֲרֵיהֶם—כִּבְנֵי-אָדָם,
וַאֲנוּ הַיּוֹם —
כְּתַרְנְגֹל בִּבְנֵי-אָדָם...

מענטשן ווערן אַלץ קלענער און קלענער: די ערשטע זיינען געווען «בני-אדם» (מענטשן ממש); די צווייטע — «כבני-אדם» («ווי» מענטשן..) און היינט זיינען מיר שוין מערניט—«ווי אַ האָן אין בני-אדם..»

---

1) כשם שחייב האיש להשמיע לאזניו מה שהפה מדבר, כך הוא חייב להשמיע לפיו שיבין מה ששמעו אזניו, ואז יחשוך שפתיו מהרבות שיחה... 2) בתלמוד: «הפה שאסר הוא הפה שהתיר. באידית: «דער רבי׳ מעג», או «דעם רבינס קו מעג». ויש סוברים שמקורו של זה האחרון הוא במשנה של «שבת» פרק ה׳ «אין בהמה יוצאה ברצועה שבין קרניה, פרתו של ר א״ ב ע (ר״ת של שם התנא, ר׳ אלעזר בן עזריא) היתה יוצאת ברצועה שבין קרניה שלא ברצון חכמים»...

998 פומא.

אַקְדָמוּת מִלִּין וְשָׁרָיוּת
שׁוּתָא,
וַי לָן מִמַּאן דְּאִית לֵיהּ
פּוּמָא דְּבֵי-מְסוּתָא,
וְכָל הַנֵי דְּאָתְיָן לְוָתֵיהּ
בְּנִיחוּתָא,
נָפְקִין מִינֵיהּ כּוּלְהוֹן
בִּרְטִיבוּתָא...

«אקדמות מלין ושריות שותא». וויי איז אונז פון דעם, וואָס האָט אַ מויל פון באָדאָסאָ, און ווער ס'פאַלט אַריין דאָרטן גאַנץ זאכטאָסאָ, גייט אַרויס פון דאָרטן אָפּגעטונקט אין שמוצאָסאָ...

999 פיטן.

רָאָה „גַּלָּח"
וְנִזְכַּר בְּ„מַלְאָךְ" —
עֲדַיִן לָאו שְׁמֵיהּ
פַּיְטָן... [1]

געזען אַ גלח, און דערמאָנט זיך אָן אַ מלאָך— אַ גראַם איז עס טאַקע, אָבער קיין פּאָעט אַלץ ניט... (ז' באַמערקונג).

1000 פילוסוף.

„פִּילוֹסוֹף" נוֹדָע בַּשַּׁעַר,
וְהַגִּימַטְרִיָא שֶׁלּוֹ — „בַּעַר"...

אַ פילוסוף, אַ פילוסוף (אַזוי פלעגט אויס-ריידן דער בית-מדרש איד דעם וואָרט «פילאָסאָף») און באַטרעפט אויך מערניט ווי «בער» (אַ נאַר).

1001 פלטרים.

בְּפֵלָטְרִים מַרְגִּיגִים,
אֵין אוֹרְלוֹגִיגִים.

אין לוסטיקע פּאַלאַצן זיינען קיין זייגערס ניטאָ... (ווייל מען באַמערקט דאָרטן ניט, ווי די צייט פליט אַוועק...).

---

1) באידית אומרים: «אַז מען דערמאָנט דעם מלאך, קומט דער גלח»... ובהלצה העברית כאן, המתיחסת לנחום סוקולוב, אנו שומעים את הלגלוג על הני פיטניא הסוברים שמכיון שעלה בידם לחרוז «חרוזים» יפים אחדים, כבר סגי להון להקרא בשם פיטנים...

1002 פסול.

פְּסוּל סַבְתָּא מִזֶּרַע
הַיְּהוּדִים,
עַד דוֹר עֲשִׂירִי
לִפְקוּדִים...[1]

דער פסול פון אַ אידישע באָבע אין דער משפחה, איז ביזן צענטן דור...

1003 פסוק.

פָּסוּק אֵין-עֲצָמוֹת הֲנֵהוּ,
כָּל הָרוֹצֶה בָּא וּמְעַקְמֵהוּ.

אַ פסוק האָט קיין ביינער ניט — מען קען אים דרייען ווי מען וויל...

1004 פעמים.

הַמָּוֶת אֶחָד וְהַחַיִּים שְׁנַיִם,
כִּי אַחַת נָמוּת
וְנִחְיֶה פַּעֲמַיִם...

«מות» (טויט. אין העברעאיש) איז אין איינצאָל, און «חיים» (לעבן) איז אין צווייצאָל, ווייל איין מאָל שטאַרבן מיר, און צווימאָל לעבן... (איצט, און נאָך תחית המתים...)

1005 פרא-אדם.

„אָדָם וּבְהֵמָה תּוֹשִׁיעַ" –
גְּמִירָא:
„אָדָם" וְלֹא „פֶּרֶא-אָדָם",
„בְּהֵמָה" וְלֹא „פְּגִירָא"... [2]

מיר זאָגן: «אדם ובהמה תושיע» («אַ מענטשן און אַ בהמה העלפסטו, גאָט»), מיינט דאָס אַזוי: «אדם» אָבער ניט קיין «פרא-אדם», «בהמה» אָבער ניט קיין «פגירה»... (אויך צו מקבל זיין די הילף פון גאָט, דאַרף מען זיין ניט קיין «פרא-אדם» און ניט קיין פגירה»...)

---

1) למשל, בשנים אלו (1936) בגרמניא, בימי שלטון המלכות הרשעה, היטלר י"מש, שרעצה ורוצצה, גרשה והכתה עד חרמה את יושביה היהודים, וגזרה גזרת ח«אריים», לבדוק בכל משפחה עד הדור העשירי, אם אין טפת דם עברי נוזלת בעורקיה. 2) כך ענה, פעם, אחד הליצנים למאן-דהוא שהרהר אחרי מדותיו של הקב"ה ובא בטענה: הרי ה' מפרנס מקרני ראמים וכו', ולוא יהא ואני רק «בהמה» אבל גם את הבהמה מושיע ה'...

1006 פ ר ד ו ת.

מִלְּפָנִים הָיוּ הַפְּרָדוֹת
מוֹשְׁכוֹת הַמֶּרְכָּבוֹת,
וְהַיּוֹם רַבּוּ הַמֶּרְכָּבוֹת,
הַמּוֹשְׁכוֹת אֶת הַפְּרָדוֹת...

אַ מאָל פלעגן אייזלען ציען די קאַראָטן,
און היינט ציען קאַראָטן די אייזלען..

1007 פ ר ו ז ד ו ר.

הָעוֹלָם הַזֶּה
לִפְרוֹזְדוֹר דָּמָה,
לְפִיכָךְ נִכְנָס בּוֹ
בְּבַעַל מְזוֹהָמָה,
אֶחָד לַשֵּׁנִי
אֶל תּוֹךְ הַנְּשָׁמָה...

«די וועלט איז צו אַ פאָרהויז געגליכן.» דעריבער קריכט טאַקע איינער אין צווייטנס נשמה אַריין מיט ברודיקע שיך...

1008

הַתְקֵן עַצְמְךָ בִּפְרוֹזְדוֹר,
וְהָכֵן לֵב,
וְאִם יְגָרְשׁוּךָ —
לְלֹא עָצְמַת כְּאֵב...

«גרייט זיך שוין צו אין פאָרהויז». און אויב מען וועט דיך אַרויסטרייבן — וועט דער ווייטאָג שוין ניט זיין אַזוי גרויס... (ווייל דו בינסט דאָך שוין פון פריער אויף דעריין געווען געגרייט...)

1009 פ ר ו צ ה.

אֵין הַפְּרוּצָה מַרְגִּישָׁה,
כִּי הַצְּנִיעוּת
מְכַסָּה הַכִּעוּר שֶׁבָּאִשָּׁה...

די פאַרשייטע פילט ניט, אַז די צניעות פאַרדעקט די מיאוסקייט פון דער פרוי...

1010 פ ר י-ב ט ן.

פְּרִי-בֶטֶן בִּרְכַּת עָל —
עַל בָּנוֹת בּוֹגְרוֹת לֹא חָל..

«פרי הבטן» (קינדער), דאָס איז אַ גאָטס-ברכה — וועגן דערוואַקסענע טעכטער איז דאָס ניט געזאָגט...

1011

אוֹי לָהּ
לְפַרְנָסָה מִיסוּרִים,
וְאוֹי לָהֶם
לְיסוּרִים מִפַּרְנָסָה...

ווײ איז דער פּרנסה פֿון יסורים, און ווײ די יסורים פֿון פּרנסה...

1012

אֲוִירָהּ שֶׁל א״י יַחְכִּים,
יַבְרִיאָה,
פַּרְנָסָה מֵאֲוִירָהּ
אֵינָהּ מַשְׂבִּיעָה... [1]

«די לופט פֿון ארץ-ישראל מאַכט קלוג און געזונט», פּ ר נ ס ה אָבער, פֿון לופט גיט א״י ניט... (מען מוז אַרבעטן, און ניט זיך פֿאַרנעמען מיט לופט-געשעפטן).

1013 פרנסות ישראל.

אֶחָד „לֵץ", אֶחָד „מֵבִין",
אֶחָד רִאשׁוֹן לַ„מַפְטִירִים",
וְאֶחָד סוֹחֵר
בְּשַׂעֲרוֹת חֲזִיר,
אִלּוּ הָיוּ שָׁם חֲזִירִים... [2]

אידישע פּרנסות: איינער אַ לץ, איינער אַ «קענער», איינער דער ערשטער שטענדיק אויף «מפטיר». און איינער אַ סוחר פֿון חזיר-האָר, ווען חזירים זאָלן זײַן...

1014 «פושע מבטן».

„פּוֹשֵׁעַ מִבֶּטֶן"
זֶה הַחוֹשֵׁךְ מִבִּטְנוֹ,
וּלְעֵגֶל הַ„מוֹדֶה" יִתְּנוֹ...

וואָס רופֿט זיך אָן אַ «פושע מבטן?» (פֿאַרשולדיקטער פֿון בויך אָן) — דער וואָס שפּאָרט אָפּ פֿון זײַן בויך, און גיט עס אַוועק דעם «עגל» פֿון דער מאָדע...

1) כי א״י אינה קולטת פרנסות האויר של רחוב «נלבקי» בורשה וכו׳. והגאון ר׳ יצחק הכהן קוק זצ״ל היה רגיל לומר: «אוירא דא״י לא רק מחכים אלא גם מחסיד»... 2) קטע משיר עממי ידוע, וראוי להזכיר כאן גם את השיר העממי השגור מאד, ההולך ומונה כל מיני הפרנסות שרצה לאחוז בהן ואינו יכול מטעם זה או מטעם אחר, והוא: «אמרתי אהיה רב — לא למדתי תורה: אמרתי אהיה תגר — אין מי שיקיף סחורה» וכו׳ וכו׳, והמקהלה עונה אחרי כל בית ובית: «והחיים סוערים, והימים דוהרים, והאשה מקללה, ואל טפת יי״ש אתפללה. אשב לי על אבן פה, ואקלל יום נולדתי בו»...

1015 פּושרין.

אִם אֶת הַנָּבָל בְּפוֹשְׁרִין
לֹא תָּדִין,
הוּא אוֹתְךָ בְּרוֹתְחִין יָדִין...

ווּעסטו דעם אויסוואורף אַף קאַלטע (אויף אַ קלייניקייט) ניט באַשטראָפן, וועט ער דיר מיט זודיקע אָפּבריען...

1016 פשוטו.

מֵרוֹב דִּבְרֵי פַּשְׁטָנִים
רוּחִי חֲקָרָה,
אָבַד לִי בֵּינָתַיִם
פְּשׁוּטוֹ שֶׁל מִקְרָא...

פון צופיל פשטים זוכן, פאַרלירט מען דעם איינפאַכסטן פשט פון פסוק.

1017 פשיטת רגל.

מִפְּשִׁיטַת-יַד יַעֲקֹב יָגֶל,
וְיִצְחָק יְרַנֵּן —
מִפְּשִׁיטַת הָרֶגֶל... [1]

איינער איז צופרידן פון «פשיטת יד» (די האַנט אויסשטרעקן, בעטן נדבות), אַ צווייטער איז צופרידן פון «פשיטת רגל». (די פיס אוסציען... באַנקראָטירן).

1018 פּת.

„פַּת בַּמֶּלַח תֹּאכַל,
מַיִם בַּמְּשׂוּרָה",
וְזִיל שְׁפִיל לְסֵיפֵיהּ דִּקְרָא..
כְּשֵׁם „שֶׁאַשְׁרֶיךָ
בָּעוֹלָם הַזֶּה,
כַּךְ טוֹב לָךְ
בָּעוֹלָם הַבָּא... [2]

די עצה פון גמרא איז: «פת במלח תאכל, מים במשורה»— ברויט מיט זאַלץ עסן, וואַסער מיט אַ מאָס טרינקען א. א. וו. א. וו.. «אשריך בעולם הזה וטוב לך בעולם הבא» — וועט דיר גוט און וואויל זיין אויףביידע וועלטן... איז אפשר דער פשט דערפון אַזאַ: «אשריך בעולם הזה»?—איז דיר גוט אויף דער וועלט? אַזוי וועט דיר אויך גוט זיין אויף יענער וועלט...

1) יש אחד שדי לו בפשיטת היד והשני ישבע רצון מפשיטת הרגל... ויש גירסא «טוב פושט יד מפושט את הרגל», ואחרים גורסין גם כאן את ההפך...
2) כאן הוא החידוד שאנו מוסיפים את המלה «כשם» בראשיתו של המאמר «אשריך בעולם הזה», ובאופן כזה מתקבל כאן משפט של תנאי, ואז משתנה כל כונתו...

1019 פ ת ג ם.

פִּתְגָם נָאֶה וּמְסוֹרָה,
הֲרֵי הֵם, לְהַבְדִּיל,
דְּבַר תּוֹרָה...

אַ שיינער ווערטל איז, להבדיל, אַ דבר תורה.

1020 פ ת י.

„פֶּתִי יַאֲמִין לְכָל דָּבָר" —
מִיּוֹם שֶׁעָמַד
עַל פָּסוּק זֶה סָבַר:
שֶׁאִם לְכְפּוֹר בַּכֹּל
לֹא יֶחְדַּל חָדוֹל,
יַחְשְׁבוּהוּ הַכֹּל
לְחָכָם גָּדוֹל...

אין פסוק איז געזאָגט: «אַ נאַר גלויבט אַלץ». אַז דער נאַר האָט דעם פסוק דערזען, האָט ער גענומען טראַכטן, אַז ווען ער וועט אָנהויבן אין אַלץ נ י ט צו גלויבן, וועלן אים אלע שוין באַטראַכטן פאַר אַ גרויסן חכם...

מפי חכמים.

צ

1021 צ ד ק ה.

הַצְּדָקָה הִיא סְחוֹרָה,
שֶׁאֵין תַּחֲרוּת בָּהּ שׁוֹרָה...

צדקה איז אַזאַ סחורה, אין וועלכער ס'גילט ניט קיין קאָנקורענץ...

1022 צ ו.

צַו לְבֵיתֶךָ,
בִּימֵי בְחוּרוֹתֶיךָ,
כִּי צַוָּאָתְךָ לֹא תְמִיתֶךָ.

מאַך אַ צוואה ווען דו ביסט נאָך יונג– פון דער צוואה שטאַרבסטו נאָך ניט...

1023 צ פ ר ד ע.

מִכַּמּוּת הַצְּפַרְדֵּעַ,
הַבִּצָּה תִּוָּדֵעַ.

לויט דער צאָל פרעש ווערט דער זומפּ דערקענט.

1024 צרות עברו.

שְׂמָחוֹת הֵן –
גַּם צָרוֹת עָבָרוּ,
בְּיוֹם טוֹבָה כִּי נִזְכָּרוּ...

פאַרגאַנגענע צרות, ווען מען דערמאָנט זיי אין אַ טאָג פון פרייד, ווערן אַליין– פרייד...

1025 צ ר י ח ה.

צְרִיחַת הָעוֹרֵב
עַל הַחֲזִירִים נָעֵמָה,
מִפְּנֵי שֶׁבָּהּ הֵם שׁוֹמְעִים
קוֹל נַחֲרָם הֵמָּה...

דאָס קאַרקען פון ראָב געפעלט די חזי- רים, ווייל אין דעריין הערן זיי זייער אייגענעם כריוקען...

מפי העם.

1026 צ ב ט.

בִּלְחָיֶיךָ צְבוֹט,
וְצַו עַל אוֹדֶם שְׁלוֹט... [1]

קנייפּ די באַק, און שטעל די פאַרב...

1027 צ ד ק.

דֶרֶךְ הַצֶדֶק —
מְשׂוּכַת חָדֶק.

ערליך לעבן—שווערליך לעבן...

1028 צ פ ו ר.

צוֹד צִפּוֹר וְכָפוֹת,
טוֹב מִמֵאָה עָפוֹת... [2]

בעסער איין פויגעלע אין האַנט, איידער הונדערט אין הימל...

1029

לְפִי מְעוּפָהּ,
הַצִפּוֹר גוּפָהּ... [3]

וואָס פאַר אַ פלי, אַזאַ פויגל... (פרגל. אידיש: «מען דערקענט דעם אינדיק לויטן פּיק»...).

1030 צ פ ר ד ע.

הַצְפַרְדֵעַ בִּצָתָהּ,
עָלֶיהָ גַאֲוָתָהּ... [4]

דער פראָש איז שטאָלץ מיט זיין זומפּ..

1031 צ ר ה.

אֵין צָרָה יוֹרֶדֶת,
בִּמוֹעֲדָהּ בּוֹדֶדֶת...

קיין צרה קומט ניט אַליין... (איין צרה שלעפּט שטענדיק מיט אַ צווייטע צרה).

1) לבעבור לא יראו ולא יכירו שונאיך בשברך.. 2) במדרש: «טבא חדא צפרא כפיתא ממאה פרחין». ויש ג"כ ג. א. «יפה סיס על הכפים מעגור בשמים» 3) ברוסית: "Видна птица по полету„ ועל צפור דרור אמרי אינשי גם כדלקמן: «צפור דרור אחת אינה מביאה אביב לעולם». 4) וזהו: «חן המקום על יושביו».

1032

בְּצָרָה עֲבָרְךָ לַיְלָה,
וְדַי לָהּ...

מיט אַ צרה דאַרף מען מערניט ווי אי־
בערנעכטיקן...

1033 צ ר ו ת.

אוי, צָרוֹת כַּעֲצֵי הַיַּעַר יֵשׁ,
וְאֵין עֵצִים לַתַּנּוּר
לְהַבְעִיר אֵשׁ.

אָי, צרות ווי האָלץ, און מיט וואָס איינ־
צוהייצן דעם אויוון איז ניטאָ!...

1034 צ ר ו ר ו ת.

עֵצִים נִגְרָזִים,
צְרוֹרוֹת נִתָּזִים...

האַקט מען האָלץ, פליען שפענער...

ממדרש עם.

1035 צבור.

„אַל תִּפְרוֹשׁ מִן הַצִּבּוּר
וּמִן בְּעָלָיו" —
אִם יָכֹלְתָּ
רְכַב הִשְׂתָּרֵר עָלָיו.

ס'איז געזאָגט: «שייד זיך ניט אָפּ פון ציבור» — אויב דו קאָנסט, רייט אַרויף אויף אים...

1036 צדק.

אֱנוֹשׁ,
קוֹל הֲמוֹן דְּבָרִים בְּתֹתוֹ,
מִן הַהֶכְרֵחַ שֶׁיְּהֵא פַּעַם
גַּם הַצֶּדֶק אִתּוֹ...

ווען אַ מענטש רעדט און רעדט, מוז ער אַ מאָל אויך גערעכט זיין.

1037 צדיק.

„צַדִּיק בֶּאֱמוּנָתוֹ יִחְיֶה" —
אֵיֶהוּ?
בֶּאֱמוּנַת חֲסִידָיו בּוֹ —
קְרָאֵהוּ...

אין פסוק שטייט: «דער צדיק לעבט מיט זיין אמונה» (צו פאַרשטיין דאָ «צדיק» — דער «גוטער איד», דער חסידישער רבי), פרעגט זיך דאָך: ווו איז עס דאָ אַזאַ צדיק? דאַרף מען עס פאַרטייטשן אַזוי: «דער צדיק לעבט מיט דער אמונה פון זיינע חסידים אין אים...

1038

„הַצַּדִּיק גּוֹזֵר וְהַקב"ה
מְקַיֵּם" — וְהַלְוַאי
שֶׁיְּהֵא הקב"ה גּוֹזֵר
וְצַדִּיק מְקַיֵּם... [1]

אַ גמרא זאָגט: «דער צדיק איז גוזר און הקב"ה איז מקיים» — הלוואי וואָלט אויך געווען פאַרקערט: הקב"ה זאָל גוזר זיין און דער צדיק זאָל מקיים זיין... (ז' באַם).

1) כך ענה ה«חפץ חיים» זצ"ל לאחד שהתפלא על כחו הגדול של הצדיק כלפי שמיא...

1039 צדקה.

צְדָקָה עָשָׂה הקב״ה
לְאֻמּוֹת הָעוֹלָם,
שֶׁפִּזֵּר יִשְׂרָאֵל לְבֵינֵיהֶן,
שֶׁאִלּוּלֵא כֵן הִצְרִיכָן
לְבְדוֹתָם מִלִּבּוֹתֵיהֶן... [1]

אַ צדקה האָט גאָט געטאָן מיט די או־מות העולם, וואָס ער האָט צעשפרייט די אידן צווישן זיי... וואָלט ער עס ניט געטאָן, וואָלטן די אומות העולם געמוזט אויסטראַכטן אַ אידן (און אַ אידן־פראַגע...) פון אייגענעם האַרצן... (ז׳ באַמ.).

1040 צנועים.

צְנוּעִים בְּנֵי הָאָדָם,
וַעֲרֻמָּה הָאֱמֶת תְּנוּעָה,
עַל כֵּן יַעַצְמוּ עֵינֵיהֶם
לְבַל יִרְאוּהָ...

מענטשן זיינען באַשיידן, און דער אמת גייט אַרום נאַקעט, דעריבער פאַרמאַכן מענטשן זייערע אויגן און קוקן אים ניט אָן...

1041 צעקה.

חֲזָקָה,
שֶׁהַצְּעָקָה,
לֹא תִדְבָּקָה. [2]

ס׳איז אַ חזקה, אַז ניט אַלעמאָל העלפט שרייען...

1042 צפור.

„מִי יִתְּנֵנִי צִפּוֹר״ —
מְשֻׁכְּבָר הַדְּבָרִים
מִלִּבּוֹ בְּדָם,
וַעֲדֶן לֹא בָדָה
„מִי יִתְּנֵנִי אָדָם!״...

פון לאַנג־אָן שוין האָט דער מענטש אַ ווערטל באַקלערט: «אָ, ווען איך וואָלט אַ פויגל געווען»! און ביז היינט האָט ער זיך נאָך ניט דערקלערט צו אַ ווערטל: «אָ, ווען איך וואָלט אַ מענטש גע־ווען!»...

1) פרודיה על המאמר התלמודי הידוע «צדקה עשה הקב״ה לישראל שפזרם בין האמות». 2) וכבר אמרו: «בדברך אל תצעק, פן לא ישמעו דבריך».

1043 צ ר ה.

„צָרַת רַבִּים חֲצִי נֶחָמָה", צָרַת יָחִיד חֲצִי נְקָמָה.

«אַ צרת רבים איז אַ חצי נחמה», און אַ צרת יחיד איז אַ חצי נקמה...

1044 צרכי צבור.

(מִדִּבְרֵי עַסְקָן צִבּוּרִי:)
כָּל הָעוֹסֵק
בְּצָרְכֵי צִבּוּר בֶּאֱמוּנָה,
הקב"ה יְשַׁלֵּם לוֹ —
לֹא אָפוּנָה,
אֶלָּא שֶׁעַד
אוֹתָהּ שָׁעָה הֲגוּנָה,
הֲרֵי הַיָּד
לְהוֹצָאוֹת קְטַנּוֹת טְעוּנָה. [1]

(ווי ס'רעדט היינט אַ עסקן צבורי:) «דעם עוסק בצרכי צבור באמונה, וועט הקב"ה, אָן ספק, באַצאָלן»; ביז יענער גוטער צייט אָבער, מוז מען דאָך שוין האָבן אויף הוצאות קטנות...

1) ובתפילת שבת אנו אומרים: «וכל העוסקים בצרכי צבור באמונה וכו' הקב"ה ישלם וכו' וירפא לכל גופם וכו', והעולם שואל, משום מה «וירפא לכל גופם?» והוא משיב: מפני שהעוסקים הללו לבטח לקו באצבעותיהם בשעת מעשה («פאַרשטאָכן די פינגער») והרי הם זקוקים לרפואה... וד"ל.

מפי חכמים.

ק

1045 קבי שיחה.

כָּל עֲשֶׂרֶת קַבֵּי שִׂיחָה
בָּרִיָּקָה,
וְאֵין אָנוּ מַסְפִּיקִין
לְסַפֵּר תְּהִלַּת הַשְׁתִיקָה...

ווען מיר אַפילו די גאַנצע צען טעפּ רייד אויסשיטן, וועלן מיר נאָך אַלץ ניט באַווייזן אויסצודערציילן די מעלות פון שווייגן...

1046 קדושה.

מַה-קְדוֹשָׁה תֵּבֵל,
מִקְדַּשׁ יָהּ,
וּמָה-רַבּוּ הַכֹּהֲנִים
הַחֲלָלִים בָּהּ...

ווי הייליק איז די וועלט, גאָטס בית-המקדש, און וואָס פאַר אַ סך פאַר-שוועכטע כּוהנים זיינען אין איר?!...

1047 קדשי-נפש.

קָדְשֵׁי הַנֶּפֶשׁ,
כָּל דִּמְעָה אֱלֵי עַיִן תַּעַל,
אַל, בֶּן-אָדָם,
תִּמְעַל בָּהּ מָעַל... [1]

דעם מענטשנס טרער, דאָס איז זיין נשמה-קרבן; פעלש ניט, בן-אדם, אין זיין הייליקייט...

1048 קונה זמנו.

יֵשׁ קוֹנֶה זְמַנּוֹ
קִנְיַן כַּסְפֵּהוּ,
וּבְבוֹאוֹ וּבְלֶכְתּוֹ
לֹא יִשְׁאָלֵהוּ.

ס׳ קויפט אַ מאָל אַ מענטש זיין צייט פאַר מזומן געלט, און זי פרעגט אים ניט, ווען צו קומען און ווען אַוועק-צוגיין...

---

1) כי המוריד דמעות למען כחש, מועל בקדשי הנפש.

1049 ק נ א ה.

בְּבִלְתִּי מִתְקַנֵּא–אֶתְקַנֵּא...

איך בין מקנא דעם ניט-בעל-מקנא...

1050

הַקִּנְאָה בַּלֵּב קִנֵּנָה,
וַתְּהִי הָרְכִילוּת כְּלִי-זַיְנָהּ.

זעצט זיך די קנאה אַריין אין האַרצן,
נעמט זי די רכילות פאַר איר געווער...

1051

קִנְאַת אִישׁ בְּאוֹשֶׁר יַלְדֵהוּ,
אוֹמֶרֶת: לִחְיוֹת בָּאוֹשֶׁר
וְלֹא הִרְגִּישֵׁהוּ... [1]

מקנא-זיין דאָס גליק פון אַ קינד, הייסט — ווּעלן זיין גליקלעך און ניט פילן עס... (ז׳ באַמערקונג).

1052 קנה אמת.

קְנֵה הָאֱמֶת הַמָּרָה
עַל הַשְּׁמָרִים,
וְלֹא הַמָּתוֹק שֶׁבַּשְּׁקָרִים.. [2]

קויף דעם ביטערסטן אמת און ניט דעם זיסטן ליגן..

1053 קנה סכלות.

יֵשׁ תִּקָּנֶה סִכְלוּת
בַּעֲצַלְתַּיִם,
וְיֵשׁ תִּקָּנֶה בַּעֲמַל כַּפָּיִם...

נאַרישקייט קויפט מען איין דורך פוילקייט, און אַ מאָל אויך דורך שווערע מי...

1054 ק ר ע.

בָּאַחֲוָה קֶרַע נִהְיָה —
תַּטְלִיאָהּ,
בְּרַם תִּשָּׁאֵר הָאִבְקָה,
בִּמְקוֹם דִּבְקָהּ... [3]

ס׳ווערט אַ ריס אין פריינדשאַפט, קען מען עס פאַרלאַטען, אָבער אַ קניפל (פון נאָט..) וועט אַלץ בלייבן...

---

1) כי האושר שמו אושר בשעה שהאדם מרגיש בו, מה שאין כן בילד, יאושר חלקו בארץ ולא מדעתו... 2) וכבר אמר הפתגם היוני: «אהב את אריסטו, אהב את אפלטון, ואת האמת יותר משניהם».. 3) אבקה — לולאה, מקום התפר והקשר.

1055 ק ש.

מַה שֶׁאַתָּה יָכוֹל
לִדְחוֹת בְּקַשׁ,
אֵינוֹ שָׁוֶה בְּנֵזֶק הַקַּשׁ... [1]

אַ זאַך, וואָס דו קענסט עס אָפּשטויסן מיט אַ שטרוי, איז ניט ווערט דעם שאָדן פון אַ שטרוי...

1056 ק ש ה.

קָשֶׁה מִלְּדַבֵּר – לַחֲשׁוֹת,
וְקָשֶׁה מִשְּׁנֵיהֶם לָדַעַת
עֵת לְדַבֵּר וְעֵת לַחֲשׁוֹת...

שווערער ווי צו ריידן — איז שווייגן, אָבער שווערער פון זיי ביידן איז — צו וויסן ווען צו ריידן און ווען צו שווייגן...

1057 ק ש ר.

הָאֱלֹהִים עָשָׂה
אֶת הָאָדָם יָשָׁר,
וְהָאָדָם בֶּאֱלֹהָיו
תּוֹעֶה וּבֶלַע קָשָׁר... [2]

גאָט האָט דעם מענטשן אַ גלייכן גע-שאַפן, און דער מענטש הענגט-אָן אָן גאָט אַלע פאַרדרייעניש...

---

1) נצחון מתנגד שאפשר לדחותו בקש אינו שוה כלל. 2) ג. א. «האלהים עשה את האדם ישר, והאדם בנפשו תועה ובלע קשר»...

מפי העם.

1058 ק ד ר ה.

הָאֶבֶן עַל הַקְּדֵרָה —
וַי לַקְּדֵרָה,
הַקְּדֵרָה עַל הָאֶבֶן —
וַי לַקְּדֵרָה... [1]

פאַלט דאָס שטיין אַפן טאָפּ — ווײ דעם טאָפּ, פאַלט דער טאָפּ אַפן שטיין— ווײ דעם טאָפּ...

1059 ק ו ל.

לְפִי הַקּוֹל תּוֹצִיאֵהוּ —
הַהֵד יַעֲנֵהוּ... [2]

וואָס פאַראַ קול, אַזאַ אָפּקלאַנג. («עכאָ»)

1060 ק ו ל ט.

מַה שֶּׁהַפִּכֵּחַ קוֹלְטוֹ,
הַשִּׁכּוֹר פּוֹלְטוֹ... [3]

וואָס ביי אַ ניכטערן אויפן לונג, איז ביי אַ שיכורן אויפן צונג...

1061 ק ו ל מ ו ס.

קוּלְמוּס—קוֹל-מוּת,
מֵחֶרֶב, חֲלָלָיו יֶרֶב... [4]

מיט אַ קריץ פון פעדער הרגעט מען אַוועק מערער ווי מיט אַ שווערד...

1062 ק ט ע.

קְטַע רַגְלַיִם,
פָּטוּר מִן הַנְּעָלִים... [5]

ווער ס'האָט קיין פיס ניט, איז פטור פון שיך...

1063 ק י ב ה.

חִפֵּשׂ דַּל לְקֵיבָתוֹ בָּשָׂר,
וְהֶעָשִׁיר לִבְשָׂרוֹ קֵיבָה חָסֵר.

אַן אָרימאַן זוכט פלייש פאַר זיין מאָגן, און אַ גביר זוכט אַ מאָגן פאַר זיין פלייש...

---

1) בלשון המדרש: «כיפא על קדרא וי לקדרא, קדרא על כיפא וי לקדרא». 2) רוסית: „Как аукнется так откликнется“ 3) באידית שגור עוד מעין זה: «גרוסע קייען, קינדער שפייען», ובמובן דומה לזה בתלמוד: «שותא דינוקא בשוקא או דאבא או דאמא». 4) בהעברת קולמוס אחת מרבים חללים. ג. א. «קולמוס — קול-מות או קול-עמית, האחד יחיה והשני ימית». 5) מעין זה אמר «שלום-עליכם»: «דער וואָס האָט קיין פינגער ניט, קען קיין פייג ניט מאַכן»..

1064

מַחֲלַת הַקֵּיבָה לֹא טוֹבָה,
בֵּין מֵרָעָב בֵּין מֵרוֹב שָׂבַע.

אַ מאָגן קראַנקייט טויג ניט, צי זי קומט פון הונגער, אָדער פון צופיל זאַטקייט...

1065 ק י ם.

הָאוֹחֵז בְּיַד — קַיָּם לָעַד... [1]

«האוחז ביד» איז די בעסטע תפילה.

1066 ק נ ה.

בְּעֶשְׂרִים קָנָה,
בְּעֶשֶׂר מָכַר,
וּבִלְבַד שֶׁבֵּין תַּגָּרִים
שְׁמוֹ יִזָּכֵר... [2]

געקויפט פאַר צוואַנציק, פאַרקויפט פאַר צען — אָבער אַ סוחר געווען...

1067 ק נ י ן.

חֲזָקָה, שֶׁאֵין רוֹב קִנְיָן
בְּרוֹב מִנְיָן וּבִנְיָן,
אֶלָּא בְּרוֹב עִנְיָן... [3]

ס׳ איז אַ כלל: פאַרמעגן מעסט זיך ניט לויט זיין פילצאָליקייט, נאָר לויט דער באַקומענער דערפון הנאה...

1068 ק צ ר.

קְצוֹר הַשַּׁחַת,
כָּל עוֹד הַשֶּׁמֶשׁ זוֹרַחַת.. [4]

שנייד די היי כל זמן די זון שיינט. (פרגל »שמיד דעם אייזן, כל זמן עס איז הייס«.)

1069 ק ר ו ב.

הַטּוֹב שֶׁבִּקְרוֹבַי אִתִּי —
כַּסְפִּי בַּחֲרִיטִי...

מיין בעסטער קרוב איז מיין בייטל. (דאָס געלט).

---

1) כלומר, מי שמוחזק בדבר ידו על העליונה. באידית אומרים ג״כ כיוצא בזה: «אכילה איז די בעסטע תפילה (בתפלת יוה״כ יש תפילה «אוחילה לאל» והעם שינה כאן — «אכילה»). 2) מעין התלמוד: «זבין וזבין תגר איקרי». 3) אין הכמות מהווה את הקנין אלא האיכות. 4) בתלמוד מעין זה: «נגיד פרזלא כד רתיח», או: «אדמוקדך יקיד זיל קוץ קרך וצלי», ועוד.

1070

מֵרָחוֹק חוֹנֶה,
אַחֲרִים יוֹנֶה,
וּמִקָּרוֹב — אֶת נַפְשׁוֹ הוּא.

פון ווייטן נאַרט מען לייטן, פון נאָנט — זיך אַליין.

1071 קרובים.

אָהַבְתִּי אֶת אִשְׁתִּי —
גַּם כָּל קְרוֹבֶיהָ
קָרָאתִי אֶל מִשְׁתִּי...

האָב איך האָלט מיין ווייב, האָב איך האָלט אויך מיין ווייבס קרובים...

1072 קרנים.

הָלַךְ הַגָּמָל לְבַקֵּשׁ
לוֹ קְרָנַיִם,
נִטְּלוּ מִמֶּנּוּ גַּם הָאָזְנַיִם.[1]

דער קעמל איז געגאַנגען בעטן הערנער, האָט מען אויך די אויערן צוגענומען פון אים...

1) מדרש, «גמלא אזל למבעי קרני, אודני דהוו ליה שקילו מיניה».

ממדרש עם.

1073 ק ד ם.

„זאת הַתּוֹרָה אָדָם",
לְ„כִּי יָמוּת" קָדָם... [1]

אין פסוק ווּ ס׳ זאָגט זיך „זאת התורה אדם כי ימות באהל," (דאָס איז די לערע, אַ מענטש אַז ער שטאַרבט אין געצעלט), שטייט פריער „זאת התורה אדם" און דערנאָך „כי ימות", ד. ה. לערנענדיק תּורה, זאָל אויך דער „מענטש" פון לערנער ניט אָפּשטאַרבן...

1074 «ק ד י ש».

לְעוֹלָם יְלַמֵּד אָדָם לִבְנוֹ
„קַדִּיש" בְּשַׁעְתּוֹ,
כִּי עַד יוֹם מוֹתוֹ, מִי יֵדַע,
אִם יַסְפִּיק לְדַעְתּוֹ... [2]

„קדיש" לערנען אַ קינד דאַרף מען אַ מאָל אָנהויבן באַצייטנס, ווייל עס טרעפט, אַז ביזן שטאַרבן באַווייזט ער עס ניט אויסצולערנען..

1075 ק ד ר ה.

הוֹ, הוֹסִיפִי הַרְתִּיחִי,
קְדֵרָה,
גַּם הַעֲלִי קֶצֶף —
יֵז קִצְפֵּךְ חִישׁ מְהֵרָה,
וְכָל שׁוּלַיִךְ-אַתְּ יָצֶף... [3]

זיד און קאָך זיך, טעפּל, וויפל דו ווילסט, דו וועסט באַלד, ווי גרויס דו בינסט, איינריכטן זיך אַליין.. (ז׳ באַם.)

---

1) הפסוק אומר: «זאת התורה אדם כי ימות באהל», הגמרא דורשת: «אין התורה נתנת אלא למי שממית עצמו עליה», והעולם מדייק בו: «זאת התורה» ויש אדם הלומד תורה) «אדם כי ימות» (וה«אדם» שבו מת, כלומר, לית בר-נש...) (כך באר גאון אחד את הפסוק: ואתם הדבקים בה׳ וכו׳, אפע"פ שאתם דבקים בו ובתורתו, אבל «חיים כלכם היום»... 2) יהודי כפרי אחד נכנס פעם אל חדרו של מלמד בניו ומצאהו כשהוא יושב ומלמדם «קדיש» וישאלהו: הא כיצד? הרי אני חי עדיין! והמלמד ענה לו: היה בטוח שלא יספיקו לעמוד עליו עד יום מותך... 3) ממשל עם. כך השיבה פעם קדרת מים קרים לקדרה שניה רותחת שעמדה על הכירה, בשעה שזו הרותחת הוכיחה את הראשונה על «קור רוחה»: כל מה שתוסיפי להתרתח תלכלכי את גופך יותר...

1076 «קוזקי».

אוֹי לִי, רִבּוֹ"שׁע,
מִיַּד טַיְעָא,
אוֹי וַאֲבוֹי לִי מִיַּד הַנִּי
„קוֹזַקֵי דִשְׁמַיָּא"... [1]

ווײ איז מיר, רבו"שע, פון טערק דעם געשמאַקן, און ווײ איז מיר פון די „גאָטס-קאָזאַקן..." (ז׳ באַמ.)

1077 קול.

„הַכֶּסֶף יַעֲנֶה אֶת הַקּוֹל" —
בְּ„קוֹף" בּוֹטֶה,
כִּי הַכֶּסֶף מֵשִׂיחַ
אִלֵּם וְשׁוֹטֶה...

„הכסף יענה את הקול"—לייען עס מיט אַ „ק" (קול—אַשטים און ניט „כל"—אַלעס), ווייל געלט לערנט אויס ריידן אי דעם שטומען אי דעם שוטה...

1078

„הַקּוֹל קוֹל יַעֲקֹב וְהַיָּדַיִם",
פּוֹתֵחַ יְהוּדִי בְּקוֹלוֹ
וּמְסַיֵּם בַּיָּדָיִם... [2]

«הקול קול יעקב והידים« — אַ איד הויבט-אָן מיטן מויל, און פאַרענדיקט מיט די ידים... (אַ איד בשעת ער רעדט מאַכט ער מיט די הענט..).

1) אלו האפוטרופסים על ההוראות של יראת-שמים וכו׳ שלקחו להם למונו-פוליון את היראה וכו׳ ומהלכים אימה וכו׳ כאותם ה«קוזקים» הידועים בצבאות ה«צארים» ברוסיא... 2) ביאליק קרא פעם הרצאה באודיסה, ובקושי גדול עלה לו לקבל מאת השלטון הרוסי רשיון לקרא ההרצאה רק ברוסית. וממו"ס אמר אז: עד היכן מגיע כח הדבור של עם ישראל! וגם בשעה שיש סכנה בדבר, והחרב חדה תלויה על לשון (צונג) אחרים — גם אז לא יעלה לסתום פי יהודי... שמעו והבינו! כבר הרבה שנים יושבים על מדוכה זו בחורי ישראל וזקנים ומתוכחים (בניגון של גמרא) באיזו נחיר מן הנחירים צריך היהודי לנשום... הללו אומרים: רק בימין (עברית) והללו סוברים: בשמאל (אידית...) ושצריך יהודי לנשום בשתיהן יחד — לא יעלה על דעת מי שהוא... ועכשיו צאו וראו, מה עושים שונאי ישראל? הם סותמים שתי הנחירים בבת אחת... ומה אתם סבורים? עלה להם הדבר? — לא מיניה ולא מקצתיה! היהודי מצא לו עצה: הוא נושם... מתוך האצבעות — ברוסית... (כי ברוסית יותר משישתמש בשפתיו ישתמש בידיו...)

1079 קול המון.

מִי שֶׁאָמַר:
„קוֹל הָמוֹן כְּקוֹל שַׁדַי" —
הֶחְזַק בַּדַאי...
כִּי הַאֻמְנָם
קוֹל זֶה בְּוַדַאי,
הוּא הוּא קוֹלוֹ שֶׁל שַׁדַי?...

דער וואָס זאָגט: «דער קול פון פאָלק איז דער קול פון גאָט»—זאָגט ליגן... איז עס היתכן טאַקע, אַז אַזוי זעט אויס דער קול פון גאָט?...

1080 קין.

קַיִן הָרַג אֶת הֶבֶל,
וַיְהִי נָע וָנָד בָּאָרֶץ,
וְהֶבֶל נָע וָנָד בָּאָרֶץ,
וְהוֹרֵג כָּל מְתֵי תֵבֵל... [1]

קין האָט אַוועקגעהרגעט זיין ברודער הבל, און אַוועקגעוואַנדערט איבערן לאַנד, און הבל (די נאַרישקייט) וואַנדערט איבערן לאַנד און הרגעט-אויס אַלע מענטשן...

1081 קל-וחומר.

קַל-וְחוֹמֶר מִשְׁלֹמֹה:
אִם הוּא ע"ה,
לֹא בוֹשׁ בְּשַׁעְתּוֹ וּבִמְקוֹמוֹ,
לֵאמֹר „יִשָּׁקֵנִי"
לִפְנֵי כָּל הַקָּהָל,
עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה
אֲנִי הַדָּל... [2]

אַ קל-וחומר פון שלמה המלך:—מה-ראָך ער, שלמה ע"ה, האָט זיך בשעתו, בפני כל עם ועדה, ניט געשעמט צו זאָגן «ישקני», אַפשיטאָ-שוין איך חייב-דלפון!. (ז' באַמ.).

---

1) גוטלובר. על «קין והבל» בנויה באידית גם מימרא זו: «קייען איז ניט הבל»... («קייען» — לעיסה בפה, אכילה). 2) הלצה שהשתמש בה אחד הסוחרים שפשט רגלו וענה לבעל-חובו המלה «הראשונה» של הפסוק «השני» בפרק «הראשון» של «שיר-השירים».

1082 ק י ש-ק י שׁ.

„אִסְתִּירָא בִּלְגִינָא
קִישׁ-קִישׁ קָרְיָא",
וְאִסְתִּירָא בְּכִיס
אִישׁ-אִישׁ קָרְיָא...

אַ מטבע אין אַ ליידיקן קריגל מאַכט «קיש-קיש»; אַ מטבע אין אַ קעשענע, מאַכט «איש-איש»..; (מאַכט אים צום מענטשן...)

1083 ק ל ל ה.

מְרֻבָּה קִלְלַת
„וּבֵין הַגּוֹיִם לֹא תַרְגִּיעַ",
הַרְבֵּה קָשָׁה מִמֶּנָּה
„וּבְקֶרֶב יִשְׂרָאֵל
לֹא תַרְגִּיעַ"... (1)

גרויס איז די קללה פון דער תוכחה: «צווישן גויים וועסטו ניט רוען», פיל גרעסער איז אָבער די קללה, וואָס שטייט ניט אין דער תוכחה; „צווישן אידן וועסטו קיין רו ניט געפינען"...

1084 ק מ ח.

אִם אֵין קֶמַח,
אֵין לֶחֶם פַּת,
אִם אֵין נְדוּנְיָא,
אֵין חָתָן לַבַּת... (2)

ניטאָ קיין מעל, איז ניטאָ קיין ברויט; ניטאָ קיין נדן איז ניטאָ קיין חתן...

1085 קנאת גבר.

גַּם נִסְפַּד יָפֶה עַל-יַד קֶבֶר,
יְעוֹרֵר קִנְאַת גֶּבֶר... (3)

אַ שיינער הספד ביים קבר, דערוועקט אויך אַמאָל דעם מענטשנס קנאָה... (אַזוי שטאַרק איז עס דער כח פון קנאָה...).

---

1) רמז לאותם הימים, בשנות השלושים למאת העשרים, כשמלחמת האחים, ריב המפלגות ופירוד הדעות ברחוב היהודים, פרצו למעלה ראש, רעצו ורוצצו, אכלו והכו לרסיסים בית ישראל, ודמים בדמים נגעו. 2) פרודיה ידועה על הפתגם «אם אין קמח אין תורה»; וכבר המליץ על כזה מליץ אחד: «אחות לנו גדולה ושדים לה, מה נעשה לאחותנו שידובר בה»... כי קשה, כידוע, זיווגן של בנות בימים האלה כקריעת ים סוף... 3) קשה כשאול קנאה, ויש שגם הספד יפה על מת כשמוטל לפנינו מעורר קנאה...

1086

„קִנְאַת סוֹפְרִים
תַּרְבֶּה חָכְמָה",
וְאֵין קִנְאַת חָכְמָה
מַרְבָּה סוֹפְרִים...

די קנאָה פון שרייבער פאַרמערט חכמה; די קנאָה פון חכמה פאַרמערט ניט קיין שרייבער...

1087 קונה הכל.

תַּרְתֵּי לְרֵיעוּתָא בְּסוֹחֵר:
„קוֹנֶה הַכֹּל" — לֹא קָנָה כֹּל,
„וְזוֹכֵר חַסְדֵי אָבוֹת" —
בּוֹנֶה חֳרָבוֹת... [1]

צוויי זאַכן, וועלכע טויגן ניט ביי אַ סוחר: «ער קויפט אַלץ», איז עס אַ סימן, אַז ער קויפט גאָרניט, און האַלט ער אין איין דערמאָנען „יחוס אָבות" איז אַ סימן: אַז ער אַליין איז גאָרניט...

1088 ק נ ה.

„קְנֵה לְךָ חָבֵר",
פֵּרוּשׁוֹ — בִּמְחִיר;
שׂוֹנְאִים יִרְבּוּ לְךָ
גַּם בְּלִי כֶסֶף וּמְחִיר...

„קויף דיר איין אַ חבר"-פאַר געלט; שונאים וועסטו באַקומען אָן געלט...

1089 קנתה אשה.

„כָּל מַה שֶּׁקָּנְתָה אִשָּׁה" —
לְטוֹב יְקַבֵּל בַּעְלָהּ
וְיַחֲרִישָׁהּ... [2]

די גמרא זאָגט: «אַלץ וואָס אַ פרוי האָט איינגעקויפט» (געהערט דעם מאַן), מוז דער מאַן אָננעמען פאַר גוט און שווייגן... (ז' באַם.)

---

1) «קונה הכל» ו «זוכר חסדי אבות» הם תארים ידועים להקב"ה. אבל הסוחר בשעה שהוא מכריז על עצמו שהוא «קונה הכל», כלומר, כל מיני הסחורות שבעולם, סימן, כידוע, שסוחר כזה לא יקנה כלום; וג"כ «זוכר חסדי אבות» — הוא מזכיר יחוס אבותיו ו«יחוס עצמו» אין לו — כל עסקיו ישא רוח, מפני שלא ימצא בוטחים בו... 2) פרודיה על המאמר התלמודי: «כל מה שקנתה אשה קנה בעלה»;

1090 קפדנות.

יֵשׁ וְיָפָה הַקַּפְּדָנוּת,
יֵשׁ וְרָעָה הָעַנְוְתָנוּת. [1]

אַ מאָל איז גוט זיין אַ קפדן (אַ פעדאַנט) אַ מאָל טויג ניט זיין אַ ענו. (באַשיידן).

1091 קופה.

קֻפָּה שֶׁל שְׁרָצִים לוֹ
מֵאֲחוֹרָיו וְגַם מִלְּפָנָיו,
סִמָּן שֶׁעֲתִידִין לִהְיוֹת
פַּרְנָסִים בְּיִשְׂרָאֵל
בָּנָיו וּבְנֵי-בָנָיו... [2]

הענגט אים פון הינטן און פון פאָרנט אַ קופה של שרצים, (ד.ה. ניט זיינע על-טערן, און ניט זיינע קינדער זיינען פון-גרויסן יחוס..) איז אַ סימן, אַז זיינע קינדער און קינדס-קינדער וועלן זיין פי-רער ביי אידן... (ז' באַמערקונג).

1092 קרדום.

עוֹשֶׂה תוֹרָתוֹ קַרְדֹּם
לַחְפּוֹר בָּהּ,
עוֹשֶׂה קַרְדֻּמּוֹ תּוֹרָה
לְהוֹרוֹת בָּהּ...

מאַכט איינער פון זיין תורה אַ האַק צו גראָבן מיט איר, וועט ער אויך מאַכן פון זיין האַק אַ תורה צו לערנען מיט איר...

1093 קרח.

„מַשְׁלִיךְ קַרְחוֹ
כְפִתִּים" — פֵּרוּשָׁן:
„שׁוֹלֵחַ קָרָה לַבְּרִיּוֹת
לְפִי לְבוּשָׁן"... [3]

משליך קרחו כפתים« איז דער פשט: גאָט שיקט די קעלט לויט די קליידער...

1) במדרש: «יפה קפדנותם של אבות מענותנותם של בנים». 2) איתא בגמרא (יומא כב.) «אין מעמידין פרנס על הצבור אלא א"כ קופה של שרצים (כלומר, דופי של משפחה) תלויה לו מאחוריו, שמא יתגאה ויאמרו לו חזור לאחוריך»... וההלצה העממית מוסיפה כאן «וגם מלפניו» (דופי ומום בעצמו, מלבד המום של משפחתו...) סימן, שגם בניו ובני בניו יהיו פרנסים... 3) עיין פירוש רש"י על הפסוק הזה.

1094 קַרְנֵי שֶׁמֶשׁ.

קַרְנֵי שֶׁמֶשׁ צְדָקָה,
אֵינָן נִקְנוֹת בַּחֲזָקָה...

אויף די שטראַלן פון דער זון איז קיין דין חזקה ניטאָ...

1095 ק ש ה.

יֵשׁ וְקָשֶׁה לְקַצֵּר בִּכְתָב,
מִכְּתוֹב רָב... [1])

אָפּטמאָל איז קורץ שרייבן פיל שווערער ווי לאַנג שרייבן. (אָנשרייבן אַ סך פלוידעריי איז קיין קונץ ניט...)

1096 ק ש ו ט.

יְקֻשַּׁט הַ„מִּין הַיָּפֶה"
גַּם יְפוֹאָר,
וַעֲדַיִן הוּא מְכוֹעָר...

ס׳ מעג זיך פוצן דער «מין היפה» וויפל ער וויל, ער איז אָבער נאָך אַלץ מיאוס...

1097 ק ש ו ת.

קָשׁוֹת מִכָּל אֶבְרֵי הַגּוּף —
הַשִּׁנַּיִם,
לְמַעַן הֱיוֹתָן לַלָּשׁוֹן
חוֹמוֹתַיִם... [2])

האַרטער פון אַלע מענטשנס גלידער, זיינען די ציינער. ווייל זיי דאַרפן זיין שוץ-ווענט פאַר זיין צונג...

1) ובפדגוגיה יש כלל: «כשם שצריך אדם ללמד לבנו קרוא וכתוב, כך צריך ללמדהו חשוב»... 2) ולמרות כל זה, הלשון פורצת גדר ומקרקרת קיר ויוצאה החוצה...

מפי חכמים.

ר

1098 ר ב.

בְּאֵין חָבֵר אוֹ בְּרֹב חֶבֶר —
בִּשְׁנֵיהֶם רַב הַשֶּׁבֶר...

אָן אַ חבר, אָדער אַ סך חברים — פון ביידן איז גרויס דאָס אומגליק...

1099 ר ב ו.

אִם רַבּוּ אוֹיְבֶיךָ,
יְמַעֲטוּ דְבָרֶיךָ...

אויב דיינע פיינט זיינען אַ סך, זאָלן דיינע ווערטער זיין ווייניק...

1100 ר ו ד ף.

רוֹדֵף הַגֶּבֶר אַחֲרֵי הָאִשָּׁה,
וּבְיָדֶיהָ-הִיא
תִּתְפְּשֵׂהוּ הָאִשָּׁה... [1]

דער מאַנסביל יאָגט זיך נאָך דער פרוי און די פרוי כאַפּט אים אָן...

1101 ר ו ח.

בְּיַד אֱלֹהֶיךָ,
הַפְקֵד רוּחֶךָ,
בְּיַד רוּחֲךָ,
הַפְקֵד גּוּפֶךָ... [2]

אין די האַנט פון גאָט פאַרטרוי דיין נשמה, אין די האַנט פון נשמה פאַרטרוי דיין גוף...

1102 ר י ב ד.

רִיבְךָ רִיב עִם גֶּבֶר
מִמְּךָ נִכְבָּד בְּחָבֵר... [3]

קריג זיך מיט אַ מענטשן וואָס שטייט העכער פון דיר...

---

1) ואָמר אַלפרעד מיסע: «האשה משולה לצל: אתה הולך אַחריה, היא נסה מפניך; אתה הולך מעליה, היא רצה אחריך». 2) אפיקטט היוני: «נאם ה׳, לא מצאתי שומר נאמן לך מגופך אתה». 3) והבריות אומרים: «בריבך עם בזוי תתבזה, ובריבך עם נכבד לא תכובד».

ר מ ה.

1103

כְּסִיל רִמָּה אֶת רֵעֵהוּ,
חָכָם מֵרֵעֵהוּ... [1]

ווען אַ נאַר איז ביכולת אָפּצונאַרן אַ צווייטן (און מען זאָל אים בשעת מעשה גלויבן), איז אַ סימן, אַז ער איז קלִיגער פון צווייטן...

1104

לְשָׂמֵחַ מִתְדַּמֶּה,
נַפְשׁוֹ-הוּא לֹא יְרַמֶּה...

אַ געמאַכטע פרייד קען דאָס אייגענע האַרץ ניט נאַרן...

ר ע ה.

1105

הַזָּקֵן רָאָה רָעָה,
יֵשׁ נִסְתָּר מִנָּהּ,
וְהַנַּעַר—יַעַבְרָהּ וְיִשָּׂאֶנָּה. [2]

אַז אַן אַלטער זעט עפּעס שלעכטס, באַהאַלט ער זיך אויס פון דעם; דער יונגער-גייט דורך און טראָגט עס איבער...

ר ע י ם.

1106

יֵשׁ רָעִים
לֹא נָתְנוּ חִתִּיתָם בָּאָדָם,
לוּלֵא שֶׁמֶץ הַטּוֹב
שֶׁבְּיָדָם. [3]

אַ סך שלעכטע מענטשן וואָלטן מיט זייער שלעכטס פיל ניט אופגעטאָן, ווען ניט דאָס ביסעלע גוטס וואָס זיי פאַרמאָגן...

ר ע י ם.

1107

מֵמִיר בַּחֲדָשִׁים
רֵעִים יְשָׁנִים,
מַחֲלִיף פְּרִי בִּנְצָנִים...

ווער ס׳ פאַרבייט אַלטע חברים אויף נייע פאַרבייט פרוכט אויף בליאונג...

1) כי כסיל לא יבין לרמות. 2) על דרך הכתוב ב«משלי»: «ערום ראה רעה ונסתר, פתאים עברו ונענשו» 3) כי מעט הטוב שיש בידם משמש להם תמיד לאחוז בזה עיני אחרים ולתפוש את הישרים בלבותם...

1108

רֵעִים יְגָרְשׁוּ עֶצֶב,
וְעֶצֶב יְגָרֵשׁ רֵעִים.

חברים פאַרטרייבן אומעט; אומעט פאַר-טרייבט חברים.

1109 ר פ י ו ן.

אִם כָּל עֲווֹנוֹ–רִפְיוֹנוֹ,
אֵין לוֹ כַּפָּרָה בָּעוֹלָם הַזֶּה.

אויב די איינציקע זינד פון אַ מענטשן איז זיין שוואַכקייט, וועט ער שוין קיין כפרה אויף דער וועלט ניט האָבן...

1110

אִישׁ אִישׁ וְרִפְיוֹנוֹ,
מִי בְּשִׂכְלוֹ, מִי בִּרְצוֹנוֹ. [1]

יעדער איינער מיט זיין שוואַכקייט: ווער אויף זיין שכל, ווער אויף זיין ווילן...

1111 ר פ ש.

נָקֵל סָחוֹב
וְהַשְׁלֵךְ אֶל הָרֶפֶשׁ,
מֵאֲשֶׁר לְחַלֵּץ מִנּוּ נֶפֶשׁ...

ס' איז לייכטער אַריינצושלעפּן אין אַ בלאָטע, איידער אַרויסצושלעפּן פון אַ בלאָטע.

1112 ר צ ו ן.

סוּס שׁוֹטֵף רְצוֹן בְּעָלָיו,
שֵׂכֶל טוֹב – רִסְנוֹ עָלָיו...

דעם מענטשנס ווילן, דאָס איז אַ פאַנאַנדער-געלאָזן פערדל, דער שכל זיינער, דאָס איז זיין צוימל אויף אים...

1113

לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ,
יַד אָדָם תּוּכַל,
אֲבָל קְבוֹעַ רְצוֹנוֹ
אֵי-אָדָם יוּכַל?... [2]

דורכפירן אַ ווילן קאָן אַ מענטש, אָבער וואָס צו וועלן ווייס ער ניט...

1) נ. א. «איש איש וצביונו, איש איש ושגעונו». 2) שפּנהויער. יש יכולת נתונה לאָדם מיד הטבע להוציא רצונו מכח אל הפועל, אבל לדעת ולקבוע מראש מה לרצות, קשה עד למאד...

1114

הָרָצוֹן מְשַׁחֵד,
אֶת הַשֵּׂכֶל הַמְפַחֵד...

דער ווילן קויפט אונטער דעם שכל...

1115

רָצוֹן כַּבִּיר וְיַד רֵיקָה —
גֶּפֶן בּוֹקְקָה...

אַ שטאַרקער ווילן און אַ ליידיקע האַנט איז ווי אַן אויסגעליידיקט וויינשטאָק.

1116

הָרָצוֹן — נָקָם וְלָצוֹן,
הַשֵּׂכֶל — נוֹחַ וּמוֹחֵל.. [1]

דער ווילן נעמט נקמה, דער שכל איז מוחל...

1) הרצון מתנקם, והשכל מוחל... וג"כ, הרגש קורא חמס, והשכל דורש משפט...

מפי העם.

1117 ר א ה.

יֵרָא שׂוֹנְאִי בְּאָשְׁרִי-מִשְׁמַנִּי,
וְאַל אֶרְאֶה אֲנִי
בְּפִיד מְשַׂנְאָי.

זאָל בעסער זען מיין שונא ביי מיר גוטס איידער איך זאָל זען ביי מיין שונא שלעכטס.

1118 ר ו ב.

בְּרוֹב חָכְמָה — רוֹב דַלּוֹת,
בְּרוֹב כֶּסֶף — רוֹב מַעֲלוֹת.

א סך חכמה-אַ סך דלות, אַ סך געלט-אַ סך מעלות.

1119 ר ג ע.

מַה שֶׁנֶּהֱרַס בְּרֶגַע בְּאַפֶּךָ,
לֹא תִבְנֶה כָּל יָמֶיךָ.

וואָס מען צעבערעכט אין אַ מינוט, וועט מען אינם גאַנצן לעבן ניט אָפּבויען.

1120

רֶגַע עִם בַּרְזֶל
שָׂרָה וַיּוּכַל אִישׁ,
וּמִשְׁנֵהוּ — מִזְּבוּב
יֶחֱלַשׁ חִישׁ...

אַ מאָל איז אַ מענטש שטאַרקער ווי אייזן, אַ מאָל—שוואַכער פון אַ פליג.

1121

רֶגַע בְּחִפָּזוֹן —
שָׁנִים בְּרָזוֹן. [1]

אַ רגע אין איילעניש, יאָרן אין חרטה.

1122 ר ד י ד י ם.

עַל בֶּגֶד עִדִּים,
יִכְּרוּ הָרְדִידִים...

צירונג לאָזט זיך מערער דערקענען אויף אַ שמוציק בגד... (פרגל. «גאָלד שיינט מערער אויף מיסט».

---

1) נ. א. «רגע באַף, שבוע בנוחם».

1123 ר ו ח.

רוּחֲךָ נָכוֹן וְלִבְּךָ זַךְ — יִהְיוּ לִמְרַאֲשׁוֹתֶיךָ כַּר רַךְ. [1]

אַ ריינער געוויסן איז אַ ווייכע קישן.

1124 ר י ב.

רִיב וּמְדָנִים בֵּין גַּבָּאֵי הַקְּהִלָּה, הַשַּׁמָּשׁ לוֹקֶה תְּחִלָּה...

קריגן זיך די גבאים, וועט דער שמש ליידן דער ערשטער.

1125

כַּד הַקֶּמַח כָּלְתָה, רִיב לַבַּיִת אָתָה. [2]

געענדיקט דאָס ביסל מעל, קומט דער קריג אַפן שוועל:

1126

בְּרִיבְךָ כָּל חֲצֵי חֲמָתְךָ אַל תְּכַל, זֵכֶר שׁוּב הַשָּׁלוֹם עַל לִבְּךָ הַעַל... [3]

ווען דו קריגסט זיך, לאָז איבער אַן אָרט אויף שלום ווערן.

1127 ר י ח.

עַל הַגָּלָל דָּרַךְ, רֵיחוֹ יָרַח. [4]

טרעט מען אויף מיסט, מוז מען אויך דעם שלעכטן ריח שמעקן.

1128 ר י ש.

רֵישׁ וַעֲצַלְתַּיִם, אַחִים שְׁנַיִם.

פוילקייט און אָרעמקייט זיינען שוועס-טער.

---

1) על דרך הכתוב: «אם תשכב לא תפחד ושכבת וערבה שנתך». 2) גמרא: «כד מישלם שערי מכדא, נקיש ואתי תיגרא בביתא». 3) לעולם יחשב אדם דרכו להניח מקום ופתח חרטה לשעת שלום... 4) ירושלמי: «ברית כרותה לו לפשפש שכל המוללו מריח בו»...

1129 ר ע.

רֵעַ אֶחָד לְצָרָתְךָ קָם,
טוֹב מִמֵּאָה וְאֵין צוֹרֶךְ בָּם.

בעסער איין חבר (וואָס העלפט) מיט אַ געקעכץ, איידער הונדערט — מיט אַ קרעכץ.

1130 ר ע ב.

גַּם בְּמִכְרֵי הַזָּהָב,
תַּשִּׂיג יַד הָרָעָב.

גראָבנדיק גאָלד קען מען אויך שטאַרבן פון הונגער.

1131 ר ע ה.

הָרָעָה —
בְּשִׁבְעָה דְרָכִים
הִיא בָּאָה... [1]

דאָס שלעכטס האָט אַ סך וועגן. (פרגל. אידיש: דורך אַ ברייטע טיר אַריין, דורך אַ שמאָלע אַרויס).

1132 ר ע י ד.

מִי הֵם רֵעֶיךָ לִי הוֹדַעְתָּ,
אוֹמַר לְךָ אֲנִי — מִי אָתָּה.

זאָג מיר ווער דיינע חברים זיינען, וועל איך דיר זאָגען, ווער דו בינסט.

1133 ר ו פ א.

רוֹפַאֲךָ הוֹקֵר וְגַם בָּרֵךְ,
עַד שֶׁאֵלָיו תִּצְטָרֵךְ... [2]

שעץ דיין דאָקטאָר איידער דו דאַרפסט אָנקומען צו אים.

1134 ר י ק.

אֵין מַכְבִּיד עַל חֵיק,
כְּכִיס רֵק.

ס׳ איז ניטאָ קיין שווערערע זאַך פון אַ ליידיקן טייסטער.

1135 ר ו ק.

אֱלֵי עָל יָרוֹק,
אֶל הַפָּנִים שָׁב הָרוֹק... [3]

שפייסט דו אינדערהויך, וועט עס צוריק פאַלן אין פנים...

---

1) הרעות ממהרות בבואן ומאחרות בצאתן... 2) מדרש; «אוקיר לאסיך עד דלא תצטרך לו»... 3) ואמרי אינשי ג״כ; «לנשק את עצמו אין אדם יכול, אבל הוא יכול לירוק על עצמו»...

1136 ר ש ע.

הָאֶגְרוֹף רֶשַׁע,
גַּם כִּי יַעֲטֶה מֶשִׁי...

די פויסט איז שלעכט, אַפילו ווען זי איז אין אַ זיידענער הענטשקע...

1137 ר ו ת ח י ן.

בְּרוֹתְחִין יִכָּווּ,
עַל פּוֹשְׁרִין נָשְׁבוּ...

בריט מען זיך אָפּ אויף הייסע, בלאָזט מען אויף קאַלטע.

ממדרש עם.

1138 ר ב ו ת.

רַבּוֹת מַחֲשָׁבוֹת בְּלֶב אִישׁ,
וַעֲצַת אִשָּׁה הִיא תָקוּם
תְּסַכְּלֵן חִישׁ...

אַ סך מחשבות אינם האַרץ פון מאַן,
און די עצה פון ווייב מאַכט זיי גיך צו
גאָרנישט...

1139 ר ב י ם.

„אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטּוֹת" —
לֹא לַחֲסַר לֵב
וְנוֹחַ לְהִתְפַּתּוֹת... [1]

«אַחרי רבים להטות» איז ניט קיין כלל
פאַר אַ נאַרן און וועמען ס׳ איז לייכט
איבערצוריידן...

1140 ר ג ש.

כָּל רֶגֶשׁ יִשְׁרֵהוּ,
הִיא הַדַּעַת הָפְכֵהוּ. [2]

שטאַרקער איז יעדער געפיל, נאָכדעם
ווי מען זעט אַרויס זיין קאָנטראַסט...
(נאָך פינסטערניש, צב״ש, שפירט מען
שטאַרקער די ליכטיקייט).

1141

הָרֶגֶשׁ בַּלֵּב חֵרוּת,
אֵינוֹ מְקַבֵּל מָרוּת.

דאָס געפיל פון האַרצן נעמט קיינע הער-
שאַפט ניט אָן איבער זיך...

1142 ר י ב.

רִיב הָרֶגֶשׁ וְהַשֵּׂכֶל נָדַם,
דַּע שֶׁאֵין עוֹד הָאָדָם... [3]

האָבן שויןביים מענטשן אויפגעהערט צו
קריגן זיך זיין האַרץ און מוח—זיי וויסן,
אַז עס איז שוין קיין «מענטש» ניטאָ...
(ז׳ באַמ.)

---

1) כי «לא רבים יחכמו», ודייק, הכסילים גם מפי ר ב י ם לא יחכמו...
2) שפינוזא. וזוהי אולי כונת המאמר בתלמוד: «לא נבראו רעמים אלא לפשט העקמומיות שבלב», כי אלמלא הרעמים שקדמו לא היינו מרגישים כל כך ולא היינו מתענגים על הדר הטבע וכל זיו יפעתה... 3) בשעה שכבר השלימו ביניהם הרגש והשכל ואין אחד צורר את אחיו, סימן, שהאדם כבר שב משדה המערכה, והגיעו הימים שאין בהם חפץ...

1143 ריוח והצלה.

אִתְּמַר, מָהוּ רֶוַח וְהַצָּלָה?
— נְעַל צָרָה נְעָלָה,
וּבוֹא בַּחֲדָרֶיךָ וְשָׁלֵה. [1]

וואָס הייסט עס: «געראַטעוועט געוואָרן»?- אַז מען טוט-אָן אַן ענגן שוך און מען קומט און מען טוט עס אויס. (ז, באַמערק.)

1144 רחימתא.

אֵין רְחִימָתָא
בּוּלְבּוּסָא וַאֲבַטִּיחָן,
לָא תִתְרְמֵי
מִבַּעַד לְכַוִּין פְּתִיחָן... [2]

ליבע איז ניט קיין בולווע (Potato) דורכן פענסטער אַרויסוואַרפן קען מען עס ניט...

1145 רחק.

„מִדְּבַר שֶׁקֶר
תִּרְחַק", — רְחִימָאִי!
לֹא נִצְטַוָּה עָלֶיהָ
שַׁדְכָן וְעִתּוֹנָאִי... [3]

דער פסוק וואָס זאָגט: «פון אַ ליגן זאָלסטו זיך דערווייטערן» מיינט ניט דעם שדכן און אויך ניט דעם צייטונגס-מענטש. (און אַפילו ניט דעם פּאָליטיקער).

1146 רמז.

רֶמֶז לְאִסּוּר גִּלּוּי הָרֹאשׁ:
אַבְרָהָם אָבִינוּ נִצְטַוָּה:
„לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ" וכו';
נוּ, וְכִי סָלְקָא אַדַּעְתָּא,
שֶׁיְּהוּדִי דְכַוָּתֵיהּ
יֵיזוּל בְּלִי בּוּרְנִיטָא?... [4]

ווו ליגט עס אָנגעוווּנקען אין פסוק, אַז מען טאָר אָן אַ היטל ניט אַרומגיין?—ביי אַברהם אָבינוּ איז געשריבן, אַז ג' האָט אים געזאָגט: «גיי פון דיין לאַנד א. אַ. וו.» נוּ, איז עס היתכן, אַז אַזאַ איד ווי ער וועט גיין אָן אַ היטל?...

---

1) קובלים ב"י על רוע מצבם, הפורעניות הולכות ומתגברות וכשל כח הסבל וכו' «וחכמי לאַזענקה» משיאים להם עצה טובה, שאם הם רוצים באמת «להרגיש» בריוח והצלה שיעמוד להם: ינעלו מתחילה נעל צרה שתלחץ, תדחק ותדכדך עד דכדוכה של נפש, ואח"כ ישובו לביתם ויחלצוה, ואורו עיניהם ממש. 2) ברוסית: „Любовь не картошка, не выбросишь через окошко" 3) כך ענה עתונאי בשעה שנשאל, מדוע הוא מרבה כ"כ בגוזמאות ודברי הבאי... 4) «בורניטא» בארמית — כובע.

1147 ר ע ה.

אָכֵן רָאִיתִי רָעָה
תַּחַת הַשֶּׁמֶשׁ:
אִם לְכַלְכֵּל נַפְשׁוֹ אִישׁ,
יֵלֵד לַעֲמֹל לֹא-אִישׁ...

אָט דאָס טאַקע הייסט שלעכט אונטער דער זון: אַז כדי אַ מענטש זאָל זיך אויסהאַלטן, דאַרף ער אָנווענדן אומ-מענטשליכע כוחות...

1148 ר ו ע ה.

"רוֹעֶה צֹאן מַרְעִיתוֹ", —
אַל תִּשְׁכַּח הָ"ע"
בְּאֶמְצָעִיתוֹ... [1]

דאָס העברעאיש וואָרט «רועה צאן» שרייבט זיך מיט אַ «ע», זאָל עס אַ סימן זיין, אַז אַ פאַסטוך (אַ פירער) דאַרף גוט «רואה בעינים» זיין (גוט אַכטונג געבן) אויף זיינע שעפסעלעך...

1149 ר ע י ם.

נַקְטִינָן: חֲסַר רֵעִים — עָנִי,
וְעָנִי — חֲסַר רֵעִים...

מיר האָבן בקבלה: אַ מענטש אָן חברים איז אַן אָרימאַן, און אַן אָרימאַן איז אָן חברים...

1150 ר פ א.

"וְרַפֵּא יְרַפֵּא" — דְּרוֹשׁ:
עַד שֶׁלֹּא נֶחְתַּךְ הָרֹאשׁ... [2]

דער פסוק זאָגט: «ורפא ירפא» — מען דאַרף היילן, דאַרף מען עס פאַר-שטיין; כל זמן דער קאָפּ איז נאָך ניט אַראָפּגעשניטן...

1151 ר צ ה.

אוֹי לוֹ לְמִי
שֶׁרָצָה לִחְיוֹת וְלֹא מָצָא,
וְאוֹי לוֹ לְמִי שֶׁמָּצָא
וְלֹא רָצָה.

וויי איז דעם וואָס וויל לעבן און קען ניט, און וויי איז דעם וואָס קאָן לעבן און וויל ניט...

---

1) המלה «רועה» נכתבת ב«ע», סימן שאין הרועה רשאי להעלים ע י ן מצאן מרעיתו... 2) כי אין חותכין הראש למען רפאהו... בגמרא: «ורפא ירפא מכאן שנתנה רשות לרופא לרפא».

„אֵין אָדָם מֵשִׂים עַצְמוֹ רָשָׁע", וְרָשָׁע—מֵשִׂים עַצְמוֹ אָדָם.

די גמרא זאָגט: «אַ מענטש מאַכט זיך אַליין פאַר קיין רשע ניט»; אַ רשע אָבער מאַכט זיך יאָ פאַר אַ מענטשן...

מפי חכמים.

ש

1153 שאינו יודע לשאול.

שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל נְכוֹנָה,
לֹא יָבִין
גַּם פֵּתֶר פִּתְרוֹנָה... [1]

דער וואָס פאַרשטייט ניט ריכטיק ווי צו פרעגן, דער פאַרשטייט אויך ניט, וואָס מען ענטפערט אים.

1154 שאיפה.

הַשְׁאִיפָה לְמַטָּרָה,
עַל חֶצְיָהּ עֲבָרָה... [2]

דאָס שטרעבן צו אַ ציל איז שוין האַלב דערגרייכט.

1155 שאף.

לְהַרְבֵּה שְׁאַף,
וְהִסְתַּפֵּק בִּמְלֹא הַכַּף...

שטרעב צו אַ סך, באַגנוגן זיך מיט ווינציק.

1156 שבח אני.

וְשַׁבֵּחַ אֲנִי דוֹדִי וְלוּ דָחֵק,
מֵרוֹדִי וְלוּ רָחֵק... [3]

בעסער א נאָנטער פריינט, וואָס דריקט מיר אפילו צייטנווייז צו, איידער אַן אונטערדריקער וואָס איז איצט אַפילו ווייטער...

1157 שבעה.

שִׁבְעָה יָמִים
לַמֵּת בְּכוֹ בָכֹה,
וְלַכְּסִיל — כָּל הַיָּמִים
דֶּמַע בַּל מָחֹה...

אַ טויטן באַוויינט מען זיבן טעג, אַ נאַרן—דאָס גאַנצע לעבן.

1) אין פתרון לשואל שלא מדעת. 2) השאיפה למטרה — חצי השגתה...
